STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05013

MIT ZIKH UN MIT ANDERE

Shlomo Warzager

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Allen Zeltzer
in memory of
Fannie Chover Zeltzer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה וואָרזאָגער

✶

מיט זיך און מיט אַנדערע

ד ע ר צ י י ל ו נ ג ע ן

און

ע ס י י ע ן

פֿאַר פֿרײַנט

חיים שאול ברנע

דעם קולטור-מענטש

ליבהאָבער פֿון ייִדיש און

ייִדישן ספֿר און סופֿר —

פֿרײַנטלעך און מיט

אַ סך אָנערקענונג

מחבר שלמה וואָרזאָגער

20.6.97

מײַן דאַנק פאַר דער באַשטײַערונג צום אַרויסגעבן דאָס בוך
דעם ייִדישן שרײַבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראײן אין ישׂראל ;

דעם טובה און מאַקס פרידלאַנד־פאָנד בײַם פאַרבאַנד סירקין־קלוב ;

אַ באַזונדערן דאַנק מײַן פרײַנד, בן־עיר פּנחס גאָלדמאַן
פאַר זײַן ממשותדיקער הילף.

שלמה וואַרזאַגער

מיט זיך און מיט אַנדערע

דערציילונגען
און
עסייען

ה. לייוויק-פֿאַרלאַג
בײַם פֿאַראיין פֿון יידישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל

שלמה וורזוגר

עם עצמי ועם אחרים

SHLOMO WORZOGER

WITH ME AND WITH OTHERS

©
כל הזכויות שמורות

נדפס בישראל תשנ"ז
Printed in Israel 1997

דפוס „שמגר 86", טל' 03-6828704



געצייכנט פון משה בערנשטיין

אַן אָדלער: סײַ די װאָלקנס, סײַ די הימלען בלויע שנײַדט ער.
אַ דיכטער: דורך טונעלן, ברײטע שליאַכן — צו די מאָרגנס גײט ער.

פון דער פּאָעמע „יאָמערגעזאַנג"

דערציילונגען

פרידע

פרידע

1

באַגעגנט האָבן זיי זיך מיטוואָך נאָך מיטאָג. דאָס איז דער איינציקער טאָג וואָס דער אַדוואָקאַט ראָנען אַבני אַרבעט אָן אַ הפסקה פון נײַן אין דער פרי ביז אַ זייגער פיר. פרידע איז געקומען צו דער אָפּגערעדטער שעה. ס'ערשטע מאָל זינט דרײַ יאָר נאָכן אַרויסבאַקומען דעם גט פאַרבעט ער זײַן געוועזענע קליענטין אויף אַ פּריוואַטן וויזיט צו זיך אַהיים.

— מאַכט מיך שיין, — האָט פרידע געזאָגט צו דער פריזירערין יאָגנדיק זיך אין וועג אַרײַן, — איך גיי אויף אַ וויכטיקער באַגעגעניש.

אַבני האָט געוואַרט אויף איר אין דרויסן לעבן ביוראָ בײַ זײַן מאַשין. אָט קומט זי אָן מיט אײַלנדיקע טריט.

— סליחה, ראָנען, געפּאָרן מיט צוויי מאַשינען, וואַרטענישן.

אַ הויכלעכע, אַ פולע, אַ ביסל שטעלצעוואַטע, נישט קיין יפת־תואַר, אַ שיקלדיקער קוק אונטער ברילן, שוואַרצאַפּלען לויפנדיקע הין און צוריק, אַ פאַרשעמטער בליק און אַן אָפּדרייען זײַטיק דעם קאָפּ, ווי עס טרעפט בײַ נישט אימפּאָזאַנטע מענטשן. די געלבלעך־בלאָנדע שיטערע הערעלעך אויפן קאָפּ, וואָס כאַפּן די מראה פון קליאַטשע, ליגן אַצינד גוט פאַרקאַמט, האַלטן פאַסאָן.

— ס'איז גאַרנישט פאַרשפּעטיקט, — באַרויִקט ער זי, — פינף־צען מינוט און מיר זענען אין שטוב.

פרידע פאַרענטפערט זיך פון דעסטוועגן, באַשר ער האָט אַוודאי געוואַרט אויף איר. איר סאַבּרישער חיתוך־הדיבור דער־

מאָנט אים אין אירע רייד, אַ סך רייד בעת די לאַנגע אָפטע וויזיטן אין ביוראָ, ווען ער האָט זיך מטפל געווען מיט איר ענין גט, האַלב־שעהעדיקע און שעהעדיקע וויזיטן, צו מאָל מיט טרערן אין די אויגן, רייד מיט אַ שנעלקייט נישט אַרײַנצושטעלן אין מיטן אַ קאָמע, אַ פּונקט.

לעבן אים זיצט זי אַצינד בײַ אַ גרויסן סאַלאָנטיש, שטיל, עטוואָס צוריקגעהאַלטן, דער נערוועזער צוק אַרום די מוילווינקלען און ליפּן הערט נישט אויף. זי איז אויסגעסטרויעט אין אַ סאַלאַדין־קאָסטיום פּאַרפּוצט מיט אַ ווײַס בע־בע קעלנערל, וואָס וואַרפט אַ העלקייט אויף איר נישט שיין, נישט מיאוס פּנים. ער, אַבני, זעט דאָס מאָל אויס אַ סך שענער ווי דעמאָלט אין ביוראָ. פּאַרט דרײַ, העכער דרײַ יאָר זיך נישט געזען. מנהסתם האָט אויך ער אַלץ געטאָן, כּדי אויסצוזען שענער, עלעגאַנטער ווי אין יענע טעג, ווען זי איז געווען אַן אָפטער גאַסט בײַ אים אין ביוראָ.

— איז וואָס זאָגסטו עפּעס גוטס ? — פּרוּווט ער איבעררײַסן די שטילקייט.

— גוט דיך צו זען, ראָן.

— איך וויל דיך אַצינד הערן.

— נאָך נישט געכאַפּט דעם אָטעם פון וועג.

— מאַך זיך באַקוועמער דאָס זיצן, — בעט ער זי איבער, הייבט זיך אויף, ער גייט זיך מאַכן אַ טוש.

אַ געוווינטשאַפט בײַ אים, אַזוי יעדן טאָג נאָך דער אַרבעט. אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס׳ביוראָ־אַנטאָן, אַרויס פון די לאַטשן און אַרײַן אין די שטעקשיך.

נישט היימלער זיצט פרידע. זי איז פון דעסטוועגן צופרידן. זי האָט צײַט זיך אַרומצוקוקן : אַ שיינע, רחבותדיקע דירה. ביכער. פּאָליצעס מיט ביכער פון פאַרשיידענער גרייס, גרעב, לענג, קאָלי־ריקע גאָלד־געליישטע רוקנס. גרויסע אותיות : העברעיִשע, לאַטיי־נישע, אַראַבישע. זי לייענט יעדן אות חוץ אַראַביש, יעדן אות באַזונדער און פאַרשטייט נישט די ווערטער. אַ נידעריק שענקל

אין ווינקל פון סאַלאָן מיט ברייטלעכע פּאַליצעס — ווידער ביכער. עטלעכע זשורנאַלן ליגן דאָרט אָנגעוואָרפן. אירע אויגן פאַרהאַלטן זיך אויף אַן אָפענער טיר, וואָס פירט אין שלאָפצימער. אַ געדאַנ־קען־בילד קומט איר קאַפּויער: אַ, דער שלאָפצימער. זי וויל דעם געדאַנקען־בליק אָפּטרײַבן פון זיך און עס לאָזט זיך נישט. עס פלאָנטערט זיך אין געדעכעניש אָט דער נאַרישער, מטושטושער געדאַנקען־בליק. וועז, ווי, ווי אַזוי, פאַר וואָס איז עס געשען מיט איר? יאָ, מיט איר איז עס געשען. אָ, יענע נאַכט, יענע פינצטערע שעה הייבט איר אָן קלאָר ווערן, פינצטער קלאָר: אַן ערשטער איינמאָליקער שפּאַציר מיט אים, ראָנען, אויסערן ביורא. די שפּאַ־ציר־טעראַסע בײַם ים. און אירע אויגן זעען: איר מאַן אַלעקס מיט עפּעס אַ האַלב־נאַקעטער נפקה ליגן אויפן זאַמד אַרומגע־נומען. אין די שלייפן נעמט קלאַפּן ווי מיט האַמערס. פאַרטויבט ביז חלשות ווערט זי פּלוצעם. דער אָטעם פאַרהאַקט. זי קאָן קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. אַ צעבראָכענע, אַ צעוויייטיקטע זוכט זי אַן אָנלען בײַ ראָנען, וואָס שטייט אין איר אַ פאַרקוקטער, ווייסט נישט, וואָס איז פּלוצעם געשען. אירע פיס ברעכן זיך, אָט־אָט פאַלט זי. כּדי וואָלט די ערד זיך אונטער איר געעפנט און זי אײַנ־געשלונגען. „קום, נעם מיך, — שרײַט זי היסטעריש אויס, — צו זיך אַהיים!" אירע ליפּן שטאַמלען. ס'קול — נישט איר קול. ראָן שווײַגט, קוקט אויף איר און שווײַגט. דאַכט זיך, ער האָט עפּעס געמורמלט, ראָן. זי האָט נישט געהערט, נישט באַנומען געגנוי זײַנע ווערטער. אָט שפּרײַזן, שפּאַנען אירע פיס פאָרויס, פאָרויס, ווײַטער פון אָרט, זי דרייט אָפּ דעם קאָפּ אין אַ פאַרקערטער ריכטונג. ווו איז ער, ראָן? זי הערט זײַנע טריט אונטער זיך. וווּהין גייט זי, ווו פירן איר די פיס? „קום, ראָן, נעם מיך אַהיים צו זיך", — הערט זי זיך ריידן און ס'דאַכט זיך איר, אַז נישט זי רעדט צו אים. אויך זײַן מורמלעניש מיט אַ האַלבן טראָט הינטער איר הערט זיך אַצינד אַנדערש ווי תּמיד. „באַדענק זיך, באַדענק זיך", — קלינגען די אָפּגעהאַקטע, איינציקע ווערטער אין אירע אויערן, און זי ווייסט

נישט וואָס ער וויל פון איר. אָט־אָט זיצט זי לעבן אים אין מאַשין שטום ווי די וואַנט. אויך ער רעדט נישט. אַ טיר עפנט זיך. זי זעט פאַר זיך אַן אָפענע טיר, מאַכט עטלעכע טריט און פאַלט אויף אַ בעט מיטן פּנים אַראָפּ. אין אָנטאָן, אין די שיך, מיטן פּנים אויף אַ קישן און וויינט, כליפּעט אין קישן אַריַין.

ניין, נישט זי איז עס געווען. אַן אַנדערע איז עס געווען ביַי ראַנען אין שלאָפצימער.

אַ גאַנצע נאַכט מיט ראַנען אין בעט. זי געדענקט נישט זי זאָל עפּעס האָבן פון זיך אַראָפּגענומען, צי ער איז מיט איר אַ נאַקע־טער געלעגן. ראָן, דער דזשענטלמען, האָט אויף איר קיין פינגער נישט אַרויפגעלייגט. ער האָט נאָר שטיל גערעדט, געשעפּטשעט. זי האָט קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען.

פרידע האָט אין די רגעס אַלץ געזען, געהערט, ווי אָקערשט נעכטן איז עס געשען. מיט איר, נישט מיט קיין אַנדערער איז עס געשען, כאָטש אין די העכער דריַי יאָר, וואָס זענען פאַרביַי, האָט זי אַלץ פאַרגעסן, עלעהיי די גאַנצע זאַך איז איַינגעזונקען, אַראָפּ־געזונקען אין דער שיכחה, ווי אין אַ קבר.

איצט, אַזוי צופעליק, אַזוי אומגעוואָלט, אומגעריכט האָט דער קבר זיך פאַר איר געעפנט...

וואָס טוט זי דאָ אַצינד? פרעגט זי זיך, פרידע. אייגנטלעך דאַרף זי דאָך צופרידן זיַין. דאָס צופעליקע טרעפן זיך מיט ראַנען, זיַין פאַרבעטן זי געסטלען זיך, וויזיטירן ביַי אים, אין זיַין וווינונג, איז דאָך אַ חלום געווען. זי האָט דאָך, קאָן מען זאָגן, געוואָרט אויף אַזאַ צופאַל, ער, איר געוועזענער אַדוואָקאַט, זאָל זי פאַר־בעטן צו זיך אַהיים. אמת, זי האָט זיך באַפריַינדעט מיט אים. ער איז איר געפעלן מיט זיַין באַנעמונג, מיט זיַין אינטערעסירן זיך מיט איר גורל אויך נאָכן אַרויסבאַקומען דעם גט. אמת, אַז ער איז אויך נישט קיין יפת־תואר. נעבעך אַ געטראָפענער, אַן אומגליק־לעכער, אַן אומגעראָטענער. אַ פאַרריסענער קאָפּ אויף אַ ביַיניקן נידעריקן האַלדז פאַרשטעקט צווישן די אַקסלען, אַ קרומע פּלייצע,

הויכער ברוסטקאַסטן. זי דערמאָנט זיך: ס׳ערשטע מאָל בײַם אַרײַנ־קומען אין ביוראָ איז איר געוואָרן אַ ביסעלע קילבלער אויפן האַרצן. געמיינט צו טרעפן אַ מאַנצביל, אַ גבר, זי וועט דאַרפן אַרויפקוקן צו אים, כאָטש זי איז נישט פון די קליינע. נאָך דעם, באַקענט אים נענטער, האָט איר אַפילו אָנגעהויבן אַרן, גוט אַרן, וואָס דווקא אַזאַ מענטש, אַ פּעיקער, אַ קלוגער, אַן אַדוואָקאַט זאָל נעבעך אַזוי אויסזען. זי האָט געמיינט, אַז אַזאַ שטייגער מענטש גייט מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. אָ, ניין, פאַרקערט. אויפגע־הויבן, פאַרריסן האַלט ער דעם קאָפּ. מענטשן זאָגן, אַז מיט אַזאַ קאָפּ ליגט מען נײַן איילן אין דער אדמה.

פרידע האָט אַליין געוואָלט פאַררעדן זיך, ווי מ׳זאָגט, די ציין. זי האָט אָפּגעקערט די אויגן פון שלאָפּצימער. זיך אונטערגעהויבן, געמאַכט בעסער ס׳זיצן און געווענדט אירע אויגן אויף די ביכער־פּאָליצעס. איבערן ביכער־שענקל הענגט אַ פּאָרטרעט אין אַ געזיל־בערטער ראָם. אַ שיינער קאָפּ פון אַ מאַן, אַוודאי אַ קאָפּמענטש.

אָט באַווײַזט זיך ראָן:

— סליחה, פרידע, זיך געלאַנגווײַליקט?

— ניין, ראָן, בײַ דיר אין שטוב לאַנגווײַליקט מען זיך נישט.

ערשט איצט זעט זי אים, ראָנען, קאָן מען זאָגן, ערשטמאָליק, נאָך אַ העכער דרײַ־יאָריקן איבעררײַס.

דאָס איינציקע שיינע אויף אים זענען גראָד דער קאָפּ, דער הויכער שטערן, די פולע זינלעכע ליפּן, די העל בלאָע אויגן. אַ יונגער גלאַנץ אין זיי, גאַרנישט ווי בײַ אַ מענטש פון העכער פופציק יאָר, אפשר אַ סך איבער די פופציק. עטלעכע שיטערע בלאָנדע הערלעך אויפן נאַקעטן קאָפּ.

פרידע איז שנעל צו זיך געקומען, נישט ווי איר טבע בעת אַן ערשטער באַגעגעניש מיט אַזאַ שטייגער מענטש, וואָס ברענגט זי אין אַ פאַרלעגנהייט, און איז גורם אָפּצודרייען זײַטיק איר קאָפּ. אַזוי ווי זי האָט אים געזען די עטלעכע יאָר אין דמיון זעט ער

אַציד אויס. זײַן העל שמייכלדיק פּנים לאַכט אַרויס פון מאָרגנראָק. ס׳בלאָ פון די אויגן גיט אים צו אַ יונגע מראה.

— צו לאַנג דיך געלאָזט וואַרטן, האַ? — שמייכלט ער צו איר. — מאַכן טיי? אפשר אַ לײַכטן ביס?

— ראָן, טײַערער, איך בין אַ געגעסענע, געטרונקען פאַרן אַרויסגיין פון שטוב.

— אפשר אַ לחיים?

ער זעצט זיך צו נאָענט צו איר, רײַבט זיך האַנט אין האַנט מעשׂה פול מיט קוראַזש, אפשר געמאַכטן קוראַזש. און שוין אַרבעט זײַן מויל. אַבני דער חכם ווייסט, אַז זײַן שיינקייט, געראָטנקייט איז אין מויל, זײַן מויל העלפט אים האַלטן הויך דעם קאָפּ.

— ביסטו אַליין, פרידע? — קלינגט זײַן קול היימלער, ווי אַ המשך פון אַן אָקערשט איבערגעריסענעם שמועס.

נאָך אַ ווײַלע שווײַגן, אַ פּנים אַן אומגעריכטע שאלה, זאָגט זי:

— יאָ און ניין.

— כ׳בין טאַקע אַן אַדוואָקאַט, אָבער אַזאַ תשובה פאַרשטיי איך נישט.

נישטאָ קיין ענטפער.

— איך האָב דיך עפּעס געפרעגט, פרידע?

— אויף אַן ערשט מאָל איז גענוג, מיין איך, דער ענטפער.

— עס הייבט אָן ווערן אינטערעסאַנט.

ניין, לענגער טאָר מען אים נישט לאָזן וואַרטן, — זאָגט פרידע צו זיך. — און נאָך אַ קורצן ישוב־הדעת איז זי ממשיך:

— ער קומט צו מיר.

— ווער?

— מײַן געוועזענער מאַן.

פרידע האָט תּיכף חרטה געקראָגן. אים, ראָנען, וואָס האָט זי הײַנט פאַרבעטן צו זיך אַהיים, און זי האָט עס אייגנטלעך דער־וואַרט, געהאָפט דערויף, האָט זי אַזאַ תשובה נישט באַדאַרפט

געבן. אויך האָט זי פאַרגעסן, אַז ראָן איז שוין ווײַט נישט גלײַכ־גילטיק צו איר. זײַנע שאלות זענען נישט, ווי מ׳זאָגט, סתּם אין דער וועלט אַרײַן. דאָס איז אַן ערשטער, אָבער זיכער נישט דער לעצ־טער וויזיט בײַ אים. זיי זענען דאָך אַלטע גוטע פרײַנד. זי געדענקט דעם לעצטן טאָג אין ביוראָ בײַ אים. דער גט איז בײַ איר אין טאַש. זיי געזעגענען זיך. ער הייבט זיך אויף פון טיש, טריטלט צו לעבן איר צו דער טיר, דריקט וואַרעם איר האַנט: „להתראות, פרידע״. „להתראות, ראָן״.

ער לאָזט נישט אַרויס איר האַנט פון זײַנער, שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער, פּרוּווט צובייגן זײַן קאָפּ צו איר פּנים, אָפּפּרעסן אַ קוש, פּרוּווט און וואַגט נישט. זי קאָן ביז הײַנט זאָגן מיט דער האַנט אויפן האַרצן, אַז זי האָט נישט געהאַט קעגן, אָבער אינס־טינקטיוו האָט זי אָפּגעדרייט דעם קאָפּ. זי האָט אין דעם מאָמענט געדענקט און פאַרגעסן צו פרעגן: „וועט מען זיך נאָך זען, ראָן?״

2

אויפן וועג צוריק אַהיים (ער האָט זי צוגעפירט מיט דער מאַשין) האָט זי למען־האמת אָנגעהויבן באַדויערן. זי האָט אים, אייגנטלעך, באַדאַרפט דערציילן, אַז ער, אַלעקס, פאַרדרייט איר דעם קאָפּ, מאַכט משוגע איר שׂכל, זי וויל אים נישט זען מער, און געזאָגט האָט זי — ווידער זיך באַנאַרישט: — ווען דו ווייסט, ראָן, מיט וויפל האַס איך ליב אים.

מ׳האָט נאָך פון יוצא־וועגן, אין דרויסן בײַם מאַשינדל אַ ביסל גערעדט, אָבער די רייד האָבן זיך נישט געקלעפּט. זײַנע לעצטע ווערטער צו איר זענען געווען:

— פאַר וואָס, פרידע, וווינט אַזאַ אומעט אויף דײַן פּנים? — און צו זיך: „איך פיל ווי אין איר וואַרעמער האַנט קלאַפּט אַן אָדערל״.

די נאַכט איז פרידע פון דעסטוועגן גוט געשלאָפן. זי איז נישט אַליין, האָט זי צו זיך געזאָגט. אַ נאָענטער פריַינד איז איר ראָן. אַ געפיל פון בטחון גיט איר צו די פריַינדשאַפט. איר האַרץ פרייט זיך, ווי ס׳פרייט זיך אַ האַרץ מיטן סוד פון אַן ערשטער ליבע. אמת, ער איז נישט פון די מענער, וואָס מאַכן אַ רושם, אָבער אַן אינטע־ליגענטער מענטש, אַ באַרימטער אַדוואָקאַט. קיין שדכנים, זאָגט זי צו זיך, קלאַפּן נישט אָפּ ביַי אים די טירן. „איינער איז קיינער״, — זאָגט אַ ווערטל. די געריימטע וווינונג בענקט נאָך אַ פרוי. איז וואָס, אַז זי איז ייִנגער פון אים מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר? נישט פון אייגענעם ווילן איז ער פאַראיינזאַמט געוואָרן. דער, ווער עס איז אין זיַין גוסט, וועט ער נישט געפעלן, ווער עס וועט זיַין אַ בעלן אויף אים — וועט אים נישט געפעלן. נישט אַנדערש: „גאָט זיצט אויבן און פּאָרט אונטן״.

זי זעט באַשיַימפּעלער: עפּעס גורלדיקס בינדט זיי.

ליבע איז אַ מטבע מיט צוויי זיַיטן, זאָגן מענטשן, און זי ווייסט נישט וואָס ליבע איז, מיט וואָס „עסט״ מען דאָס, ווי עס חכמען זיך די סאַברעס. אָהאָ, די יונגע חברה, זיי „עסן״ דאָס: נעשה־ונשמע. זאָל זיי ווויל באַקומען. אויך זי איז נישט פון אייגענעם ווילן איינ־זאַם. דער טאַטע האָט אים, אַלעקסן, געברענגט אין שטוב אַריַין, פון דער פאַבריק ווו ער אַרבעט האָט ער אים געברענגט. נישט מ׳האָט זי געפרעגט צי ער געפעלט איר, נישט געהערט פון אים קיין וואָרט דערוועגן. אין שטוב אַריַין געברענגט, ווי דאָס ווערטל זאָגט: „אַז ס׳איז באַשערט אַ צרה, קומט זי אין שטוב אַריַין״. מ׳האָט זי חתונה געמאַכט, געוואָלט פּטור ווערן פון בבל. זינט זי געדענקט זיך האָט מען זי אין שטוב נישט ליב געהאַט. פאַר וואָס? — ווייסט איין גאָט. תּמיד האָט זי געזען אויף די פּנימער פון טאַטע־מאַמע אַ מין פאַרדראָס. אפשר אַ טענה צו גאָט, וואָס ער האָט זיי נישט מזכּה געווען מיט אַ שיינער געראָטענער טאָכטער.

אויך אין בית־ספר האָט מען, ווי מ׳זאָגט, זיך מיט איר נישט געצאַצקעט. טאַמער איז ווייניק דער שיקלדיקער קוק, דאָס אומ־

לויפן פון די שוואַרצאַפּלען אַהין און צוריק, האָט זי נאָך צוליב די שיטערע, קורץ געשוירענע, שטייענדיקע הערעלער געטראָגן אַ בערעט. „דאָס בערעטל" — האָבן די תּלמידות, תּלמידים זי גערופן. ראַנען אַבני האָט פאַר איר אַ נײַע וועלט אַנטדעקט. זײַן אינטימע פאַרבינדונג מיט איר האָט דעם אײַנזען אין די אייגענע אויגן פאַרבעסערט. ער רעדט צו איר ווי צו זײַנס גלײַכן. נישט תּמיד, אין דער אמתן, פאַרשטייט זי וואָס ער זאָגט, וואָס ער איז אויסן, אָבער זי שעמט זיך איבערפרעגן. ווער איז זי? סך־הכּל אַ געהילפין אין אַ קינדער־גאָרטן. נישט קיין גאַנצע אַכט קלאַסן געענדיקט.

אויך דעמאָלט, אין יענע טעג, וואָכן, חדשים־לאַנג, ווען ס'האָט זיך געצויגן דער מישפּט סײַ אין געריכט, סײַ אין רבנות, מיט „גיי" און „קום", מיט ווייבע רייד „שלום־בית", מיטן ביטערן עקשן, ווען זי איז אַן אָפּטער „גאַסט" געווען בײַ ראַנען אין ביוראָ, האָט זי באַשײַטמפּערלער געזען, ווי ער קוקט אויף איר אַנדערש ווי אויף סתּם אַ קליענטין. הײַנט זײַן פרײַנדלעכקייט, וואָס ער האָט איר אַרויסגעוויזן. איין מאָל און נאָך אַ מאָל פאַרגעלייגט טרעפן זיך אויסערן ביוראָ...

זינט דעמאָלט לעבט זי מיט אַ דאָפּלט געפיל. ער איז אויך נישט קיין גליקלעכער מענטש: געלט, באַרימטקייט, אַ לוקסוס־דירה — נישט אין דעם איז דאָס גליק, האָט ער איין מאָל אין אַ שמועס אַרײַנגעוואָרפן. אינעווייניק, אין מענטש גופא, איז דאָס גליק.

אין אַן ערנסטן שמועס נאָך די אַרבעטס־שעהן, אויסערן ביוראָ, האָט ער זיך פאַר איר פאַרטרויט: אַ פרעמדער איז ער בײַ זיך אין לאַנד. איינער אַליין. נישט קיין משפּחה, נישט קיין קרוב. טאַטע־מאַמע, אַן עלטערער ברודער, גראָד אַ שיינער, שלאַנקער בחור, אַ פּראָפעסאָר — אַלע אין אויוון אַרײַן געגאַנגען. אָ, די ברוטאַלע שפּראַך פון דער צײַט. אים, דווקא אים, האָט די האַנט פון רוצח אויסגעמיטן. געשלאָפן יענע נאַכט בײַ אַ חבר פון שולבאַנק, אַ קריסט. נאַ דיר אַ דאָפּלט געפיל: פון איין זײַט זײַן עלנטקייט, פון

דער צווייטער זײַט — זײַן נאָענטקייט צו איר, אַוודאי מיט אַ צוועק. וואָס וויל זי דען פון אים? נישט זײַן רײַכקייט, נישט קיין מתּנות, נישט קיין פאַרברענגען. זי וויל אַ קינד.

זי אַרבעט, פאַרדינט אויף אויסקומעניש. ווען די מאַמע האָט נאָך געלעבט, האָט זי געהאָלפן צו דער פרנסה. העכער אַ יאָר ווי די מאַמע איז נישטאָ... איר מאַמע איז נישטאָ. דעם טאַטנס ווײַב איז נישט געשטאָרבן. געגנוי צום יאָר האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יונגער אַלמנה, נישט קיין סך עלטער פון זײַן טאָכטער.

האָבן זיך געדרייט צוויי פרויען אין שטוב. איינע איז געוואָרן איבעריק...

פרידע ווױנט אַליין. איז ראָן געוואָרן אַ נאָענטער, אַן אינטימער פרײַנד, ווי זאָגט מען הײַנט — אַ חבר. הײַנט אַ חבר מיינט אייגנטלעך אַ מאַן אָן חופּה־וקידושין...

איז וואָס, אַז זי וויל פון אים אַ קינד? ער האָט שוין אין דער אמתן באַדאַרפט זײַן אַ זיידע, האָט זי אים איין מאָל געזאָגט. צו שפּעט — האָט ער געענטפערט. זי האָט אים דערמאָנט זײַנע ווערטער: „אַ כינעזיש ווערטל זאָגט, אַז דעם לענגסטן וועג הייבט מען אָן מיט אַן ערשטן טראָט״.

— איך וויל דיך מאַכן פאַר אַ טאַטן, — האָט זי אים פּראָפּאָנירט. ער האָט געשוויגן, לאַנג געשוויגן. פאַרענטפערט זיך: ער האָט ווייניק געהאַט צו טאָן מיטן „שוואַכן מין״. און זי — בײַ ס׳איריקע: — דו לעבסט מיט אַ פרוי, נישט אונטער איין דאַך אָבער אין איין בעט. ווייסט, פילסט, אַז די פרוי האָט דיך ליב. און אַז די פרוי וויל פון דיר אַ קינד, איז דיר ווייניק?

שווײַגט ער, ראָנען, זײַן לאַנג שווײַגעניש, פילאָסאָפירט זײַן אַדוואָקאַטישע „פילאָסאָפיע״:

— אייגנטלעך זוכט מען נישט בײַ פרויען קלוגשאַפט, געלערנטקייט. מ׳זוכט בײַ אַ פרוי דאָס גראָדע און דערווײַדערדיקע, דאָס אומדערוואַרט־דערוואַרטע, דאָס האָפערדיק־פרײַלעכע, דאָס לייכטע־זאָרגלאָזע, ס׳גוטע געמיט, דעם שמייכל און ווער ווייסט וויפל

נאָך זאַכן, וואָס פאַר זיי איז נאָך קיין נאָמען נישטאָ. דאָס לעצטע איז קלוגשאַפט. געפעלט זי דיר, האָסטו זי ליב — איז זי שוין קלוג אויך. אַוודאי איז דער שׂכל אַ וויכטיקער צושטייער און גיט צו שיינקייט. זאָגן, אַז בלויז שׂכל קאָן אָנצינדן אין האַרץ פון אַ מאַן ליבשאַפט, איז נישט דער גאַנצער אמת, איז אויך נישט קלוג געזאָגט.

אַט זעט ער פאַר זיך, ראָן, פרידעס פּנים, וואָס איז נישט שיין און נישט מיאוס, אַ פאַרעוו פּנים: אַ מאָל אַ חנעוודיק שמייכעלע, אַ מאָל — אַ שאָטן פון אַ שמייכל, אָפט — אָפּשטויסנדיק, מער ווי אָפט — אַרויסרופעריש געמישט מיט אַ דערשלאָגנקייט, אַן אומבאַהאָלפנקייט. דאָס בולטסטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, זענען אירע פולע בריסט אונטערן ליבוש, ווי צוויי איינגעדרייטע לעבעדיקע שלאַנגען, וואָס באַוועגן זיך ריטמיש אין גאַנג אויף הויכע פּיס.

טרעפט אויך, אַז זי לאָזט אַ מאָל הערן ווערטער, וואָס וועקן בײַ אים צער, באַדויער און רחמנות: „אַזעלכע ווי איך זענען איבעריק אויף דער וועלט".

✶

נאַכט. שפּעטע נאַכט. פרידע שלאָפט נישט. זי איז פאַרקוקט אין סופיט, ווו אויף אַ האָקן הענגט אַן עלעקטריש לעמפּל אָן אַ שײַנדל. ווער, פאַר וואָס האָט דעם האָקן איבערגעלאָזט, ווייסט זי נישט. מיט דרײַ יאָר צוריק פּטור געוואָרן פון איר „באַשערטן". ער שלאָנדערט זיך ווי אַ הונט אויף דער גאַס. קומט אומגעריכט, שטייט ווער ווייסט ווי לאַנג דרויסנדיק פון דער טיר. אַ רחמנות אויף אים, כאָטש ער איז עס נישט ווערט, — טראַכט זי, — און עפנט אַ מאָל די טיר, לאָזט אים אַרײַן.

— אפשר אַ טרונק, הונגעריק?

ער שטומט. זיצט לעבן טיש אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. אַ שוואַרץ

באַוואַקסן פּנים. אַ טונקל, נעבעכדיק געשטאַלט, אַ שאָטן. אַט הערט זי ווי ס׳עפּנט זיך די טיר. נעלם געוואָרן.

„וואָס ניוכעט ער? — דער מאַמעס ווערטער. — יאָג אים אַרויס ווי אַ הונט״. אוי, דער מאַמעס ווערטער! ס׳איז ווען צו רייד געקומען וועגן אַ מאַן, אַ געגטן מאַן, אַ פריַינד, אַ חבר, יאָ חתונה, נישט חתונה. זי האָט איבערגעחזרט איר באָבעס ווערטער: „אַ מאָל האָט אַ פרוי צוגעלאָזט צו זיך אַ מאַן, אַן אייגענעם מאַן, נאָר צוליב איין צוועק — געבאָרן, ווי דער רבי האָט געזאָגט: פּרו־ורבו״.

דערויף האָט אַבני דער חכם, פאַר ווען זי האָט איבערגע־חזרט דער מאַמעס און באָבעס ווערטער, זיך געוויצלט:

— גוט געזאָגט דיַין באָבע עליה־השלום. פון דעסטוועגן, אויב אַ חברטע לאָזט צו זיך צו אַ חבר, אַן אייגענעם חבר — איז אויך נישט עק וועלט.

פרידע האָט אויף איר שטייגער געמאַכט איר חשבון מיט דער וועלט: אייגנטלעך פילט זי זיך אַצינד אין זעלבן מצב ווי פאַרן גט: איר מאַן, דער יונגער, שיינער, געזונטער פּוליאַק, דער עגאָיִסט האָט אויף זיַין שטייגער זיך אָפּגעזאָגט ווערן אַ טאַטע. ראָן דער אינטעליגענט, דער באַרימטער אַדוואָקאַט, דער אַלטער מאַן טוט עס אויף זיַין שטייגער. די וועלט, זאָגט אַ ווערטל, איז קיַילעכדיק, מ׳דרייט זיך, מ׳דרייט זיך צוזאַמען מיט דער ערד און מ׳שטייט אויף אַן אָרט. די וועלט איז אַ טעאַטער, אַ בינע. די זעלבע שפּיל, נאָר אַנדערע אַרטיסטן.

3

נאַכט. נישט די ערשטע נאַכט איז אַבני מיט פרידאַן אין בעט, אין זיַין בעט. דאָס מאָל קומען אים קאַפּויער אַלע זשעדנעקייטן פון אַ סך נעכט און טעג, יאָרן. אַלע טויערן פון פרייד, פון שימחת־

בשׂרים זענען פאַר אים אָפֿן. אָפֿן די ליבשאַפֿט פֿון אַ פֿרוי, אַ ווײַבספּאַרשוין. זי וויל פֿון אים אַ קינד, פֿרידע. נישט סתּם אַ חשק צו אַ פֿרוי פֿון אַן אַלטן קאַוואַליר איז עס. ראָן דער אַלטער קאַוואַליר דאַרף ווערן אַ טאַטע. נאַ דיר אַן אַוואַנטורעלע אויף די אַלטע יאָרן. אַ דראַבנער שווידער נעמט אים אַרום, כאָטש אין שטוב איז נישט קאַלט. אַ דעקע דעקט זײַ בײדע צו. אַ מילדע וואַרעמקייט, אַ דערבאַרעמדיקע, דעקט זײ בײדע צו. אָט באַרירן אירע נאַקעטע הענט מכּלומרשט צופֿעליק זײַן האַלדז, זײַן האָריקע ברוסט. אָט איז איר לאַנגער גלאַטער פֿוס אויף זײַנע שענקלען.

אין די אַ קורצע־אייביקע תּענוג־מינוטן פֿאַרגעסט מען ווער עס איז דער אָביעקט פֿון פֿאַרגעניגן. זי גיט זיך אים איבער. זי וויל אַ קינד. ער, דער אַלטער קאַוואַליר, זוכט ליבשאַפֿט, זוכט דעם נעכטיקן טאָג. זוכט אַ זאַך, וואָס איז נישט בנמצא.

נאָך האַלבער נאַכט. אַ באַליידיקטע, אַן אַנטוישטע זעט פֿרידע, אַז די לאַנגע אויסגעצויגענע שעהען ווערן אײַנגעשרומפּן. באַלד וועט שאַריען אויף טאָג. אַ ציטערדיקע פּאַרטאַגיקע דעמערונג אין פֿענצטער. אַבני איז וואַך. קאָן ער זיך פֿאַרגינען, — רעדט ער צו זיך אין געדאַנק, — פֿרידען נאָכגעבן? ער, אַ זקן, אַ יונגער זקן. זי — כּמעט אַ פֿערציק־יאָריקע פֿרוי. וועט זי אויסטראָגן, האָבן אַ נאָרמאַל, געזונט געבוירלינג פֿון אים, ראָנען אַבני, דעם „מוסטער־מאַן?״ ווי אַזוי קלערט מען עס איר אויף? איז זי מסוגל די זאַך צו באַנעמען? ווען יאָ, וועט דען פֿון איר אינגעווייד, פֿון אונטער אירע ריפּן נישט אַרויסווײַנען ס׳געבוירלינג?

ראָנען אַבני איז מיד פֿון טראַכטן. געדאַנקען, שאָטנס פֿון געדאַנקען קריכן אים אין קאָפּ. שלאָפֿט ער, דרימלט ער, זענען עס האַלוציניאַציעס?

טונקל אין שלאָפֿצימער. אַ האַלב־פֿאַרשלאָפֿענער, צעטומלטער זעצט ער זיך אויף, קוקט זיך אַרום — אַ ליידיק בעט. אַ באַנגיק

געפּיל בליט אין אים אויף, צעעפנט זיך, ווי אַ קלעפּיק געוויקס אין מיטן וואַסער.

פרידע איז נישטאָ.

✶

אַ קיל ווינטל, אַ פּאַרטאַגיקס, פּאַרגנבעט זיך אונטער בחיפּזונ־דיקן אָנטאָן, וואָס פרידע האָט אויף זיך געכאַפּט גרייטנדיק זיך אַן אײַלנדיקע צו זיך אַהיים. דער קאָפּ איז שווער אויף איר. ווי די קורצע שיטערע הערעלעך, צעשויבערטע אויפן קאָפּ, זענען אינע־ווייניק די געדאַנקען. זיי פּלאָנטערן זיך, די געדאַנקען, זי קען זיי נישט צונויפנעמען און דערטראַכטן ביזן סוף. איין זאַך ליגט איר אין זינען — וואָס פריער זײַן אין שטוב. אַראָפּוואַרפן פון זיך וואָס זי טראָגט, מאַכן זיך אַ וואַנע און אַרײַן אין בעט. שלאָפן. שלאָפן. שלאָפן. פאַרגעסן פון אַלץ, וואָס איז געשען.

זי האָט עס נישט איין מאָל אין שעהען פון אויפרעגונג געזאָגט ראָנען. ער, דער קלוגער קאָפּ, האָט איר געענטפערט:

— אַזאַ שלאָף איז פון גאָט. צו פרי פאַר דיר, מיידעלע.

פרידע אײַלט זיך אַהיים. דאָס שמאָלע געסל, וואָס פירט אין שטוב אַרײַן, איז שוואַך באַלויכטן. אַן עלעקטריש לעמפּל דרויסן פון דער טיר באַלײַכט דעם גאָרן טרעפּ. דאָס מאָל האָט דאָס לעמפּל אַן וויסן פאַר וואָס — שוין נישט איין מאָל געטראָפן — נישט געלויכטן. אויסגעברענט אָדער קאַליע געוואָרן. עמעצער שטייט דאָרט, זעט זי. מיטן דערנענטערן זיך מיטן שליסל אין דער האַנט דערקענט זי דעם „עמעצן" — דער תכשיט, איר געוועזענער מאַן. אַ געבויגענער, נידעריקער ווי זי געדענקט אים, זעט ער איר אויס. טונקעלע בגדים, צעשויבערטע האָר, געדיכטע באַוואַקסענע אַרום קאָפּ, פּנים. ס'העמד, צי אַ בלוזקע אונטער דער מאַרינאַרקע — אויך טונקל. אַ פּאַרשאָטנט געשטאַלט.

— וואָס טוסטו דאָ? — פרעגט זי דערשראָקן.

ער ענטפערט נישט.

— כ׳האָב דיך עפּעס געפרעגט, — שטייט זי שוין אויבן נעבן דער טיר. אין פּראָפיל צון איר שטייט ער מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, אַ שטייגער ער זוכט עפּעס, וואָס איז אים פון די הענט אַרויסגעפאַלן.

— איך וואַרט. — הערט זי נאָך אַ לאַנגן שווייַגן.

— אויף וועמען וואַרטסטו דאָ אין דער שעה?

— אויף דיר.

— וואָס עפּעס, וואָס ווילסטו פון מיר?

— כ׳האָב נישט ווו צו שלאָפן.

ווידער אַ שווייַגן.

— ווו ווױנסטו?

— אין ערגעץ נישט. בין מיט דער מאַמען.

— די גאַנצע צייַט ווו ביסטו, ווו לעבסטו?

— לאָז מיך אַרייַן, וועל איך דיר דערציילן.

— איך וויל גאָרנישט פון דיר הערן. גיי פון דאַנעט!

פרידע שטייט צו אים מיטן רוקן, רעדט איבער דער פּלייצע, שליסט אויף די טיר, די צווייטע האַנט אויסגעשטרעקט צו אים, ווי וועלנדיק אָפּשטופּן אים פון זיך. די טיר עפנט זיך. זי מאַכט אַ טראָט אינעווייניק, וויל צוריק פאַרמאַכן, און ער שטייט מיט איין פוס צווישן דער טיר און שוועל.

— אויף כּוח?! — הייבט זי אויף ס׳קול.

— חלילה, פריידעלע, שרייַ נישט.

זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן. וויל אים נישט אָפּשטופּן, וויל אים נישט אַרייַנלאָזן. ער שטייט אין זייַן גאַנצער גרייס האַלב אין דרויסן האַלב אינעווייניק. אַ קליין פּלעמעלע, ווי פון אַ צאַנקענדיק ליכטל זעט זי אין דער קוים־קוימיקער שייַן, אין זייַנע אויסגעלאָשענע אויגן. ס׳פּנים זעט זי ערשט איצט. אַ באַוואַקסן פּנים. וואָס לענגער ער שטייט, — סך־הכּל עטלעכע סעקונדעס, וואָס ציען זיך ווי שעהען, — ווערט איר אַלץ נענטער ס׳געשאַלט: דער גרויסער מאַנספּאַרשוין אין זייַן נאַכלעסיקן הילוך, דער שוואַרץ־חנעוודי־

קער שטאַלטנער מאַן, איר געוועזענער מאַן... ווען אַ הונט, אַ ווילד־פרעמדער היימלאָזער הונט, שטייט אַזוי בײַ איר האַלב אָפּענער טיר, וואָלט זי אים אויך נישט אַוועקגעטריבן.

אין די רגעס, וואָס זי שטייט אַזוי אַ פאַרטראַכטע, פילט זי נישט, זעט נישט, ווי שאַרנדיק זיך בײַ דער טיר איז ער שוין אינע־ווייניק. זי מאַכט צו די טיר, פאַרשליסט נישט.

אַן אַ וואָרט אַרויסצורעדן דערווײַטערט ער זיך פון איר. אַט זיצט ער בײַם טיש מיט אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. שטומט. זי ווייסט נישט וואָס מיט אים צו טאָן, וואָס מיט איר טוט זיך. וואָס, ווי אַזוי איז עס אין די רגעס געשען. בײַ איר טיש זיצט ער געגנוי אַזוי, ווי זי האָט אים נישט איין מאָל אין דמיון געזען. דמיון, צי ממש געזען.

זי פרעגט אים און ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס:

— ווילסטו אַ גלאָז טיי? האָסטו הײַנט געמיטאָגט?

— איך וויל גאָרנישט, פרידע.

— איז וואָס זאָל איך מיט דיר טאָן?

— גאָרנישט. כ'וועל אַזוי אונטערזיצן, אויסבעטן זיך אַ גע־לעגער אויף דער פּאָדלאָגע.

הייסט עס, זאָגט זי צו זיך, ס'איז געגנוי אַזוי, ווי זי האָט אים געזען אין חלום. צי אין דערווירקלעכקייט? אַצינד איז עס וואָר. ניין. נישט קיין שאָטן, נישט קיין געשטאַלט סתם אַן אויסדאַכטע־ניש. דאָס איז ער, איר געוועזענער מאַן. וואָס איז מיט אים געשען? אַזוי אָפּגעלאָזט, דערשלאָגן, איינער אַליין. אַן אַ דאַך איבערן קאָפּ. אַן אַ בעט ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן. אַן אַ לייטישן בגד. אַ פוילער געוועזן, אַ פוילער געבליבן, אַ כּלומניק.

לייגן זיך אין בעט אַרײַן און אים אַזוי לאָזן זיצן? זי וואָלט גערן אַרײַן אין באָדצימער זיך אַרומוואַשן. ווי קאָן זי דאָס טאָן? זי איז צעחושט. נאַ דיר אַן אַנשיקעניש! ווי אַזוי איז ער אַרײַן? ממש ווי אַ שאָטן זיך נאָכגעשלעפּט.

ווערדליק זײַן אויסזען איז ער מעגלעך אויך לוזיק. ניין. זי וועט אים אַזוי אַ נישט לאָזן זיצן.

— ווי לאַנג וועסטו אַזוי זיצן? — פרעגט זי און ווייסט, אַז ער וועט נישט ענטפערן. — הייב זיך אויף און גיי פון דאַנעט! — באַפעלט זי.

— פריידעלע, איך האָב נישט וווּ צו גיין.

— ווי לאָזט זיך עס אַ מענטש אַזוי אָפּ, וואָס איז מיט דיר?

— דאָס איז עס, פרידע. געמיינט וועסט מיך נישט אַרײַנלאָזן, וועסט נישט רעדן צו מיר.

— איך בין דיר נישט קיין שׂונא.

— איך קאָן דיך נישט פאַרגעסן. ביסט גוט געווען צו מיר.

— ביסט דאָך געווען מײַן מאַן.

— זײַ מיר מוחל, פריידעלע. ביסט אויך אַצינד גוט צו מיר. איך האָב קיינעם נישט, נאָר דיך.

— וואָס עפּעס מיך? וואָס זיך איצט דערמאָנט? חסר־דעה ביסטו?

— האָסט נישט חתונה געהאַט, ווייס איך.

— און דו?

— איך וועל נישט נאָך אַ מאָל חתונה האָבן. מ׳דאַרף מיך נישט. איך וויל קיינעם נישט. דיך וויל איך, דו ביסט געווען מײַן ערשטע.

— וואָס ערשטע?... וואָס? פאַרגעס! — האַקט זי אים איבער אין מיטן. — שלאָג זיך עס אַרויס פון קאָפּ, פון דײַן נאַרישן קאָפּ.

— ס׳ליכט אַרויסדריייען, האַ, פרידע? פאַרגעסן?

— אַך, טיפּש, גרויסער טיפּש, שיינער יונג, אַ קלאָג אויף דײַן קאָפּ. וואָס איז פון דיר געוואָרן? גיב נאָר אַ קוק אין שפּיגל, דאָ אין דער וואַנטשאַנק, ווי דו זעסט אויס.

און ער הייבט זיך אויף אין זײַן גאַנצער הייך, צענעמט אין דער ברייט די הענט און וויל צוגיין צו איר אַרומנעמען זי. פרידע רוקט זיך אָפּ און פּלאַצט אַרויס מיט אַ געלעכטער:

— קוק אים אָן, דעם מאַנספּאַרשוין. גיי פריער אַרײַן אין

באָדצימער, וואַרף אַראָפּ די ברודיקע בגדים, ס'לויזיקע העמד. גיי, איך וועל דיר אַרײַנוואַרפן אַ נאַכטהעמד.

אויף זײַן אויסגעלאָשענעם טונקל פּאַרוואַקסענעם פּנים האָט זיך געדראַפּעט אַ נאַרישער, פֿאַרשעמטער שמייכל, אַ שאָטן פֿון אַ שמייכל. ס'מויל עפֿנט זיך, וויל קאַנטיק עפּעס זאָגן און פֿאַר־שליסט זיך צוריק.

— ווילסטו עפּעס עסן, אַ טרונק?

— איך וויל פֿון דיר גאָרנישט. אַרומוואַשן, האָסטו געזאָגט. אָט גיי איך אין באָדצימער און דו טו וואָס דו דאַרפֿסט.

— און דו? — — — נישט אויף דער פּאָדלאָגע וועסטו בײַ מיר שלאָפֿן.

✶

ער איז אַרויס פֿון באָדצימער אַ הויכער, אַן אויסגעגלײַכטער אין אַ ווײַס לאַנג העמד, אַוודאי איינס פֿון זײַנע נאַכטהעמדער, וואָס זענען דאָ פֿאַרבליבן. אין די אַנדערטהאַלבן צימערן איז טונקל. אַ קליין עלעקטריש לעמפּל צוקאָפּנס איבערן בעט ברענט. עס האָט קיין זין נישט אין דער טונקלעניש אויסבעטן זיך אַ געלעגער אויף דער פּאָדלאָגע, ווי ער האָט פֿריער געפּלאָנט. מיט אַ ווײַס, ריין העמד אויף דער ברודיקער פּאָדלאָגע? ניין, ער וועט עס נישט טאָן. אויך פֿרידע וואָלט דאָס נישט געוואָלט.

די שײַן פֿון קליינעם עלעקטרישן לעמפּעלע איבער פֿרידעס קאָפּ איז אויסגעלאָשן. די שײַן פֿון פּעכלדיקן בעטגעוואַנט האָט געצויגן די בליקן פֿון פֿרידעס געוועזענעם מאַן.

צי פֿרידע שלאָפֿט, צי נישט — זעט ער נישט. עס איז אים אייגנטלעך נישט קיין נפֿקא־מינה. זי וועט פֿון בעט אים נישט אַרויסוואַרפֿן.

✶

אויפֿן נײַנטן חודש נאָך יענער נאַכט פֿון דער באַגעגעניש מיט

אַלעקסן זענען אין וואַרטצימער פון בית־יולדות געזעסן צוויי מענער אויף אַ באַנק, ווײַטלעך איינער פון אַנדערן. איינער — אַ שלאַנקער, פעסט געבויטער ברונעט, אָרעם, נאַכלעסיק אָנגעטאָן. „גאָלד לײַכט פון בלאָטע אַרויס" — זאָגט אַ ווערטל. אַ שיין פּנים אָן אַ פּגם, נישט ראַזירט. אַ יונגער גראָ אין דער שוואַרצער צעשויבערטער טשופּרינע. צוויי שוואַרצע נאַרישוואַטע, טעמפּע, אין ערגעץ נישט פאַרקוקטע קוקערס.

אָפּגערוקט פון אים זיצט אַ מאַן מיט אַן אַרויסגעהויבענעם קאָפּ פון אַ געהויקערטער פּלייצע. ער איז עלעגאַנט געקליידט. אַ העל, עטוואָס נערוועז פּנים לאַכט אויף אים מיט אַ קאַלט געלעכ־טערל. קלוגע פאַרטראַכטע אויגן. אַ מויל — שטאָלץ, לײַדנשאַפט־לעך זינלעכע ליפּן.

די צוויי מענער זיצן ביידע נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט. דאָס איז די צווייטע באַגעגעניש — אַן ביידנס וויסן, אַז זיי וועלן זיך באַגעגענען, — זינט יענעם טאָג אין געריכט פון הויפּט־רבנות בעת דער צערעמאָניע פון אַרויסבאַקומען דעם גט.

מען זעט נאָך באַזוכערס אויף בענק און שטולן בײַ די ווענט.

קעגן זיי איז פון אַן אָפענער ברייטער גלעזערנער טיר אַרויס־געקומען אַ פרוי מיט אַ פּעקעלע, אַ לעבעדיק פּעקעלע אין די הענט, אײַנגעהילט אין אַ ציכטיק פלאַנעלן קאָלדערקעלע. אַ רווי־ראָזלער פּנימל, אַ קעפּעלע — אַ פויסטל די גרייס, שוואַרצע שיטערלעכע דינינקע הערעלעך זעען זיך אַרויס פון פּעקעלע, וואָס די פרוי האַלט אין ביידע הענט נאָענט פון זיך. אויף איר פּנים — אַ לײַכט שמייכעלע ווי אַ נצחון פון עמעצן, וואָס אַלע כּוחות פון דער וועלט דינען אים. אַ שמייכעלע, וואָס וויל זאָגן:

„קראַנטער מיט אַ קינד אָן אַ מאַן איידער מיט אַ מאַן אָן אַ קינד".

סאָניע

סאָניע

1

אַ חלום האָט זיך סאָניען געחלומט. אָט שטייט איר מאַמע בײַ דער טיר. נישט קיין טיר — אַ טונקעלע אויסהווילונג. מאַמע! — ווי̇ל זי אויסשרײַען און קען נישט. זי פּרוּווט עפענען די אויגן און די אויגן־לעדלעך שליסן זיך צו. שטאָק פינצטער. אַן אײַנגעטוליעטע אין זיך ווי̇ל זי אײַנשלאָפן, ציט אַרויף איבערן קאָפּ די דעקע. ס׳טויטע געשטאַלט פון דער מאַמען שרעקט. אַוועק פון דער וועלט ווען זי איז נאָך אַ יונג מיידל געווען, אין זעקסטן קלאַס גימנאַזיע. העכער דרײַסיק יאָר זינט דעמאָלט.

אָט ווערט דאָס געשטאַלט קלענער, ווײַטער, מטושטושער, נעלם. בלויז דער קאָפּ בלײַבט הענגען אין דער לופטן: אַ קאָפּ אָן אַ פּנים. פלאַקס־ווײַסע לאַנגע האָר. ווו ס׳דאַרפן זײַן אויגן — צוויי קליינע פײַערלעך ווי צאַנקנדיקע ליכטלעך. אויפן אָרט פון מויל — אַ שמאָלער, קרומלער־טונקעלער שניט, אַ גרימאַסע ענ־לעך אויף אַ דין־דינעם פינגער, צוגעלייגט צו די ליפּן:

— ששש...

עלעהיי אַ מסוכן קראַנקער ליגט, אסור אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

— מאַמע, דאָס ביסטו, מאַ — — — ווי̇ל זי אויסשרײַען. די ליפּן באַוועגן זיך. קיין קול באַקומט זיך נישט. איר מאַמעניו? פּרוּווט זי זיך דערמאָנען: אַ העל ברונעט פּנים, שוואַרצע האָר און נאַ דיר אַזאַ ווײַס־טויטער אָנפּנימדיקער קאָפּ. אַ פלאָנטערניש פון ווערטער, געדאַנקען, בילדער. איז זי וואַך? שלאָפט זי? אָט שטייט

זי בײַ אַן אָפּענעם קבר, אַ סך מענטשן אַרום איר. געוויינען, שלוכ־צן. עמעצער רעדט:

— אין אָרון וואַכט אויף דער דופק. די האָר און די נעגל וואַקסן כּל־זמן דער מוח איז נישט געשטאָרבן. לעבסטו נאָך, הערסטו אונדזער געוויין, אונדזערע תּפילות פֿאַר דײַן עלית־נשמה?

וואָס טוט זיך מיט איר? ווּ איז זי? — וויל סאָניע אויפהייבן דעם קאָפּ פֿון קישן און אַ קול, דער מאַמעס קול מיט אַן עכאָ פֿון אַ טיפֿעניש הערט זי:

— סאָניע, סאָניעלע, איך האָב דיר געזאָגט, האָב איך דיר...

— אוי, מאַמעניו! ווּ ביסטו? וואָס ס'טו מיר געזאָגט? — שרײַט זי ווידער אַן אַ קול.

— עקיבא, קיווע — — — ס'צעפּיעשטשעטע זינדל — — —

עקיבא, קיווע, הײַנט — קובי, איר מאַן, איר חבר פֿון שול־באַנק, אויף צוויי קלאַסן עלטער פֿון איר. „קיווע" האָט אים די מאַמע גערופֿן. ער פֿלעגט קומען אין שטוב אַרײַן, העלפֿן איר מאַכן די לעקציעס. טיי מיט קיכעלעך האָט די מאַמע דערלאַנגט. קיווע דער סטודענט נישט נושא־חן געווען בײַ איר. פֿאַר וואָס? — האָט זי נישט געפֿרעגט, נישט פֿאַרשטאַנען.

אַצינד, דרײַסיק יאָר נאָך דעם, צו חלום געקומען? מאַמע, אוי, מאַמע דאַרף איך דיך אַצינד, ווּ ביסטו נעלם געוואָרן? אָט ביסטו דאָ, אָט ביסטו נישטאָ, — וויל זי אַ געשריי טאָן און ס'מויל, די צונג איז געליימט. קובי, פֿאַר וואָס וועקט ער מיך נישט איבער?

אין איין בעט מיט איר —ביידע קעפּ אויף איין קישן. נישטאָ קובי. אַ טויבע פֿינצטערניש. און ווידער אַן עכאָ. פֿון אַ טיפֿקייט אַ ווײַטער קומט ער. זי פּרוּווט שטעלן אַ טראָט, די פֿיס זענען נישט אירע. אַ קלאָץ איז זי. ליגט. נידערט, נידערט צום עכאָ. נאָכט. אַ טיר־אויסהוילונג פֿירט צו אַן אומענדלעכן פֿינצטערן אויסשפּרייט. אַ טינט־טונקעלער הימל. אַ זאַמדוועג. זאַמדבערג. פֿעלדזן הויכע, שפּיציקע. אַן אימהדיקע אומענדלעכקייט.

ווּ איז ער, קובי, איר קובי? די לעצטע וואָכן זעט מען אים

אַזוי ווייניק אין שטוב. אין די אָוונטן ווערט ער פאַרלוירן אויף לאַנגע שעהען. איצט איז ער אין בעט. פאַר וואָס וועקט ער זי נישט איבער? פאַר וואָס לאָזט ער זי אַליין אין דער וויסטער פרעמד?...

דרײַ שמאָלע וועגלעך זעט זי. וווּהין פירן זיי? זי טאַפּט מיט די אויגן ווו אַ פוס צו שטעלן. שלאַפּט שלעכט. ביטער. חושך. אַזאַ ווילדע פרעמד. ווי אַזוי, ווען איז זי אַהער געקומען? קובי, וואָס לאָזט ער זי דאָ בלאָנדזשען?... געווען אַ גוטער מאַן אין די ערשטע יאָרן. דאָ — שלעכט מיט פרנסה. געפּרוּווט בײַ מוזיק, זײַן ליבלינג — אָן דערפאָלג. פּלענער, פּלענער, פּלענער. אויסגעלאָזט זיך אַ בוידעם. אין די נעכט איז ער געקומען צו איר. אָ, יענע נעכט, דער ערשטער זומער דאָ־הי. נישט איין מאָל איז אַ ליכטיקע לבנה אויפֿגעגאַנגען ווי אַ הענגל ווײַנטרויבן איבער די קעפּ. אונטער די פּיס האָט אַ גליווערימל אָנגעצונדן זײַן לאַמטערנדל — קוביס ווערטער. קובי, שטאָלטנער, ענערגישער קובי. פאַרליבט זיך אין דער היגער לאַנדשאַפט. געעפנט אַ ביוראָ, אָרגאַניזירט אויספלוגן. מיר קיין מאָל נישט פאַרגעסן מיטנעמען. אַ יונג וועלדל, אַ ווינקל צווישן זאַמד און סקאַלעס, געהיימע וועגלעך, סטעזשקעס, וואָס אַ מענטשלעכער פוס האָט זיי נאָך נישט באַטראָטן. אַ מאָל אַ ברעג ים, אַ שטיינבאַנק, אַ געוואַשענע פון כוואַליעס — אַ מזבח צו פראַווען ליבע.

ווײַ איז איר. זי וועט פון דאַנעט נישט אַרויס. דאָ וועט זי בלײַבן. קיינער וועט נישט וויסן ווו איר געביין איז אַהינגעקומען, ווי זי ווייסט נישט ווו איר טאַטע־מאַמע, די צוויי קליינע ברידערלעך זענען אַהינגעקומען.

אָן אַ זײַ־געזונט אַוועק פון שטוב. עקיבא, קיווען, ווי די מאַמע האָט אים גערופן, געטראָפן אויף דער גאַס אין יענע פינצטערע טעג. אַ בהלה. די גאַנצע שטאָט יונג און אַלט איז געלאָפן. וווּהין האָט מען נישט געוווּסט. מ׳איז אויף מיזרח געלאָפן. „קום מיט מיר" — האָט ער געזאָגט, „וואַרט, כ׳וועל נעמען מיט זיך עפּעס אויפן וועג". מיט אַ קליין פּעקעלע אַרויס פון שטוב עלעהיי אויף אַן

אויספלוג. וואַכן, לאַנגע וואָכן וולוטשענגע. סאָוועטן־לאַנד. אויף אַ פּאַראַכאָד אויף דער וואָלגע. ער קרעכצט, דער פּאַראַכאָד, ער רעוועט ווי אַ מסוכּן קראַנקער, אַלטער מענטש. וווּהין שלעפּט ער זיך? גאָרקי, קאַזאַן, מאָסקווע. נישט קיין נפקא־מינה, אַבי דעם קאָפּ ווו אַוועקצולייגן. אין די אוניווערסיטעט־יאָרן אין דער היים האָט ער סימפּאַטיזירט מיט דעם, וואָס בויט זיך דאָרט פון יענער זײַט מיזרח־גרענעץ פון פּוילן.

פריער האַרבסטיקער טאָג, אַ מאַסע מענטשן אויפן פּאַראַכאָד. פּויערים, פּויערטעס, עלטערע מענטשן, אויך יונגוואַרג — ייִנגלעך, מיידלעך אין שולעלטער און קינדער — אָט וואָס איז פּאַרבליבן צו פּליטה. אַלע מיליטער־יעריקע — אויפן פראָנט. פּאַרברענטע ברויטפעלדער, ליידיקע כאַלופּעס, אויסגעהאַקטע טיר און פענצ־טער, פײַערן, חורבן. אינעווייניק אַ געדראַנג. פּעק. זעק. קוישן. טשעמאָדאַנעס, קעסטלעך. באַבעס מיט קינדער אויף די הענט, קינדער בײַ דער זײַט. אַניצעס, לאַפּטיעס, נאַקעטע פיס. אַ געשטאַנק, אַ ריח פון מאַכאָרקע. געדיכטע רויכקנוילן שרויפן זיך אַרויף צום נידעריקן סופיט, פאַרחושכן די שוואַכע ליכט פון איינציקן לעמפּל.

זי און קובי שטייען אויפן דעק. נאַכט. אַ האַרבסטיק ווינטל יאָגט אין פּנים. אַ קאַלטע לבנה. סוף חודש תּשרי. אַ גלאַנציקע פאַלט די לבנה־שײַן אויף די כוואַליעס באַדעקטע מיט שאָטנס. וועלעכלעך ווי שופּן פון פיש, וואָס טרייסלען זיך, וואַרפן זיך אונטער אַ שאָבמעסער. ס'שווער־אָטעמדיקע קלאַפּן פון מאָטאָר, פון די רעדער דולן אין מוח, שרעקן: אָט־אָט דעבעט ער אויס די נשמה, דער פּאַראַכאָד, און בלײַבט שטיין. אויפן וואַסער בלײַבט מען. בײַ נאַכט צווישן קויבישעוו און קאַזאַן, אין מיטן פון דער פרעמדער גרויסער וועלט.

אַן איבערגעבויגענער, געגנייגט צו איר, שטייט קובי. זײַן פּנים — אַ סך ערנסטער, מענערישער ווי אין דער היים. נישט מער עקיבאַ, קיווע דער סטודענט, צוויי סעמעסטערס קאָנסערוואַטאָריע. אַ סוד באַהאַלט זיך אין דעם פּנים. זײַן אָוואַל, פאַרברוינט פּנים —

אַ בעבער פּול מיט גליק. דער סוד וועקט אין איר פרייד: פרייד אין האַרץ מיט אַ סוד פון ערשטער ליבע. אַ צוגעטוליעטע צו אים ווערט איר וואַרעם אין אויפוואַכנדיקן בלוט. ענג ווערט איר אין די געפעסן. זי באַגערט אים. זי זויגט אויס מיט די אויערן זײַנע שטילע רייד. זי פאַרגינט זיך נישט ס׳גליק, די נעבטיקע גימנאַזיסטין, כאָטש ס׳ווײַנט אין איר ס׳האַרץ פון פרייד.

— וועט זיך ווען ענדיקן די מלחמה, עקיבא?

— דערווײַל, סאָניטשקע, האַלט עס בײַם אָנהייב.

זי האָט פאַמעלעך פאַרהויבן צו אים דעם קאָפּ און אַ שטראַל, אַ שטאָלענער, אַ באַלויכטענער פון דער לבנה האָט זיך איבערגעבראָכן אין אירע אויגן. עקיבא האָט אים קוים אויפגעכאַפּט.

— דײַן קנעכט וועל איך זײַן. באַפעל און איך וועל אַלץ טאָן פאַר דיר.

און איר ווערט גרינג פון זײַנע רייד ביז ווייטיק.

— רעד נישט אַזוי, עקיבא. מלחמה. דײַנע טאַטע־מאַמע דאָרטן, מײַן טאַטע, צוויי שוועסטערלעך. די נאַצישע אַרמיי הינטער מאָסקווע. לענינגראַד אַרומגערינגלט.

2

העבער פינף און צוואַנציק יאָר דאָ־הי. „דאָראַביעט״ זיך צו אַ דרײַצימערדיקער וווינונג אין תּל־אביבער פּעריפעריע. די לעצטע חדשים, העבער אַ יאָר, וואָס ער ווײַזט זיך אַזוי ווייניק אין שטוב. עטלעכע שעה אין טאָג אַרבעט ער — אַ מוזיקער אין דעם פײַערלעשער־אָרקעסטער. אָט וואָס ער האָט דערווײַל „אָפּגעשפּאָרט״ פון זײַנע מוזיק־פּלענער. ביורא, אויספלוגן — די הוצאות עסן אויף די רווחים. טאָמער ווייניק, אַרבעט בײַ אים אַ סעקרעטאַרין אויף אַ חודשלעכן געהאַלט. לאַנגע שעהען אין די אָוונטן איז סאָניע אַליין אין שטוב. שוין אויפגעהערט זיך אויסקוקן די אויגן. אַ נישט

אַנגענעם געפיל האָט זיך פאַרקליבן אין איר יש: אַ געפיל, וואָס זי וויל אָפּיאָגן, ווי מ׳טרײַבט אָפּ אַ הונט.

— קומסט נישט אַהיים אויף מיטאָג. איך גרייט אָן. ס׳קאָסט געלט און איך גיס אַרויס, — האָט זי אים איין מאָל געזאָגט. ער האָט געעפנט אַ פּאָר אויגן און אַ פול מויל מיט שווײַגעניש.

איר הימל האָט אָנגעהויבן טונקלען. שווערע וואָלקנס האָבן זיך איבער אים פאַרצויגן. כאָטש נעם שלעפּ אַראָפּ די כמאַרעס און פאַרוויש ס׳פּנים פון הימל.

דרײַ ליידיקע שטובן. ליידיקע שעהען, טעג אָן אינהאַלט, אָן אַנהאַלט.

בײַ נאַכט גלוסט זיך נישט אַליין אַרײַנגיין אין בעט. ער קומט שפּעט. שלאָפט אַ מידער עלעהיי ער האָט אַ גאַנצן טאָג האָלץ געהאַקט. צום אַרויסגיין אין דער פרי שטייט ער לאַנג בײַם שפּיגל. ראַזירט זיך, קעמט זיך, פאַרוואַרפט ס׳שיטערע בינטל שאַטען האָר פון לינקס אויף רעכטס, ווי מ׳זאָגט דאָ — אויסגעליען פון איין זײַט אויף דער צווייטער — וויל פאַרדעקן דעם קליינעם פּליך, וואָס זעט זיך אַרויס ווי אַ האַלבע לבנה פון אַ וואָלקן.

תּמיד אויסגעפּיאַקעוועט: אַ ווײַס אויבערהעמד, קאָלנער־בינ־דע. אין הייסע זומערטעג אַ קאָלירִיק ספּאָרטהעמדל מיט קורצע אַרבעלעך, פאַרנט צעקנעפּלט פון האַלדז ביז אַראָפּ דער האָרי־קער ברוסט, מעשׂה יונגער־אַלטער מאַן. ס׳טרעפט אויך, ער נעמט אויף זיך דעם אָנצוג פונעם פּײַערלעשער־אָרקעסטער. די מעשענע גלאַנציקע קנעפּ, ס׳היטל מיט דער אָפּגעצויגענער דענקע און פּיבערנעם דאַשעק. געפּאַסט ליגט אויף אים דער סטרוי. ער געפעלט זיך אַוודאי. אויך איר געפעלט ער, איר מאַן. זי האָט אים ליב. עס קליידט אים, מאַכט אים ייִנגער פון זײַנע שוין באַלד אַריבער פופציק יאָר. אַ שלאַנקער יונגער־מאַן, וועקט אַוודאי סימפּאַטיע בײַם שיינעם מין.

ס׳ביוראָ געשלאָסן. לוינט זיך נישט צוליב צוויי־דרײַ אויספלוגן אַ יאָר האַלטן אויף שׂכירות אַ ביוראָ, אַ טעלעפאָן, אַ סעקרעטאַרין.

ווער איז זי, די סעקרעטאַרין? זי האָט זיך די לעצטע דערוווּסט. מימי רופֿט מען זי. אַן עלטער מיידל. איר מאַמע — ווייסט מען צו דערציילן — אַן ייִדישקע פֿון מצרים. דער טאַטע — אַ טריפּאָלי־טאַנער נישט־ייִד, אַן אָפּערע־זינגער. ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. יונג געשטאָרבן. די מאַמע — ערגעץ אין אַן עלטערן־הויז. מימי האָט פֿרי איבערגעריסן די לימודים. געוועזן אין אַ מוסד. אַנטלאָפֿן. זי „האָט פֿייַנט“, אַז מ׳לערנט זי וואָס צו טאָן. צו „חברה“, צו דער גאַס האָט זי געצויגן. מימי — „יענע סחורה“.

אַוודאי זעט זי, סאָניע, ווייסט, פֿרעגט נישט גאָרנישט.

כּעסט זי זיך, איז דער כּעס עלעהיי אַ שווּעבעלע: אָנגעצונדן — אויסגעברענט. ווי איר מאַמע עליה־השלום — תּמיד בייַ דער ניימאַשין אָדער אין קיך. דער טאַטע — בייַם אָפֿענעם ספֿר. נישט קיין גרויסער פֿאַרדינער. אַ שוחט אָבער נישט ליב געהאַט די שחיטה. „אַ ווייך האַרץ“, — האָט מען אויף אים געזאָגט, — קאָן נישט קוקן אויף בלוט, בפֿרט אַליין פֿאַרגיסן בלוט מיט זייַנע הענט. מען האָט געטענהט: „ער וויל נישט מאַכן פֿון דער תּורה אַ קרדום לחפּור בו“.

טרעפֿט, אַז דער כּעס גייט איבער אין אַ נוויעניש, ווי אַ שטאַר־קער צאָנווייטיק: ס׳ביוראַ איז געשלאָסן, — זאָגט זי צו זיך, — ווי האַלט עס מיט דער סעקרעטאַרין?

✶

העבער דרייַ צענדליק יאָר אין לאַנד. מיט אַן אַלט צעבראָכן שיפֿל געשלעפּט זיך אַהער זי געדענקט שוין נישט וויפֿל וואָכן. פֿון דער חרובער אייראָפּע (אַ צעבראָכן שיפֿל מיט צעבראָכענע לעבנס). דאָ וועלן זיי בויען זייער היים. דאָ אין היגן רבנות חתונה געהאַט. חתונה געהאַט מיט אים און מיטן לאַנד.

קינדער? פּרו־ורבו? ווידער אַ מלחמה: אַ קליינע, שטילע פּריוואַטע מלחמה, אַ לאַנגיאָריקע פֿאַרשפּילטע מלחמה.

איינע אַליין דרייט זי זיך אין די דרײַ לײדיקע שטובן. פריער געווען אַ היים, אַצינד — שטובן. זיצט זי אָפּט ביז שפּעט אין אָוונט אויף דער קאַנאַפּע. אַ סך מאָל גלוסט זיך איר נישט ס'ליכט אַרויס־דרייען. אַ פאַרזונקענע אין מחשבות — אין בעט: אַליין אין גרויסן בעט. ס'נעמט נישט קיין שלאָף. אָט הערט זי עפּענען די טיר. ער קומט. זי הערט ס'אַראָפּוואַרפן פון זיך שטילערהייט ס'אָנטאָן, ס'אַר־אָפּשאָקלען די שיך. די שטילקייט — מסרט. שטיל, ווי בגנבה שאַרט ער זיך אַרײַן אין בעט. זי מאַכט זיך שלאָפן.

סאָניע, סאָניע, — רעדט זי צו זיך אין געדאַנק, — זעסט דאָס אַלץ צו און שווײַגסט? זי האָט אויף אים רחמנות: קובי, איר מאַן, דער נישט געענדיקטער סטודענט, דער נישט דערגאַנגענער „באַ־רימטער" מוזיקער. תּמיד גערעדט מיט איר וועגן קלאַסישע מוזיק: בעטהאָווען, מאָצאַרט, מאַלער, ליסט, שאָפּענס מיטצײַטלער. שטאַרק מצליח געווען אין פּאַריז דער פּאָפּולערער ליסט מיט זײַנע קאָנ־צערטן. שאָפּען, דער גרויסער פּוילישער קאָמפּאָזיטאָר אין דער פרעמד איז אים, ליסטן, מקנא געווען. פראַנקרײַך האָט אים נישט באַזונדער אויפגענומען מיט זײַנע מאַזורקעס, פּאָלקעס, נאָקטור־נען. זײַן באַליבטן שאָפּען. די קנאה צו ליסטן האָט אים שטאַרק מצער געווען. האָט ער געזוכט טרייסט אין די אָרעמס פון דער דעמאָלט באַרימטער שרײַבערין זשאָרזש סאַנד. און ער, קובי, אין וועמען זוכט ער טרייסט אויף זײַנע דורכפאַלן? אין מימי?

זי איז וואַך. זי פּרוּווט אַרויסציען פון אונטער דער קאָלדרע אַ נאַקעטע האַנט, אָנרירן, אַ גלעט, אַ צערטל טאָן איר מאַן באילו פון שלאָף אַרויס. קובי גיט זיך אַ וואָרף, אַ קידע. — — — און אָט זיצט ער אַ סעקונדע צוויי און אַראָפּ פון בעט אין אײַלעניש ווי עס וואָלט, חלילה, געברענט, אָדער דערמאָנט זיך אין עפּעס אַ גאָר וויכטיקן ענין. ער ציט אַרויף אויף זיך די הויזן, זוכט עפּעס, מסתּמא אַ העמדל. שווײַגט, ווי דער שאָטן זײַנער אויף דער טונקל באַלויכ־טענער וואַנט. אַ הויכלעכער שאָטן, צעשויבערטער קאָפּ האָר, אַ געבויגענער — אַ פאַרשאָטנט געשטאַלט, נערוועזע באַוועגלעכע

הענט, וואָס ווייסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיך. אַ פאַרדמיונט געשטאַלט, וואָס ווייסט נישט וואָס מ׳וויל דערפון מיטן פלוצעמדיקן איבערוועקן.

— קובי, וואָס ס׳יאָגעניש? רעד צו מיר, קובי.

— איַי, קובי, קובי, מאַן מייַנער. איך דערקען דיך נישט, איך גלייב נישט די אייגענע אויגן, — זאָגט זי צו זיך און גייט אַראָפּ פון בעט, גרייט פאַר אים אַ קאַפע, אַ סענדוויטש. זי דערלויבט זיך נישט אים לאָזן אַרויסגיין פון שטוב אויף אַ ניכטערן מאָגן.

צו קלוג ביסטו, קובי, אויף די נאַרישקייטן וואָס דו טוסט אָפּ. זי איז אים מוחל. זי האָט ליב איר מאַן. ער וועט מיד ווערן. ער וועט צוריק קומען צו איר. אָקערשט, מיט צוויי־דרייַ יאָר צוריק פלעגט ער אין די אָוונטן פרי אַהיים קומען, איר „גיבור״, אַ באַזיגטער אַ פאַרבענקטער צו אירע לאַסקעס, צערטלערייַען.

ער האָט זי דאָך ליב, קובי. זי איז דאָך זייַן איינציקע יוגנט־ליבע.ביידע — גרויסע קינדער — אַרויס פון די היימען. נישט מצליח געווען דאָ. זייַן גרויסן חלום דאָ פאַרלוירן. לויפט ער צו מימין? נאָך וואָס? כיבע נאָך ווייַטער פאַרלאָרן גיין?

מיט ווייטיקלעכער הנאה קוקט זי אויף איר מאַן, אויף זייַן ראָסקאָשנעם אויסזען. זי האָט אים ליב. ליבט אים מיט דער שׂנאה און מיט דער נישט פאַרגינערישקייט, וואָס נורקעוועט אין איר געמיט.

זי האָט אים ליב. זי באַדויערט, וואָס זי האָט אים ליב. זי באַדויערט: ווי פאַרבייַלויפיק איז דאָס גוטע. ווי אומפאַרמייַדלעך איז דאָס שלעכטס. ווי שוואַך זענען פרויען. מיט וואָס פאַר אַ שנעלקייט מען איז נכנע, מען איז מוחל. זאָל ער נאָר צוריקקומען. איין גוט וואָרט פון אים, איין גוטע מינוט און שוין גנבעט זיך אַרייַן אין דער פאַרבענקטער נשמה די אילוזיע פון ליבע. געננוג אַ זשעסט, וואָס נאָר ער, דער געליבטער, ווייסט ווי אַזוי מיט אים געווינען ס׳האַרץ פון דער פרוי, און שוין איז זי גרייט עפענען די אָרעמס,

אַרומנעמען אים, גלייבן דעם מאַן, וואָס „שטאַרבט" פאַר איר הײַנט פון גרויס ליבשאַפט און מאָרגן שטייט ער אויף תּחית־המתים און דערקלערט זיך פאַר אַ צווייטער אין „אייביקער ליבע".

די צײַט האָט נאָך קיין איינציקע ווונד קיינעם נישט פון קיינעם פאַרהיילט. ווער האָט געלערנט די מענער ווי אַזוי אויסנוצן די נאַטירלעכע איידעלע בענקשאַפט צום מענערישן צערטל, צו אינ־טימער פרײַנדשאַפט?

דעמאָלט, אויפן דעק פון פּאַראַכאָד אין יענע פײַנלער־ליכ־טיקע נעכט בײַ דער שײַן פון אַ קאַלטער שפּאַצירנדיקער לבנה אויפן האַרבסטיקן רוסישן הימל, איז קובין ווי אַ רוצח די ליבע־משוגעת באַפאַלן: „זאָג מיר, אַז דו האָסט מיך ליב, באַפעל — וועל איך טאָן אַלץ וואָס דו ווילסט".

אַן אויפגערעגטע זיצט זי אין די אָוונטן אין שטוב. ליידיקע שטובן. מיט קוביס נישט ווײַזן זיך האָבן אויך די שטיקער מעבל געענדערט אָרט און סדר, זיך צעבונטעוועט — אַ פּראָטעסט קעגן זײַן נישט ווײַזן זיך. לאַנגע אומהיימלעכע נעכט. אַליין מיט זיך איז זי. ער זעט, ער ווייסט? אַוודאי זעט ער, ווייסט ער. עפּענען ס׳מויל — ווייסט זי, אַז די רייד זענען אַרויסגעוואָרפענע. ער איז נערוועז, דולדעט נישט קיין רייד. דאָ, מיטן שטעלן די פיס אויפן חיפהר פּאָרט, דאָ האָט ער געזאָגט, שטעלט ער אויף זײַן הויז. דאָ וועט ער טראָגן ס׳לאַנד אין אייגענעם בלוט. דאָ אויף דער קליינער ערד, פּאָרנט־אַזיע, וועט זײַן דער נײַער אָנהייב. ער איז נישט איינער אויפן „יאַריד". אַן אָנלויף פון לאַנדלאָזע מענטשן, שׂרידים פון אויסגעהרגעטע ייִדן, ייִנגערע און עלטערע פון אים. אויך אַ נײַער אָנוווקס וועט זײַן דאָ, אַ פאָלק וואָס איז זיך צעפאַלן, צעשטויבט געוואָרן וועט דאָ פון דאָס נײַ אויפלעבן. גוט געווען איר צו הערן די ווערטער. אָבער ווי אַנדערש ער האָט זיך אָנגעהויבן פירן ווען פון אַלע פּלענער זײַנע האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם.

3

אַ הייסער פאַרנאַכט געווען. דאַנערשטיק פאַר נאַכט. נאָענט פון ים איז דער רעסטאָראַן, ווו ער איז אַן אָפטער אַרײַנגייער. אַ סך פון דער קינסטלער־ און באָהעמע־וועלט טרעפט מען דאָ. געוואָלט אַרײַנגיין און פאַרהאַלטן זיך. נישט איין מאָל דאָ געגעסן אַ מיטאָג, אַ גלאָז ביר אויסגעטרונקען. דרייט זיך אין קעשענע געלט — צאָלט ער. איז די קעשענע ליידיק — גייט עס אויף באָרג, אַ קאָנטע האָט ער, אויך אַן אייגן טישל, צי ער קומט יאָ, צי נישט. אויף אַ באַנק אויף דער שפּאַציר־טעראַסע איבערן ים זיצט ער. פײַערדיקע פליגן פון פאַרנאַכטיקע וואָלקנס גליווערן איבערן ים. ווײַטלעך אַראָפּ צו מיטן וועג אויף יפו ווערן די שאָטנס אַלץ לענגער. האַלב אין וואַסער שטייט שוין די זון אַ פאַרגאַפּעטע, אַ שטייגער פאַרהאַלטן זיך אַ ישוב כאַפּן, צי איז שוין צײַט צו מאַכן נאַכט.

ער האָט נאָך נישט באַשלאָסן, זאָל ער אַראָפּגיין די עטלעכע טרעפּלעך, וואָס פירן צום ים, אַראָפּוואַרפן פון זיך ס׳אַנטאָן, אָפּ־פרישן מ׳גוף, ס׳פּנים נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרומשעווען און כּמעט גאָרנישט האָבן אין מויל, צי אַרײַנכאַפּן זיך אין רעסטאָראַן.

מאָדנע: צו פויל געווען אויף ביידע. גראָד אין די רגעס האָט זיך אים, אַליין נישט וויסנדיק פאַר וואָס, פאַרבענקט צו זײַן בײַ זיך אין שטוב. שוין לאַנג נישט געזען, קיין וואָרט נישט איבערגע־כאַפּט מיט סאָניען, זײַן ווײַב, די שטילע, טרויעריקע, צו גלײַך אַזאַ גוטע, ליבנדיקע. ער שעמט זיך פאַר זיך אַליין פאַרן געדאַנק — פאַרבענקט זיך צו זײַן ווײַבס פריילעכע ליפּן אַפילו ווען זי איז אומעטיק.

אַ מאַן איבער די פופציק, אַ „זקן״. דער נײַער דור מיידלעך, ווײַבלעך קוקן נישט אויף אים. אויף עלטערע פרויען קוקט ער נישט. ער איז מיד. אַ גאַנצן טאָג אויף די פיס. טעלעפאָנען. געפּרוווט זיך פאַרבינדן מיט „זײַנע מענטשן״ פּאָטענציעלע אָנטיילנעמער אין

די אויספלוגן. געוואָלט אַראָנזשירן אַן אויספלוג. נישט אַרויסגע־רירט זיך פון תּל־אביב שוין עטלעכע חדשים. נישט געלונגען. דורכגעפאַלן. איין דורכפאַל יאָגט דעם צווייטן. אַ פּאַרעניש מיט טעקסיס. זײַן טראַנטע, די „מציאה״, וואָס ער האָט אײַנגעהאַנדלט, האָט אים בדיל־הדל געשטעלט. נישט געווען קיין קונים אויף איר, איבערגעלאָזט ערגעץ אין אַ גאַראַזש.

אַהיימגיין וועט ער. מאַכן זיך אַ וואַנע, טוישן די בגדים, כאַפּן אפשר אַ דרימל. ער האָט דאָך אַ שטוב, אַ ווײַב, זײַן ווײַב סאָניע.

סאָניען נישט געטראָפן אין שטוב. שוין נאָכט געווען. צוגע־זעצט זיך אויף דער קאַנאַפּע אין סאַלאָן. פון מידקייט פאַרגעסן אַראָפּציען פון זיך ס׳אויבערהעמד, אָפּפרישן ס׳פּנים, די הענט אָפּ־וואַשן. מיט דער פּלייצע אין אַנלען, קאָפּ אויף הינטער פאַר־וואָרפן אין ביידע הענט, פאַרהויבענע, געשלאָסענע, געבליבן זיצן. טונקל אין שטוב. שאָטנס שפּרייטן זיך אויף די ווענט. ס׳גלוסט זיך נישט, נישטאָ קיין כּוח זיך אויפהייבן און אַרויסדרייען ס׳ליכט.

ווּ איז זי, סאָניע? די לעצטע וואָכן גרייט זי נישט קיין מיטאָג, נאָכטעסן. ער קומט נישט, זאָגט זי, און ווען יאָ, גיט ער פריער נישט קיין קלונג. זי איז דאָך נישט אין אַ תּפיסה. זי מעג דאָך אַ מאָל אַרויסגיין פון שטוב. שכנים, באַקאַנטע.

אַ מידער, אַ פאַרדמיונטער זיצט ער, טראַכט און דערטראַכט נישט ביזן סוף. אייגנטלעך אַנשטאָט אַהיימגיין געקענט זיך אַרײַנ־כאַפּן צו מימי. זינט ס׳בורא איז געשלאָסן אַרבעט זי אין אַ בוטיק. נישט ווײַט פון רעסטאָראַן וווינט זי. אין דער פאַרנאַכט־שעה האָט זי אַ ברירה צו זײַן אין שטוב. ער ווייסט אויך, ווּ זי לאָזט דעם שליסל, קוים וויל ער ווען ניט ווען זיך אַרײַנכאַפּן.

יענע נאָכט פון דאַנערשטיק אויף פרײַטיק האָט קובי זיך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף זייער שפּעט. קאַנטיק אַנטשלאָפן געוואָרן אין אַנטאָן, זיצנדיק עטלעכע היפּש שעה, אויפגעשטעלט זיך, געפּרוּווט אויסגלײַכן די ביינער, אַרומגעקוקט זיך. סאָניען האָט ער נישט

געזען. אַצינד, — זאָגט ער צו זיך, — קובי, הייב זיך אויף און גיי לייג זיך.

אַן אויסגעטאָנענער ליגט ער אין בעט. עס שלאָפט זיך נישט. ווו איז זי, זײַן ווײַב? דער קאָפּ איז שווער אויף אים. די געדאַנקען צעוואָרפן, ווי מלבושים צעוואָרפענע אין אַ שאַנק. ער קען נישט דערטראַכטן ביזן סוף. דערמאָנט זיך אין מימין. זי קלאָגט זיך פאַר אים: „שווער אויסקומען פון דער משׂכורת". זי וווינט אויף שׂכירות, צפון תּל־אביב. „לעבן מיט אַ מיידל קאָסט געלט", — דערמאָנט זי אים איטלעכס מאָל. „קובי", — מאַכט זי, — „ביסט דאָך אַ קלוגער, אינטעליגענטער מאַן. ווי אַ קינד פּירסטו זיך אויף. וואָס איז מיט דיר? קומסט צו מיר און לויפסט צוריק צום ווײַב. האָסט נישט קיין בלוט. מיץ־עגבניות האָסטו. צי וויל איך חתונה האָבן — פּרעגסטו". און זי ענטפערט אים: — „נמאס מיר די מענער, חתונה האָבן און חאַלאַס, אַ סוף זאָל עס נעמען".

פרײַטיק פאַר מיטאָג, דערמאָנט ער זיך, אָפּגערעדט מיט איר גיין צום ים. וועט מען שוין עפּעס איבערכאַפּן אין גאַס. אַוודאי שוין שפּעט. ער האָט נישט אויף זיך ס'האַנטזייגערל. סאָניע. ער זעט נישט סאָניען. אפשר שלאָפט זי אויף דער קאַנאַפּע? ברוגזט זיך מיטן עסן, אפשר אויך מיטן שלאָפן? ער איז מיד, שלעפעריק, באַלד דאַרף ער אויפשטיין. ער'ט נישט אַראָפּגיין פון בעט זוכן אַ ווײַב.

✶

זיך געטראָפן מיט מימי אין דער באַשטימטער שעה, אַ זייגער דרײַ מיטאָג־צײַט. מימי איז הונגעריק. זי קומט פון דער אַרבעט. איר באַס דער קמצן, זאָל אַרײַנברענגען אַ לײַכטן ביס, אַ קאַפּע? ער איז אַ זון פון איר טאַטנס אַ חבר, אַ טריפּאָליטאַנער, אַן אַלטער רווק, אַ בעל־כּרס, אַ פּליך דערצו. זי וויל אויך אַ קאַלטן טרונק. אין „זײַן" רעסטאָראַן קאָן מען אויך באַשטעלן אַ פּאָרציע געפילטע פיש. ער, קובי, ווייסט דאָך דעם טעם פון געפילטע פיש.

בײַ „זײַן" טישל זיצט מען. נאָכן שטיקל פיש — אַ ביר, צוויי

ביר. מימי פּאַסמאַקעוועט פון די „פּוילישע פיש״. פון גרויס הנאה ציט זי צונויף די ליפּן ווי צו אַ קוש. ער בייגט אָפּ ס׳פּנים מיט אַ בליק, וואָס וויל זאָגן:

— השתגעת, ביסט משוגע, דאָ אין רעסטאָרן?

— ס׳וואָלט נישט געשאַדט, — זאָגט זי מיט דער זעלבער מינע אויף די ליפּן, — אַ קליין כּוסהלע. אייגנטלעך, — פּרוּווט זי זיך פאַרענטפערן, — פריער באַדאַרפט זאָגן אָבער ס׳מאַכט נישט.

נאָך דעם — אַ פּאַרציע קישקע. זיי האָבן געמאַכט אַ לחיים. די קעלנערין ברענגט צו אַ טעלער מיט אַ גרויס שטיק קישקע. מימי שנײַדט און לייגט אין מויל אַרײַן. זי קײַט. זי קײַט. קײַט, און די צונג איז דאָס מאָל מער ווי תּמיד אויפגעבונדן. זי רעדט מיט אַן אָפן מויל עסן, מיט דער שמינקע פון די ליפּן אויף די ציין, דערציילט פון קונים, אייגנטלעך קונות, פון באָס מיט זײַנע נאַרישע פרעבע חכמות — שטופּט די הענט ווו מ׳דאַרף נישט...

קובי איז אויפגערעגט. סך־הכּל האָט מען גערעדט גיין צום ים. זי האָט זיך פאַרגעסן. באַשטעלט איטלעכס מאָל נאָך עפּעס און נאָך עפּעס: אַן אײַזקרעם, אַ גלאָז סאָדע און פאַרמאַכט נישט ס׳מויל.

ער יאָגט זיך אַהיים. געדענקט, אַז ער האָט פאַרגעסן אַ קוק טאָן צי איז סאָניע אין שטוב געווען, צי איז זי נישט אַהיימגעקו־מען. מימיס נאַרישע רייד מיט אַן אָפן מויל נישט צעקײַט עסן נודזשעט אַרויס די גאַל. און ווייסן ווייסט ער: „נכנס יין יוצא סוד״. ער האָט גראָד געוואָלט דערציילן וועגן דער נעכטיקער נאַכט, האַלב אין אַנטאָן, האַלב אַן אויסגעטאָנענער, און נישט געשלאָפן. אַליין אין שטוב. אַ ליידיקער פרידזשידער. ער פּרוּווט אָנהייבן און מימי לאָזט נישט:

— אל תּפריע לי, שטער מיר נישט.

ער מוז הערן, מוז ער, וואָס נעכטן אין אָוונט איז מיט איר געשען. איר באָס, דער אַלטער קאַוואַליר, דער קרח מיטן כּרס נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון איר. — אל תּגע בי, — זאָגט זי, —

איך האָב אַ חבר, אַ באַוויַיבטער מאַן אָבער ער האָט מיך ליב, וויל מיט מיר חתונה האָבן. „איך פאַרבעט זיך צו דיר", — מאַכט ער. אַ חוצפּה פון אַן אַלטן קאַוואַליר. נו, וועט זי גיין איַינטענהן מיט אים? אַרום אַ זייגער צען ביַי נאַכט — אַ קלונג אין דער טיר. ווער זאָל עס זיַין אין אַזאַ שפּעטער שעה? זי קוקט אַרויס דורכן טיראייגל, נו, ווער איז דער אומגעבעטענער גאַסט?

— אַצינד ביַים טישל פרעגסטו מיך?

— כ'מיין אַקעגן דעם... אַ חוצפּן. און וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַררייטלט, קובי?

ער שוויַיגט.

— מקנא?

— און דו, מימי, האָסט פון לאַנג שוין אויפגעהערט זיך רויטלען?

— קובי, תפסיק עם החכמות שלך (הער אויף מיט דיַינע חכמות).

— אפשר וואָלסטו אויפגעהערט מיט דיַינע שטויות?

— קובי, וואָס איז מיט דיר?

— מיט דיר וואָס איז? מימי, מ'האָט דאָך געוואָלט גיין צום ים.

— היַינט שוין נישט. אַ צווייט מאָל, כ'בין מיד. פיר מיך אַהיים.

— ס'ט פאַרגעסן, כ'האָב נישט ס'מאַשינדל. נו דערצייל, דערצייל...

— נו, פרעג איך דיך, לאָזן אים שטיין הינטער דער טיר?

—פרעג מיך וויניקער.

— כ'האָב געמאַכט אַ טיי, געמיינט פון אים פּטור ווערן. נאָך דעם זאָג איך: „איך גיי מאַכן אַ טוש". וועט ער אויפהייבן זיך און גיין. ס'הייבט זיך נישט אָן. „איכ'ל צוּוואַרטן", — זאָגט ער. „אויף וואָס וואַרטן, שמואל?"

ס'ערשטע מאָל האָט זיך פון איר מויל אַרויסגעריסן זיַין פּריוואַטער נאָמען.

— „מיר זענען דאָך היימישע מענטשן. נאָענטע פריַינד", זאָגט

ער, „העכער אַ יאָר אַרבעטסטו בײַ מיר״, דוצט ער מיך שוין. „אַז מה, איז וואָס ?״ — פרעג איך. „גאָרנישט, גיי מאַך זיך אַ וואַנע״.

— מימי, קענסט עס מאַכן בקיצור ? ווער דאַרף דאָס בכלל וויסן ?

— שוין ווידער, קובי ?

— ווער דאַרף דאָס אַלץ וויסן, פרעג איך צו אַלדע שוואַרצע יאָר, צוליב וואָס דערציילסטו מיר דאָס ?!

— מה יש, וואָסי ? אויפגערעגט זיך ? אַזש אויפגעשטעלט, ווי לויפסטו, וואַרט אַ סעקונדע, אָט ענדיק איך ס׳שטיקל קישקע, — הייבט זי אויף איר קול און ווײַזט אַ פול מויל האַלב צעקײַט עסן.

— עס, רעד וויניקער !

— קובי טײַערער, אויף ועמען שרײַסטו ? זעץ זיך אַנידער, מותק.

— איך גיי צום בופעט באַצאָלן.

— מיר׳ן נעמען אַ טעקסי און אַהיימפאָרן.

— איך דאַרף היינט, פרײַטיק, פריער זײַן אין דער היים.

און קובי לאָזט זי בײַ אַ האַלבער פּאָרציע קישקע אין טעלער.

איידער זי קוקט זיך אום איז ער שוין נישטאָ. נעלם געוואָרן.

4

מימי ענדיקט עסן. ליידיקט אויס דעם האַלבן קופל ביר. זי קוקט זיך אַרום. נאָך מענטשן בײַ טישלעך זעט זי. ערשט זי כאַפּט זיך : הויך גערעדט, אַ סך גערעדט. מענטשן האָבן אַוודאי געהערט. אפשר נישט באַדאַרפט אָנהייבן דערציילן. זי קוקט זיך נאָך אַ מאָל אַרום, באַטראַכט די מענטשן. כלומרשט רויִק זיצט זי, אָבער אינע־וויניק, ווי עפּעס אַ מײַזל וואָלט דאָרטן אַרומגעלאָפן, געפּישטשעט. זי הייבט זיך אויף. אַן אויסגעגלײַכטע, מיט לײַכטע, הויכפּיסיקע טריט צום טאַקט פון הויכע דינע קנאַפּעלעך שטייט זי שוין בײַ דער טיר, צוויי, דרײַ טריט אין דער ברייט פון טראָטואַר, פּרוּווט נאָך

אַ קוק טאָן, אַ זוך טאָן קובין, אַ געשריי רײַסט זיך פון איר מויל אַרויס, כאַטש זי ווייסט, אַז קובי איז שוין ווײַט, ער וועט זי נישט הערן. אָ, די פוילישע מיט זייער האַנאַר. אויפן ראַנר טראָטואַר פּאַרהייבט זי אַ האַנט. אַ טעקסי שטעלט זיך אָפּ און שוין איז זי אינעווייניק.

אַ מזל האָט זי, — רעדט זי צו זיך אין געדאַנק, — וואָס ער האָט זי איבערגעריסן אין מיטן. האָט זי טאַקע געפּלאַפּלט וואָס מ׳דאַרף נישט? זיך פאַרגעסן מיט וועמען זי רעדט? אָ, די צונג, די צונג. החיים והמוות בידי הלשון — האָט איר קובי נישט איין מאָל געזאָגט. זיך פאַרגעסן. אוי, דער ביר, ס׳כּוסהלע. יאָ, אַ מזל. נאָך עטלעכע מינוט וואָלט זי אויסגעשאָטן דעם גאַנצן אמת. ערשט אין שטוב האָט זי פּאַר זיך אַליין, נישט אָן הנאה, די גאַנצע זאַך צעלייגט אויף טעלערלעך. אַ חוצפּה פון אַ באָס, אַן אַלטער קאַוואַ־ליר, אַן אימפּאָטענט. באשר ער איז איר באָס. אַרויס פון טוש, געזען זיך אין שפּיגל אַ פאַררייטלטע מיט טונקל־נאַסע פלעקן אויפן נאַכטהעמד פון די אַרויסשטאַרטשנדיקע בריסט. ער זיצט בײַם טיש. גלאָצט מיט די אויגן... זי וויל אים פרעגן, אויף וואָס וואַרט ער... און זי זעט, אַז אַזוי גיך וועט זי פון אים נישט פּטור ווערן. דער זייגער ווייזט 11.30. ס׳טרעפט, אַז קובי פאַלט אַ מאָל אומגעריכט אַרײַן. נאָך דאָס פעלט איר. טרעפן אַ פרעמדן מאַן. איר באָס. אַזוי שנעל, זאָגט זי צו זיך, וועט ער דאָך נישט אַוועקגיין. מימי, דו ביסט דאָך נישט קיין נאַר, גיט זי אַ רעד צו זיך אין געדאַנק, די בעסטע זאַך איז מאַכן עס וואָס שנעלער און פּטור ווערן. קוים נישט? ווי אַזוי וועט זי אים מאַרגן, איבערמאָרגן קענען קוקן אין פּנים אַרײַן?

זיך געישובט צו לאַנג זעט אויס. ער הייבט זיך אויף און פאַלט צו צו איר, נעמט זי אַרום מיט די וואַרעמע שווייסיקע הענט. אָט ליגן זיי ביידע אויף דער קאַנאַפּע. זי שטופּט אים אָפּ: „לך, גיי, מה פּתאום?״ ער — אַ פליישיקע מאַסע. זײַנע ליפּן, צײַן פּילט זי אויף איר האַלדז.

— איכ'ל שרײַען, שמואל, איך קלינג שוין אין פּאָליציי!
פּנים־אל־פּנים קלאַמערט ער זיך אין איר, רעדט שטיל:
— לאָט לך (פּאַמעלעך), ליג, שרײַ נישט.
— טוסט מיר וויי, לאָז צורו!
— מימי, ביסט דאָך אַ גוטע, נו, ליג שוין רויִק.
— וואָס עפּעס אין אַנטאָן?

ער איז ווילד. ווילדע אויגן. קיין מאָל האָט זי אים אַזוי נישט געזען. נישט צו דערקענען אים. זי העלפט אים אויפשפּיליען ס'אויבערהעמד, ציט פון אים אַראָפּ די בינדע (אויסגעפּוצט זיך דער „דזשענטלמען"). ער באַפרײַט איין האַנט, קנעפּלט זיך די הויזן, און ס'קול — נישט זײַן קול — ציטערט:

— מימעלע, איך בעט דיך, ביסט דאָך אַזאַ גוטע. האָסט בײַ מיר אַ שיינע משׂכּורת, זײַ גוט צו מיר, מימי.

★

דעם גאַנצן פרײַטיק־צונאַכטס ביז חצות האָט זי קיין אויג נישט צוגעמאַכט. ס'האָט איר פאַרדראָסן אויף זיך אַליין. חרטה געהאַט פאַר וואָס זי האָט אים צו זיך צוגעלאָזט. נישט באַדאַרפט אים אַרײַנלאָזן אין שטוב, אַרײַן אין באַדצימער מאַכן זיך אַ טוש ווען ער איז נאָך אין שטוב. פּאָליציי? וועט מען איר גלייבן? וואָס איז ער, אַ מענטש פון דער גאַס? אויף כּוח, מיט גוואַלד געקומען צו איר? סך־הכּל איז ער געזעסן שטיל. אויסגעטרונקען די טיי. געדאַנקט, געשמייכלט צו איר.

קובי. ער וועט פרעגן, ער וועט פאַרשן. זי האָט אים ליב. זי וויל מיט אים חתונה האָבן. אַנגעצונדן זיך. אויפגעהויבן זיך און אַנט־לאָפן. און זי האָט גערעדט „שטויות במיץ עגבניות". אַרײַן בלויז אויף אַ קאַלטן טרונק, נאָך דעם צום ים און זי האָט זיך צערעדט... קובי, דער שיינער שטאַלטנער מאַן, אַן אמתער אייראָפּעער, אַן אינטעליגענט, אַ מוזיקער. שוין עטלעכע מאָל געברוגזט זיך און

צוריקגעקומען. ניין. היינט האָט ער אויף אַן אמת זיך באַליידיקט.
דעם גבר, דעם מאַן אין אים, האָט זי באַליידיקט.

ערשט זיך דערמאַנט: נאָכן באָס אַוועקגיין איז זי נאָך אַ מאָל אַרײַן אין וואַנע אַרומוואַשן זיך. פון שפּיגל האָט אַרויסגעקוקט ס'פּנים — בלייך, פאַלש שמייכלענדיק, די שמאָלע עטוואָס לענג־לעכע אונטערגעריסעוועטע אויגן — אָנגעברוגזט. אויף וועמען איז זי ברוגז? זי האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט אונטער די פּאַכוועס, אונטערגעהאַלטן די בריסט — שמאָלע לענגלעכע חלות עטוואָס צעוווירענע. נאָך דעם האָט זי פאַרקעמט די צעפּלאָשעטע האָר און אַרײַן אין בעט. שלאָפן האָט זי סײַ ווי נישט געקענט.

קובי. ער וועט נישט גלייבן. הלמאי איז ער נישט געגרעבט? קובי, אין אָנהייב באַקאַנטשאַפט האָט ער זי געפרעגט, עטלעכע מאָל געפרעגט: „ווער ביסטו, כ'מיין טאַטע, מאַמע. איך וויל וויסן מיט וועמען איך האָב צו טאָן". נישט כּדאי צו רעדן, — האָט זי מער מיט דער האַנט ווי מיטן מויל אים געוואָלט אַוועקמאַכן. וואָס האָט זי צו דערציילן? אַ גרויסע נפקא־מינה איר ביאָגראַפיע... אַ מיידע־לע פון עלף־צוועלף יאָר — אין אַ מוסד פאַר יתומים, כאָטש זי איז אַ האַלבע יתומה געווען. אַנטלאָפן. פרי אָנגעהויבן מיט יינגלער, צוציקעס, הויך און דאַר, רעדן מיט הייזעריק־שרײַענדיקע קולות, קרייענדיקע הענדלער.

קובי איז דאָך דער ערשטער געווען, וואָס האָט זי אַ קוש געטאָן, אַ קוש פון אַ גבר, אַ מאַן. איינער פון יענע ערשטע, וואַ־רעמע, אינטימע קושן, וואָס מ'קען נישט פאַרגעסן. וועגן זיך האָט ער ווייניק גערעדט: געוועזענער סטודענט, מוזיקער, געוואָלט, געמיינט — — — קובי, זײַן לשון, דער ריח פון זײַן מויל, זײַן פּערזענלעכקייט. ערשט בײַ אים, מיט אים דערפילט צום ערשטן מאָל וואָס מ'מיינט ליבע. אַ סך מאָל האָט זי דאָס וואָרט ליבע געהערט פון אַנדערע און נישט געוווּסט די באַדײַטונג דערפון. קובי, מסכן, תּפרן (אַ ליידיקע קעשענע, הייסט עס), ער וועט איר נישט גלייבן. זי גלייבט אים: ס'אים שלעכט. ער שלאָפט מיט זײַן ווײַב

און ער האָט ליב אַן אַנדערע. זי, מימין, האָט ער ליב. נישט איין מאָל איבערגעחזרט:

— ווילסט חתונה האָבן?

— יאָ. נמאס מיר די מענער.

ער קען זיך נישט דעצידירן, קובי. צריך לחתון, מ׳דאַרף איבערשניַידן, ענדיקן. אַן אָפּעראַציע. יאָ, ס׳טוט וויי. אַז מע שניַידט טוט וויי. די ציַיט היילט אויס. ווּ איז ער אַצינד? — פרעגט זי. איַי, קובי, ווען זי מעג צו אים כאָטש אַ קלונג טאָן, זיַין קול הערן. אָ, ניין. עטלעכע מאָל אָנגעזאָגט איר — נישט קלינגען אין שטוב אַריַין. אומגליקלעכער קובי.

5

זי איז פאַרטאָן אין קיך, סאָניע, פריַיטיק. תּמיד איז ביַי איר דער „קורצער פריַיטיק״. פריַיטיק קומט קובי פרי אַהיים. שבת איז ביַי אים, מעג מען זאָגן, דאָס איינציקע, וואָס איז אים געבליבן פון שטוב. שבת־קודש. זיַין טאַטע, דער קלעזמער, דער הויכער, שוואַרץ־באַוואָקסענער מנשה, אויף חתונות געטראָגן אַ שוואַרצן אָפּגעטראָ־גענעם צילינדער. דער שוואַרצער מנשה, האָט מען אים גערופן. ער האָט געפירט אַ פרומע שטוב, פלעגט ער דערציילן, געלערנט אים אַ פידעלע האַלטן אין האַנט. „אונטערוואַקסן, וועט ער העלפן צו דער פרנסה״. טענות געהאַט צו זיַין מאַמען באשר זי פיעשטשעט איר זינדל, שיקט אים אין די שקאָלעס, קאָנסערוואַטאָריע.

אַ ליאַדע רגע קומט ער אָן, קובי, איַילט זי זיך, סאָניע. מע דאַרף אויך זיך אַליין אויפּרוימען — געדענקט זי די ווערטער פון אירער אַ שכנטע. אַ טיר קענגן אַ טיר וווינט זי: „אַן אייגענעם מאַן דאַרף מען אויך געפעלן״. קובי קומט פון גאַס, פון דער גרויסער שטאָט קומט ער. טאָקע נישט קיין יונגער־מאַנטשיק אָבער אויגן, אַ נשמה האָט ער יונגע.

ווען קובי קומט, איז ביי איר שוין אַ רגילות, דאַרף אַלץ זיין גרייט. אַט עפנט זיך די טיר. ער איז דאַ.

— הײַנט פריער ווי תּמיד, קובי, וואָסי, זיך פאַרבענקט צום ווייב?

קובי שווײַגט. לויט איר זײַטיקן קוק אויף אים געפעלט איר נישט זײַן פּנים. נערוועז — מילא. צו דעם איז זי שוין צוגעוווינט. אויך צו זײַנע בייטעוודיקע שטימונגען צוגעוווינט. אָבער די אויגן זײַנע — זײַנע טונקל־גרינע אויגן — אָנגעברוגזט, פאַרכמאַרעט. אַ וואָלקנבררוך.

— איך בין הונגעריק.

— ווו ווילסטו עסן, אין קיך צי אין סאַלאָן?

— פרעג מיך עפּעס גרינגערס.

— וואָס כּעסטו זיך אַזוי, אויף ועמען כּעסטו זיך, פאַר וואָס? גאַנצע טעג זעט מען דיך נישט אין שטוב. אַרײַנגעקומען און בייזערט זיך.

קובי שווײַגט.

ער זעט אויס מיד, זוכט מיט די אויגן, ווו זיך אָוועקצוזעצן. שווײַגט זי אויך. ביידע שווײַגן. ס׳עסן — אויפן סאַלאָנטישל. זי כאַפּט נאָך אַ מאָל אַ באַלכסוניקן קוק אויף קובין. די ליפּן זײַנע ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס זאָגן — צוגעפּרעסטע איינע צו דער אַנדערער, אָט עפענען זיי זיך, ווי ביי אַ פיש אויף דער טרוקעניש און שליסן זיך באַלד. אַ פּײַכטקייט ביז די מווילווינקלען באַדעקט זיי. מעסערדיקע בליקן שיקן צו איר די טונקל־גרינע אויגן. אומבאַ־וועגלעך שטייט ער. אָט, מיינט זי, מאַכט ער אַ טראָט צום סאַלאָנטיש, ווו ס׳עסן אויפן סערוועטל וואַרט אויף אים. זי וועט בלייבן אין קיך, טראַכט זי, אַ מאַן, קומט ער פון גאַס אַ הונגעריקער, זאָל ער קודם אָפּעסן, אונטערזיצן, באַרויִקן זיך.

— ווילסט אפשר פריער אַ טרונק?

קובי שווײַגט.

גאָט מײַנער, זאָגט זי צו זיך, איך האָב דאָך אים ליב, מײַן מאַן. פֿאַר וואָס רעדט ער נישט צו מיר.

— קובי, פֿאַר וואָס ביסטו בייז?

זי ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט זיך, גראָד הײַנט זיך אויפֿגערוימט, געווען בײַ דער פֿריזירערין. געשטאַנען הײַנט לענגער ווי תּמיד בײַם שפּיגל פֿון קליידערשאַנק. לאַנג געזוכט, געקליבן, איבערגעוואָרפֿן די בלוזקעס, ספּודניצעס, קליידער, געשיטבט זיך וואָס אויף זיך נעמען. גראָד הײַנט געפֿונען דאָס פּודער־פּושקעלע. מיטן פּודער־קישעלע עטלעכע קעלפּלער אויף די באַקן איז זי זיך געפֿעלן: „אַ קניפּ אין באַק און די פֿאַרב זאָל שטיין". עפּעס איז איר הײַנט, זי ווייסט אַליין נישט פֿאַר וואָס, אַזוי גוט געווען אויפֿן געמיט.

ס'האָט שוין געטונקלט. זי האָט זיך געגרייט בענטשן ליכט. אפֿשר וועט ער הײַנט גוט געשטימט זײַן, האָט זי געטראַכט, איבערכאַפּן מיט אים עטלעכע ווערטער. און נאָ דיר אַזאַ פּנים. אַ פֿאַרגליווערטע, אַן איבערגעשראָקענע שטייט זי, האָט מורא: באַלד וועט פֿון וואָלקנבראָך אַ דונער זיך אַ קײַקל טאָן איבער איר קאָפּ.

— וואָס איז מיט דיר, קובי? — פֿרעגט זי נישט מיט איר קול.

— מיט דיר וואָס איז? וווּ ביסטו נעכטן בײַ נאַכט געווען, וווּ?

זי זוכט אַ וואָרט צו ענטפֿערן און געפֿינט נישט.

— אַ ליידיקער פֿרידזשידער, אַ ליידיקער טיש.

— זעץ דיך עסן, ס'עסן ווערט קאַלט. אָט מאַך איך אַ טיי. אפֿשר אַ קאַלטן טרונק? טו אויס די מאַרינאַרקע, הייס אויף דער גאַס, אין שטוב. גיי וואַש זיך די הענט, ס'פּנים, ביסט דאָך פֿאַרשוויצט.

זי וויל נאָך עפּעס זאָגן, פֿרעגן און קאָן מער קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. די טרערן שטיקן אין האַלדז. דער טעלעפֿאָן קלינגט. ער מאַכט צוויי ענערגישע טריט פֿון טישל, וווּ ער האָט זיך געגרייט צוזעצן, צום בופֿעט, וווּ דער טעלעפֿאָן שטייט, הייבט אויף ס'טרײַבל. „אַ טעות", — שרײַט ער אַרײַן צום קול פֿון דאָרטן — ער דערקענט מימיס קול — פֿאַרשטומט עס מיט אַ האַק פֿון טרײַבל. ער

גייט צוריק צום טישל און בלײַבט שטיין. פּנים־אל־פּנים צו סאָניען שטייט ער. זי האַלט זיך אײַן מיט אַלע כּוחות: נישט וויינען. וויינען, האָט ער איר איין מאָל געזאָגט, איז דאָס לעצטע געווער בײַ פרויען. זי איז דאָך גוט צו אים. זי האָט אים ליב, איין גאָט איז אַן עדות; לײַדט פון אים און ליבט אים. קיין מאָל איר קול צו אים נישט אויפגעהויבן.

און זי האָט שוין פאַרגעסן, וואָס ער האָט געפרעגט. אַ מבול־בעלע מיט איבערגעשראָקענע אויגן שטייט זי קעגן אים. ער גענעט צו איר, לייגט אַרויף זײַנע ביידע הענט אויף אירע אַקסלען, נעמט זי טרייסלען. שטאַרק דריקן זײַנע הענט אויף אירע האַלדז־ביינדלער. זי בייגט זיך אַרונטער, שווײַגט.

— פאַר וואָס זע איך דיך נישט אין שטוב!?

— אוי, ס'טוט וויי, נעם אַראָפּ די הענט!

— וואָס עפּעס אַזוי אויסגעסטראָצלט!?

— קובי, לאָז אָפּ, קובי, ס'טוט וויי!

— מײַן ווײַב ביסטו. איך האָב דיך ליב! איך — — — —

— ווילסט מיך שלאָגן, ווילסטו מיך?! — שלאָגט זי אים איבער אין מיטן די רייד מיט אַ געשריי. זי בייגט אַראָפּ אַן אַקסל, גיט זיך אַ ריס פון אונטער זײַנע הענט און וועקט זיך איבער פון אייגענעם געשריי. זי עפנט די אויגן, זעצט זיך אויף, קוקט זיך אַרום. איר אויסגעשריי קלינגט איר אין די אויערן. קיין וואָרט הערט זי נישט מער פון קיינעם. זי ווונדערט זיך, וואָס אַלץ זעט אויס ווי פריער, ווי פאַר דעם.

אוי, אוי, אַ חלום; ס'גאַנצע לעבן איז אַ חלום.

צילע

צילע

כמעט איטלעכן טאָג אין דער פרי גייט חיים מיט זײַן ייִנגעלע אין פּאַרק. שׂרה, זײַן ווײַב — אין שטוב. איין גרויסע שטוב, צעטיילט מיט אַ פּאַניר־ווענטל פּאַר צוויי משפּחות.

מאַנגל אין דירות. יעדן טאָג, יעדע וואָך — נײַע פּליטים, איינציקע און משפּחות. דײַטשלאַנד. די־פּי־לאַגער, אַמעריקאַנער זאָנע. צווישטאָקיקע בלאָקנהײַזער איינע קעגן די אַנדערע. שמאָלע טראָטואַרן. אַ שאָסיי.

אַ פּאַרק. בענק. הוידלקעס, בחיפּזון אויפגעשטעלטע. עטלעכע קילאָמעטערס פון לאַגער — די שטאָט באַד־רײַכענהאַל. הײַזער, הײַזקעס. רויטע בלעכענע דעכלעך. דעכער פון רויטע דאַכלקעס, שינדלען. גערטנדלעך. גרין געמאַליעוועטע טירלעך, פּלויטלעך. אויך לעבעדיקע פּלויטלעך, סימעטריש אַרומגעשוירענע. סטעזשקעס. באַגראָזטע פּלעצער צווישן הויז און הויז.

ווײַטלעך פון שטאָט — גרינער אויספּרייט, תּבֿואה־פעלדער. העט ווײַט — שיטערע וועלדלעך. שיער־שיער מיטן אויג צו דער־גרייכן — די בײַערישע אַלפּן. איבער אַלץ — אַ בלויער, לויטערער הימל.

אויף אַ באַנק זיצט אַ יונגע פרוי, לעבן איר אין אַ קינדער־וועגעלע — אַ קינד, לויטן קורצן קליידעלע און לעטשעלער־באָמ־באָשן — אַ מיידעלע, ס׳מיידעלע שלאָפט מיט אַ סמאָטשיק אין מײַלעכל.

ער זעצט זיך צו. אַ יונג מאַמעלע זעט אויס די פרוי. כּמעט אַ קינדיש פּנימל, אַ בלאָנדער קאָפּ האָר. זי קוקט אויף אים. זי וויל עפּעס זאָגן, פרעגן, — אַזוי זעט אים אויס איר קוק, די צוויי חן־

גריבעלער בײַם עפּענען ס׳מײלעכל. ס׳פּנים שמײכלט. די חן־גריבע־לער שמײכלען, דעקן אָפּ צװײ פּאָדערשטע צײן איבער אַן אַרױס־געהױבן אונטערשטע ליפּל. אַ שפּיציק קינדיש גאָמבעלע. אױגן טיף־בלױע, אַ בלױ פֿון אַן אָזערע פֿאַרשאָטנט פֿון בײמלעך, הױכע לאָזעס.

כּמעט אַלע טאָג אין די מאָרגן־שעהען איז ער מיטן ייִנגעלע, שימעלע, אין פּאַרק. שׂרה, זײַן װײַב, איז נישט בײַם בעסטן געזונט, דאָקטערט זיך. רעצעפּטן העלפֿן נישט. מנוחה, — זאָגט דער לאָגער־דאָקטער. ער װײסט, אַז עס װעט נישט העלפֿן. פֿון רוסלאַנד, פֿון די פֿיר יאָר סיביר, שלעפּט זיך די קרענק. ס׳רוב שעהען איז שׂרה אין שטוב. אַ גוטע באַלעבאָסטע האָט תּמיד װאָס צו טאָן.

צילע הײסט זי, די יונגע מאַמע. זי זעט אױס אַ יאָר צװאַנציק, אפשר עפּעס װײניקער. איציק, איר מאַן, פֿאָרט איבער די שטעט־לער, שטעט ביז מינכען. האַנדלט, דערצײלט זי אומגעפֿרעגט. אין זעלבן בלאָקנהױז װױנען זײ. נאָענטע שכנים. זינט דער באַקאַנט־שאַפֿט האָט זי אָנגעהױבן אָפּשטעקן װיזיטן בײַ שׂרהן, בײַ אים און זײַן װײַב, בײַם שכן, הײסט עס.

אין פּאַרק פּלעגט זיך איציק אַ װײַז טאָן אין דער פֿרי צום אַרױסגײן פֿון שטוב, אַ מאָל — פֿאַרנאַכט צום צוריקקומען פֿון גאַס. ער כאַפּט דאָס קינד אױף די הענט, אַ גלעט, אַ קוש. צו צילען — אַ שמײכל און מיט אײַליקע טריט, מיט אַ באַשעפּטיקט פּנים איז ער שױן נישטאָ.

— ער האָט קײן מאָל נישט קײן צײַט, אַ פֿאַרנומענער מענטש, — באַקלאָגט זי זיך פֿאַר אים האַלב ערנסט, האַלב שמײכלדיק. זי לאַכט מיטן גאַנצן פּנים. די צװײ חן־גריבעלער, ס׳יונגע גאָמ־בעלע לאַכן מיט. אַזױ אַ צװײט מאָל, אַ דריט מאָל. צילע מיטן קינדער־װעגעלע, חיים מיט שימעלען בײַם הענטל, זיצט מען אױף דער באַנק, שפּאַצירט מען אין פּאַרק. שימעלע, עלטער פֿון דער קלײנער מיט אַ יאָר פֿינף־זעקס, מאַכט צו איר מינעלער, שפּילט זיך מיט איר. צילע איז באַרײדעװודיק. אים הערט נישט אױף

וווּנדערן איר צוטרוילעכקייט. סך־הכּל צוויי, דריַי וואָכן זינט דער ערשטער טרעפונג אין פּאַרק. זי ווייסט נישט ווער ער איז, פון וואַנעט ער איז געקומען, ווייסט אַפילו נישט זיַין נאָמען.

— קיין מאָל נישט קיין ציַיט, איר איציק, — הייבט זי אָן פון מיטן, ווי זי וואָלט אָקערשט דעם שמועס איבערגעריסן.

— ער מאַכט אַוודאי גוטע געשעפטן.

— זיַינע געשעפטן. פאַרגעסט, אַז ער האָט אַ וויַיב. פאַר וואָס זעט מען נישט שׂרהן?

ער שוויַיגט. וואָלט באַדאַרפט זאָגן, אַז שׂרה פילט זיך נישט גוט. ניין. ער קען איר צו ווייניק. אים איז שווערלעך אָפנהאַרציק זיַין מיטן שיינעם וויַיבעלע, כאָטש אַ טבע האָט ער גראָד צו באַ־ריידעוודיקייט. צו רעדן וועגן פאַמיליע־ענינים דאַרף מען זיַין אַ ביסעלע נענטער און בכלל... למען־האמת איז ער נישט קעגן, אַדרבא... איז דעריבער טאַקע כּדאי צו האַלטן זיך אַ ביסעלע וויַיטער.

אומאָפּגערעדטערהייט טרעפט מען זיך יעדן טאָג אין פּאַרק. אַ יונג שיין וויַיבעלע. וואָס קען שאַטן עטלעכע שעה שפּאַצירן אין פּאַרק, העלפן די קינדער אַראָפּ און אַרויף אויף די הוידלקעס. אויך איציק זעט נישט אויס אַ סך עלטער פון איר. אַ שטאַלטנער בחור. אַ שוואַרצער קאָפּ האָר, אויגן — גרויסע, ברוינע. נישט קיין מיאוס פּאָרל, — זאָגט ער צו זיך. אַ וווּנדער אים אויף צילעס באַקלאָגן זיך. רעדט אַ סך, לאַכט מיט די חן־גריבעלעך און די אַרויסשטאַרטשענדיקע פּאָדערשטע צוויי ציין. רעדט און דערזאָגט נישט עפּעס.

אַ טריקאָ־קליידל טראָגט זי אויף זיך, כאָטש דער דרויסן איז שוין אַ זומערדיקער. אָנגעצויגן ליגט ס׳קליידל אויף איר נישט צו הויכן גוף, אַ פּולינקער, אויסגעאיידלטער: שמאָל ביַי דער טאַליע און ברייטער ביַי די שענקלען. אַ מאָל — אין אַ קלאַש־ספּודניצקע. שיינע פיס אויף אַ הויך קנאַפּעלע. תּמיד אַ ניַי לעטשל. דאָס ברענגט

ער איר, איציק, פון זײַנע מסחרים — אַ מין פֿאַרגיטיקונג פֿאַר זײַן שטענדיק פֿאַרנומען זײַן.

— מײַן מאַנס מתּנות, — האָט זי ליב איבערצוחזרן און שטעלט אַרויס אַ פּיסל מיט אַ דרייַ אויפֿן שפּיץ קנאַפּעלע.

— אויב אַזוי איז דאָך נישט אמת, אַז ער פֿאַרגעסט, אַז ר׳האָט אַ ווײַב.

— איז דאָס אַלץ, וואָס אַ ווײַב פֿאַדערט פון אַ מאַן?

אָפּענע דיבורים, באַנאַלע, — זאָגט ער צו זיך. דאָס שטערט אים פון דערסטוועגן נישט פון טאָג צו טאָג היימישער ווערן. באַנאַלע רייד? אפשר אַ טעות. אַ פּשטות אַזאַ, אַ נאַיִווקייט, עלעהיי אַ קינד: אַזוי ווי עס רעדט צו אַן אַנדער קינד רעדט עס צו אַן עלטערן, אַן אומבאַקאַנטן, ווי צו זײַנס גלײַכן.

ער איז עלטער פון איר מיט אַ וועלכע צוועלף יאָר, זײַן אויסערלעך אויסזען — נישט ספּעציעל צוציִענדיק. עס דרייען זיך דאָ אין פּאַרק נאָך יונגע־לײַט, שענערע, העכערע פון אים. זי איז אַ יונג, שיין ווײַבעלע. אַ רבותא אים אויף איר אָפּנהאַרציקייט, פֿאַרטרווילעכקייט דווקא צו אים. זי ווייסט, אַז ער איז אַ באַווײַבטער. אמת, די פֿרוי נישט בײַם בעסטן געזונט, און ווי זי זעט — אַ יינגעלע, אַ טאַטע פון אַ קינד.

זי מיט איר פֿריזור פֿאַרקאַמט אויף אַרויף איז העכער פון אים מיט אַ האַלבן קאָפּ. איר איציק, זאָגט זי, האַנדלט גרויס. ער טויג זיך אויס צו דעם. איר פֿעלט גאָרנישט בײַ אים. זאָל חיים אַ מאָל אַרויפֿקומען, זען אים מיט די אייגענע אויגן. מען איז דאָך נאָענטע שכנים. זיי לעבן נישט אויף די „קעסט" פון „דזשווינט", פון „אונראַ", ווי ס׳רוב דאָ אין לאַגער. אויך אין רוסלאַנד, פון וואַנעט איציק איז געקומען, האָט מען נישט געלעבט אויפֿן „פּאַיאָק". איר גייט דער גאַנצער ענין נישט אָן. זי וויל פון די שוויַנע, די רוצחים, וואָס פֿריער פּטור ווערן. אַוועק פון דאַנעט.

אַ שטומער זיצט ער, אַן אײַנגעהערטער. נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון איר, פון שיינעם מײַלעכל און זיסן שמייכעלע.

אַ באַדערפעניש איז אין אים אויפגעגאַנגען פרעגן איר: ווער ביסטו, מײַדלפרוי, מאַמע? ווו ביסטו געווען אין די מלחמה־יאָרן? האָסטו דאָ עמעצן פון דײַן משפחה? פון וואַנעט, ווי אַזוי קומסטו אַהער? און ווידער די הויפטפראַגע: פאַר וואָס גראָד מיך, דעם אומבבאַקאַנטן, עלטערן פון דיר?...

✶

חיים, דער נישט צוציענדיקער מאַנצביל, איז איר געפעלן. פון „דאָרטן", פון „דאָרטן" קומט זי — האָט ער יאָ און נישט געהערט. וויפל איז זי סך־הכּל דעמאָלט אַלט געווען? אַוודאי דרײַצן, אין פערצנטן יאָר. אַ קינד. אַ מיידלקינד. ווי אַזוי איז זי פון דאָרטן אַרויס? ווען חתונה געהאַט?

אַ באַדערפעניש צו הערן איר האָט אין אים געוועקט ס'נעבטיקע מיידלקינד, דאָס שיינע ווײַבעלע. עס קוואַלט פון הינטער איר נאַיוון פלאַפּלען, ווי אונטער דער אייבערפלאַך פון אַ לויפיק וואַסערל, אַ שטראָם רייד, און ווער ווייסט וויפל קוויילעניש? זי רעדט אַ סך, אַ סך וואָס מען דאַרף און וואָס מען דאַרף נישט. אַ סך שווײַגט זי אויס. ער פילט, אַז עפּעס באַהאַלט זיך הינטער אירע רייד.

אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַן עלטערער ברודער, צוויי ייִנגערע שוועסטערלעך, — קיינער, קיינער איז נישט געבליבן. איר איז געלונגען באַהאַלטן זיך אין אַ בונקער. אַן אַלטער ייִד מיט אַ ווײַסער באָרד איז דאָרט געווען און אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט־צען. מיט איר אַרײַנקומען אין בונקער האָט דער אַלטער גענומען שרײַען: „נעמט אַרויס די נקבה! נעמט אַרויס די נקבה!" „דרײַצן און אַ האַלב יאָר איז מיר" — האָט זי אים געזאָגט, געוויינט. זי איז איינע געבליבן נאָכן אַרויסנעמען אַלע פון שטוב. אַלע זענען דעם זעלבן טאָג אַוועק מיטן טראַנספּאָרט. עטלעכע מעת־לעת איז זי געווען אין דער באַהעלטעניש. דער ייִד מיט דער ווײַסער באָרד האָט נישט אויפגעהערט צו שרײַען „נעמט אַרויס די נקבה!" ס'ייִנגעלע האָט שטיל

געוויינט, זיך געבעטן בײַ אים: „שרײַט נישט אַזוי, די דײַטשן וועלן דערהערן. מען וועט אונדז אַלע אויסשיסן".

אַן אַלטע גרויסע מאַרינאַרקע האָט ס'יינגעלע אויף זיך געטראָגן. אַ פּנים פון טאַטן אָדער פון אַן עלטערן ברודער. זי איז געווען אין אַ דין זומערקליידל. נאָך סוכּות. ווינטער נײַנצן צוויי און פערציק. זי האָט געציטערט פון קעלט. הונגעריק. ווונדן אויףביידע פיס פון לויפן און פאַלן נאָכן שפּרינגען פון וואַגאָן.

בײַ נאַכט. לעבן פענצטערל פון וואַגאָן איז זי געשטאַנען. לעבן איר — אַן אַלטיטשקע פרוי. געהערט פון איר, אַז זי איז די לעצטע פון דער גאַנצער משפּחה, זאָגט צו איר די אַלטיטשקע: „ביסט אַזוי יונג, דו דאַרפסט לעבן, שפּרינג!" נאָך האָבן זיך געשטופּט צום איינציקן פאַרקראַטעטן פענצטערל, כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. די אַלטיטשקע נעמט אַרויס פון בוזעם אַ קניפּל. אַלעמען, ווער ס'קלײַבט זיך שפּינגען, צעטיילט זי, וואָס זי האָט געהאַט: איינעם אַ גאָלדענעם בראַסלעט, איינעם אַ זייגערל, אַן אַנדערן — אַ גאָלדן קייטעלע, אַ פּאָר אויערינגלעך, אַ גאָלדן פינגערל. איר גיט זי אַ קדושה־רייפל: „נעם, ס'וועט דיר צו נוץ קומען", — זאָגט זי איר און שטופּט איר אין האַנט אַרײַן צוויי הונדערט זלאָטעס. ניין. נישט קיין מלאך איז זי געווען. נישטאָ קיין מלאכים, נישט אויפן הימל, נישט אויף דער ערד. אַ גוטע פרוי, אַן אַלטיטשקע. זי איז זיכער אַ לעבעדיקע נישט דערפאָרן.

דעם אמת געזאָגט, זי האָט געגלייבט, אַז זי וועט לעבן, איבערלעבן. זי ווייסט נישט פאַר וואָס, פון וואַנען דער גלויבן האָט זיך צו איר גענומען. זי ווייסט נישט, ווי אַזוי זענען איר אין קאָפּ אַרײַנגעקומען אַזעלכע געדאַנקען. אפשר דער אַלטיטשקערס ווערטער: „ביסט אַזוי יונג, דו דאַרפסט לעבן"? אפשר דאָס קדושה־רייפל? ניין. זי גלייבט נישט אין גאָרנישט. זי האָט געוואָלט לעבן.

אויף דער דריטער, צי פערטער נאַכט, זי געדענקט נישט גענוי, האָט דער אַלטער ייִד אָנגעהויבן נאָך העכער שרײַען, געוואַלדעווען: „נעמט אַרויס די נקבה!" ס'יינגעלע האָט פון זיך אַראָפּגע־

צויגן די מאַרינאַרקע און אַרויפגעוואָרפן אויף איר. „דעק זיך צו, האָט ער געזאָגט, דו ציטערסט דאָך פון קעלט״.

זי האָט זיך אײַנגעקאַרבאָלעט אין דער מאַרינאַרקע. אַנטשלאָפן געוואָרן. זי געדענקט נישט פון וואָס אַ וואַרעמקייט האָט איר אַרומגענומען. פון דער מאַרינאַרקע, צי פון עפּעס שווערס, אַ סך שווערערס. אַ גופיקע וואַרעמקייט און אַ הייסער אָטעם און אַ ריח. נישט קיין גוטער ריח. זי איז אַזוי מיד געווען, קראַנק, הונגעריק, איבערגעשראָקן פון ייִדס געוואַלדן. אַ וואַרעמקייט פון עמעצן, וואָס שטופּט זיך, שטויסט זיך אין איר אַרײַן האָט זי געפילט. אַ הייזעריק פאַרדושעט קרעכצן: „חצופה... לאָז... לאָז...״ אַ ווייטיק האָט זי דערפילט. אַ מאָדנער ווייטיק. געמיינט, אַז פון די פאַרוונדעטע פיס. אַ ווייטיק און אַן איבל. זי דאַרף גיין געבן השתנה און קאָן נישט.

אין שלאָף, ווי אין אַ חלום, האָט זי ווידער דערפילט ס׳שטויסן זיך אין איר...

מער געדענקט זי נישט.

אין דער פרי האָט מען אַנטדעקט דעם בונקער. מ׳האָט זי, דעם אַלטן ייִד און דאָס ייִנגל אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

זי ליגט אין היץ. הויכע היץ. אויף אַ נאַקעטער פּאָדלאָגע ליגט זי. מ׳פירט זי אויף אַ וואָגן. איינער אין אַ ווײַסן כאַלאַט באַטראַכט זי, רעדט צו עמעצן, וואָס שטייט לעבן אים. דײַטש האָט מען גערעדט. זי האָט געהערט, נישט געהערט. גאָרנישט פאַרשטאַנען. אײַנגעשלאָפן. אויפן וועג צוריק אין געטאָ, אויף אַ וואָגן זיצט לעבן איר איינער. זי דערקענט אים. דער פּאָלקסדוויטש, וואָס פלעגט קומען צו זיי אין שטוב, גערעדט מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען. אַ גוטער גוי, האָט די מאַמע געזאָגט.

ער האָט זי אויף אַ וואָגן אַוועקגעפירט, זאָגט ער, צו זײַנעם אַ קאַמעראַד, אַ דאָקטער. זי איז דאָרט אונטערגעלעגן דרײַ טעג. די היץ איז אָפּגעגאַנגען. זי איז געקומען צו זיך. ער האָט אַ טעכטערל, דער פּאָלקסדוויטש, דערציילט ער, אין איר עלטער, אַזוי שיין

ווי זי. העכער צוויי יאָר זי נישט געזען. ער האָט נישט געקענט צוקוקן ווי זי מוטשעט זיך, ער, דער מײַסטער פון דער פאַבריק, וווּ זי האָט געאַרבעט. אָט־אָט, מאַכט ער, — קאַפּוט. ער פירט זי צוריק אין געטאָ. ער מוז זי צוריקפירן אַהין, פון וואַנעט ער האָט זי גענומען.

נאָך אַ נס.

דער באַראַק־עלטסטער, איינער אַ מאַניק זייפערט, האָט איר דערקענט. ער געדענקט: ווען ער מיט נאָך צוויי פון דער געטאָ־פּאָליצײַ זענען געווען נעמען איר טאַטן, די מאַמען, דעם ברודער און די צוויי שוועסטערלעך, האָט ער געזען אַ שיין מיידעלע, אַ יונגינקע, אַ בלאָנד קעפּעלע האָר, בלויע אויגן, האָט ער איר אַ ווונק געטאָן. זי האָט פאַרשטאַנען... נעלם געוואָרן. איין מאָל נאָך אַן „אַקציע" איז זי ווידער אַרויס פון אַ באַהעלטעניש. אַליין. הונגעריק. וווּ זאָל זי גיין? צוויי נעבכט געשלאָפן אויף דער גאַס. מאַניק זייפערט טרעפט זי. זי דערקענט אים יאָ, דערקענט אים נישט. ער גייט צו צו איר און זאָגט:

— אַ באַהעלטעניש, אַ זיכער אָרט האָב איך, אַ געלעגער, עסן, אַ טרונק. — ער איז נישט מער באַראַק־עלטסטער. אויך ער איז אין דער באַהעלטעניש. איבערוואַרטן. מען האָלט בײַם ליקווידירן די געטאָ. ער און נאָך צוויי זענען דאָרטן. צי וויל זי מיט אים גיין אַהין. ער האָט אויך אַ שפּײַער, זאָגט ער, אויף נישט צו באַדאַרפן.

צי זי וויל? פאַר וואָס נישט? וווּ דען האָט זי צו גיין?

אין דער פרי זענען זיי אַליין געווען אין דער באַהעלטעניש. זייפערט קומט צו, קוקט איר אין די אויגן אַרײַן, בייגט זיך צו צו איר און פרעגט:

— פון וועמען ביסטו שוואַנגער, מיידעלע?

זי קוקט אים אָן פאַרוווּנדערט, דערשראָקן:

— איך שוואַנגער? — פּרוּווט זי לייקענען, כאָטש עפּעס פילט זי אַ נודנעקייט צום ברעכן. אַ הונגער. אַ מאָדנעם הונגער צו פאַרשיידענע עסנס. איטלעך מאָל שמעקט איר עפּעס אַנדערש,

כאָטש אין בונקער פעלט נישט וואָס צו נעמען אין מויל אַרײַן.

— מיידעלע, ביסט דאָך נישט קיין נאַר. פאַר וואָס נאַרסטו מיך. איך מיין נישט דײַן שלעכטס.

— פון וואַנעט ווייסט איר, אַז איך שוואַנגער ?

— איך זע די פּיַכטקייט אין דײַנע שיינע אייגעלער, די אויפ־געלאָפענע ליפּעלער. אין דײַן קרימען זיך בײַם נעמען אַ ביסן אין מויל אַרײַן זע איך.

זי האָט זיך צעוויינט.

— וויין נישט מיידעלע, פאַר וואָס וויינסטו ?

— איך האָב געפילט, אַז עפּעס אין מיר טוט זיך. נישט געוווּסט פאַר וואָס, פון וועמען. איך האָב מיט קיינעם נישט געהאַט צו טאָן, הער מאַניק.

— ביסט טאַקע אַ שיין מיידעלע, אָבער פון ווינט, פון רוח־הקודש ווערט מען נישט שוואַנגער.

— אַן אַלטער ייִד מיט אַ ווײַסער באָרד איז אין בונקער געווען. האָט די גאַנצע צייט געשריען „נעמט אַרויס די נקבה״.

— נו, איז וואָס, אַז ער האָט געשריען ?

— מ׳האָט אַנטדעקט דעם בונקער.

— נו, איז וואָס, אַז מ׳האָט אַנטדעקט מ׳בונקער ?

— איך ווייס נישט. די לעצטע נאַכט האָב איך געפילט, ווי עמעצער שטויסט זיך צו מיר. אַן איבל צו ברעכן... כ׳בין געווען מיד, הונגעריק, צעווונדיקט די פיס פון שפּרינגען. כ׳ווייס נישט. כ׳בין אײַנגעשלאָפן.

— פאַר וואָס ס׳טו מיר נישט דערציילט ?

— וואָס האָב איך געוווּסט ? וואָס האָב איך געהאַט צו דער־ציילן ?

— מורא געהאַט פאַר מיר, האַ ? דאַרפסט פאַר מיר נישט מורא האָבן.

— איר זענט אַ גוטער, הער זייפערט. אַ טאַטע זענט איר פאַר מיר.

— אין אַזאַ צײַט, מיידעלע, טאָר מען קיין קינדער נישט האָבן, ווייסטו?

— אַוודאי ווייס איך, הער זייפערט.

אַ סך באַקאַנטשאַפט האָט ער געהאַט, דער געוועזענער באַראַקן־עלטסטער. אַן עלטערע פרוי מיט אַ קליין רענצעלע אין האַנט האָט זיך אומגעריכט אַ ווײַז געטאָן. קיינער אויסער איר און זייפערטן זענען נישט געווען אין דער באַהעלטעניש. ער איז געשטאַנען מיט אַ שיסל וואַסער און אַ ליכט אין דער האַנט. די פרוי האָט זיך בײַ איר געפּאַרעט...

— אַצינד, מיידעלע, לייג זיך צו, רו זיך אָפּ, — האָט זי געזאָגט און נישט געוואָרן.

דרײַ טעג פאַר דער באַפרײַונג איז זייפערט אַרויס פון בונקער אַ קוק טאָן וואָס הערט זיך אין דרויסן.

אַליידיקע געטאָ. קיין לעבעדיקן נפש זעט מען נישט, — האָט שפּעטער דערציילט איינער, וואָס האָט פון אַ באַהעלטעניש אַרויסגעקוקט. דער לאַגער־פירער קורט העסלער מיט זײַן וואָלפהונט האָט זיך געדרייט דרויסן פון זײַן „קאַבינעט". באַמערקט זייפערטן, רופט ער אים צו: „קאָם מאַל היר".

זייפערט איז צוגעגאַנגען. יענער קלעפּלט אים גוטברודעריש אין פּלייצע: „דײַנע קאַמעראַדן, די רוסן קאָמען, ניכט וואָר?"

זייפערט איז שטיינגעבליבן אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. עטלעכע מינוט זענען זיי געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן. העסלער ציט אַרויס דעם רעוואָלווער פון לעדער־טעשל, וואָס אויף זײַן רימען. אָן אויסגעפרייגטער, אַרומגעפּאַסעוועטער, הייסט ער אים מאַכן דרײַ טריט אויף צוריק און — שיסט אויס. זייפערט איז געבליבן ליגן אַ פאַרגאָסענער מיט בלוט...

צילעס טונקלבלאָנדע ברעמען האָבן בעתן רעדן זיך נערוועז צעצויגן אויף אַרויף, אַראָפּ און ווידער אַרויף. די אַפּלען, ברייטלער צעעפנט, האָבן געמרוזשעט, אַ שטייגער זיי קוקן אַנטקעגן דער זון.

דאָקטוירים זעען אין אַזעלכע אויגן־ און ברעמען־תנועות סימנים פון פּאַראַנויע. האָבן אים, חיימען, שוין נישט געוווּנדערט, נאָכן אויסהערן די פּאַרלויפּענישן ביזן סוף, דער עטוואָס אויפֿ־געדעגטער, הייזעריקער קול, די ווייטיקלעכע גרימאַסע, וואָס האָט נישט געפּאַסט צום שיינעם פּנימל מיט די צוויי חן־גריבעלעך: לאַגער־לעבן. ס׳אויפגעצווונגענע גאַרנישט טאָן יאָגט אָן אַ לאַנג־ווײַל. די אינדערפריען, די פּאַרנאַכטן — איין גרויסער גענעץ. אַ גענעץ אויף המשכים.

...שפּאַצירט אַ מאַן, פירט אַן ייִנגעלע בײַם הענטל, לעבן אים אַ פרוי מיט אַ קינד אין קינדער־וועגעלע. אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ מאַן פון אַ פרוי. אין פּאַרק, אין גאַס, תמיד צוזאַמען...

לאַגערמענטשן עפּענען אויגן, מײַלער. פון מויל צו אויער. סודות. שוין נישטאָ קיין סודות. אַלע זעען. אַלע ווייסן. קיין גרויסע באַלעבאַטישקייט פירט מען דאָ נישט, פליאַטקעווען ווײַבערשע מײַלער:

— זע נאָר ס׳שיינע ווײַבעלע, אַלע טאָג אַנדערע סטרויען.

— און ס׳לעטשל אויפן הויכן קנאַפּעלע?

— ס׳קייטעלע מיטן מגן־דודל אויפן האַלדז; ס׳פינגערל מיט אַ טײַערן שטיין.

— וואָסי? זי קען זיך נישט פאַרגינען? איציק האַנדלט אויף גרויס.

— ער איז קיין מאָל נישט אין דער היים.

— אין דעם גייט עס דאָך...

— ווען טוט זי עפּעס אין שטוב?

— אַ פרוי איז ווי אַ קאַץ: אַז זי האָט נישט וואָס צו טאָן און זי איז זאַט — פּוצט זי זיך.

— צום אוכאַזשאַר וואָס זאָגט איר?

צילען גייען די ווײַבערישע רייד נישט אָן. מאַלע וואָס שכנים פּלעטשען. זאָלן זיי...

האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז די טרעפענישן זענען געוואָרן

אַ רגילות. אַ רגילות ס׳„צופעליקע״ טרעפֿן זיך. זי האָט שוין געוווּסט זײַנע גענג: אין קאָמיטעט, אין דער ביבליאָטעק טווישן אַ בוך.

דײַטשישע ערד. פֿאַרשאָלטענע ערד. פֿאַר וואָס טרעטן דאָ זײַנע פֿיס? ווי קען ער אָטעמען מיט דער פֿאַרפֿעסטעטער לופֿט? זײַן, חיימס, האַרץ, זײַן נשמה איז ערגעץ אַנדערש ווו, אין זײַן היים, זײַן חרובער היים. טאַטע, מאַמע, אַ שוועסטער, זעקס ברידער.

געמיטלעכע לאַנדשאַפֿט. אַ ווייטיקלעכע שיינקייט. אויף מײַלן ווײַט און ברייט קייטלען זיך די בײַערישע אַלפּן העט ווײַט ביז די פּירענעען. ווי מאַמוטן ליגן זיי, קניען אונטער הימלען באַוואַקסענע, באַוואַלדיקטע. טיף אין די בערג, אין זייערע שטיינערנע געדערים האָט געגנעסטיקט די שלאַנג, זאָגט מען. היטלער זאָל דאָרט האָבן אויסגעבויט זײַן אונטערערדישן פּאַלאַץ.

דײַטשן. מען הייבט דעם הוט פֿאַר דיר. מען טראָגט דיר אונטער דעם „גריס גאָט״. מיט ווילגעכאָוועטער געדולדיקייט קלאָגט מען זיך אויפֿן גורל פֿון „באַזיגטע״. די קינדער לערנט מען רחמנות־פּנימער מאַכן, און אויף ווענט און פּאַרקנס שרײַבט מען: „יודע פּערעקע״.

קינדער זעט מען. בלויאויגיקע נעגערלעך. קעפּלעך בלאָנד־האָריקע, געקרײַזלטע הערעלעך — אַן אויסשיטעכץ פֿון יאַדעשליוו אַריש בלוט. אַריש בלוט און נעגערבלוט. נעגערס — אַן איבער־בלײַב פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמיי נאָכן נצחון איבערן „הערנ־פּאַלק״. ס׳אײַלט זיך זיי נישט אַהיימפֿאָרן.

דײַטשן — וועלף אין שעפּסן־מאַנטעלער. היטלער — קאַפּוט. וואָס וויל מען פֿון זיי? זיי ווייסן גאָרנישט. נישט געהערט. נישט געזען... אַזוי פֿיל זענען זיי דאָ, די „יודען״. האַנדלען. וואַגאָנען מיט פֿלאַמבירטע קאַסטנס ציגאַרעטן קומען אַרײַן אין קעמפּ. קאַר־טאָנען ציגאַרעטן פֿון „דזשוינט״. מאַנופֿאַקטור, שוכוואַרג, קאָנ־סערוון־פּושקעס, מילכפּראָשעק, שאָקאָלאַד — פֿון „אונראַ״.

די טויערן פֿון ארץ־ישׂראל זענען פֿאַרמאַכט, זאָגט חיים צו

זיך. עולה זײַן — נישט אַזוי פּשוט. ענגלישע שיפן אויף די ימען. בלאָקאַדע. איין מעפּילים־שיף האָט מען צוריקגעקערט קיין האַמ־בורג. די ידיעה האָט שנעל זיך אַ טראָג געטאָן איבער אַלע לאַגערן אין דײַטשלאַנד.

אַ מחנה יונגע־לײַט האָבן זיך אַהין אַ לאָז געטאָן דערמוטיקן די מעפּילים נישט אַראָפּגיין פון דער שיף. נמאס די דײַטשישע פאַרשאָלטענע ערד. גענוג געזעסן אויף די וואַליזקעס. גענוג פרעמ־דע „קעסט״.

אים, חיימען, האָט האַמבורג דערמאָנט: „על נהרות בבל שם ישבנו״, געוויינט און דערמאָנט זיך אין ציון.

מיט איר איציקן, זאָגט צילע, האָט עס נישט צו טאָן. ער טראַכט פון אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע.

מיט עטלעכע טעג צוריק האָט צילע מיטן קינד אין קינדער־וועגעלע זיך אַ וויַיז געטאָן צו זיי אין שטוב. גערעדט צו שׂרהן און געקוקט צו אים („טאָכטער, דיר זאָג איך, שוויגער, דיך מיין איך״). זי האָט חשק זיך אַרײַנכאַפּן זען אַ פילם. שׂרה האָט יאָ און נישט געהערט. נישט געענטפערט. ער האָט נישט ליב קיין פילמען, האָט ער געזאָגט. ערשט, אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט שׂרה זיך אָנגערופן:

— שוין געזען, שוין געווען אויף אַזעלכע פילמען...

זי איז נישט קיין ריידערין, שׂרה. ער האָט געוווּסט, וואָס זי מיינט: אין דער אַלטער היים — אַ פערעלע, אַ חברטע פון דראַ־מאַטישן קרײַז, אין וואַרשע פאַרן מלחמה־אויסבראָך — אַ לאַהקע. פיר יאָר שפּעטער, אין ווײַטן קאַזאַכסטאַן, אַ פאַרהונגערטע, אַ לויזיקע בײַ אַ לאַראָק פון ברויט געטראָפן זי. זיך „מרחם געווען״. אַרײַנגענומען „אויף דערווײַל״ אין שטוב, אַ ליים־קיביטקע. „אַז ס׳איז באַשערט אַ צרה, — האָט זי געדענקט, וואָס איר מאַמע עליה־השלום פלעגט זאָגן, — קומט זי אין שטוב אַרײַן״.

✶

דער פּאַרק איז געוואָרן דער טרעפפּונקט. תּמיד האָט זיך שוין

אַזוי געמאַכט, אַז מען האָט זיך פֿאַררעדט אָדער „פֿאַרגעסן״. מען איז שוין אַ היפּש שטיק וועג אויסערן לאַגער. ער מיט שימעלען, זי מיטן מיידעלע אין קינדער־וועגעלע.

קינאַ איז איר איינציקע ליבע, זאָגט צילע. אין דער היים, אַ קליין מיידעלע, אָדער זי איז געגאַנגען מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען אָדער אַליין. מיט אַ בילעט, אָן אַ בילעט. זיך געדרייט שעהען לאַנג אין דרויסן. געקוקט אויף די בילדער, באַטראַכט די שיינע פּני־מער פֿון די אַרטיסטן, אַרטיסטקעס.

— הײַנט ביסטו דאָך נישט קיין קליין מיידעלע.

— אָבער די ליבע צו קינאָ איז געבליבן.

— און איציק?

— וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט איציקן?

— אַ מאַן, אַ טאַטע פֿון אַ קינד.

— נו, און שטענדיק אין פּאַרק, אין שטוב. לעבעדיקערהייט באַגראָבן ווערן?

— אַ מאַן, אַ קינד הייסט באַגראָבן ווערן?

די ערשטע וואָך נאָך דער באַפֿרײַונג זיך באַקאַנט מיט איציקן אין הויז פֿון קאָמיטעט. אַ סך לעבן־געבליבענע זענען זיך דאָרט צונויפֿגעקומען. זיבעצן יאָר איז זי אַלט געווען. איציק איז דאָרט געקומען מיטן טאַטן. ער האָט געקוקט אויף איר. זי האָט געקוקט אויף אים און — שוין.

— אַזוי יונג, אַזוי שנעל האָט מען חתונה?

זי ווייסט פֿון ליבע צו אַ מאַמען, צו אַ טאַטן. ווען דער טאַטע וואָלט געלעבט וואָלט ער אַצינד אַלט געווען נישט מער ווי אַריבער די פֿערציק. עלטערע מענער האָט זי ליב. אַ מאַן — אַ טאַטע. וואָס קוקט ער אַזוי אויף איר, וווּנדערט זי זיך. „ביסט ענלעך צו מײַן טאַטן. אויך דאָס זעלבע קול. צום ערשטן מאָל דיך געהערט רעדן — איז מיר דער טאַטע געשטאַנען פֿאַר די אויגן״.

— קען מען זיך פֿאַרליבן אין אַ קול?

— כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, איך ווייס נישט וואָס מען מיינט

ליבע. דו געפעלסט מיר. זע נאָר, זע, ווי גרינג עס זאָגט זיך מיר אַרויס „דו“, — ווונדערט עס איר.

— איך בין יינגער פון דיין טאַטן מיט קנאַפּע צען יאָר.

— דו ביסט אַן ערנסטער, אַ קלוגער, אינטערעסאַנטער מענטש.

— אַ דאַנק.

— נישטאָ פאַר וואָס.

— פאַר דיין אָפנהאַרציקייט.

— דו ביסט דער ערשטער מענטש, פאַר וועמען איך קען עפע־נען מיין האַרץ.

— ביסט אַ טשעקאַווע ווייבעלע.

— דאָס איז אַלץ, וואָס דו האָסט מיר צו זאָגן?

— איך קען צוגעבן, אַז איך בין אַ מאַן פון אַ פרוי און אַ טאַטע פון אַ זעקס־יאָריק יינגעלע.

— דאָס זע איך, דאָס ווייס איך.

— מען טאָר נישט פאַרגעסן.

זי האָט פיינט פאַליאַקן, איז זי נישט אָן כוונה אַריבער אויף אַן אַנדער טעמע, זיי זענען ערגער פון די דייטשן. שוין דערציילט, אַז אַ פאָלקסדויטש האָט זי גערעטעוועט. אַ פאַליאַק האָט ביי איר צוגענומען די לעצטע הונדערט זלאָטעס, וואָס די אַלטיטשקע האָט איר געגעבן און אַרויסגעוואָרפן פון דער באַהעלטעניש.

— אַזוי, אַזוי? איך געדענק, דערצייל, דערצייל.

זי האָט נישט קיין כוח. דערציילן פאַדראָבנע נאָך אַ מאָל איז ווי נאָך אַ מאָל איבערלעבן וואָס ס'איז געשען. זי שמייכלט, צילע, אַ טרויעריק שמייכעלע. איבערן שיינעם פנימל פאַרציט זיך אַ שאָטן, אַן עצבות, אַ וואָלקן איבער אַ זון. דאַכט זיך, אַז אויך די בלאָנדע האָר, אירע ליכטיקע האָר ווערן טונקעלער אין זיינע אויגן. אפשר איז אַ טונקלעניש אַריין אין זיינע אויגן?

אַ ווייבעלע צי אַ מיידלקינד זעט ער פאַר זיך. אַ קינד און אַ הויקער אויף איר פון אַ לאַנגער, צוויייטוויזנט־יעריקער געשיכטע. פורעניות, צרות, נסיונות, גזירות. ליבע ווייסט זי נישט וואָס מען

מיינט. וויפל האָט געפעלט, דאָס פערצן־פופצן־יעריק מיידעלע, די לעצטע פון אַ משפּחה, זאָל זײַן נאָך אַן איינס אין גרויסן, גרויזאַ־מען מספּר פון זעקס מיט זעקס נולן? צילע — אַ זעקס־מיליאָניק מולטיפּליצירטע? ניין, זאָגט ער צו זיך, נישט צילע, דאָס שיין ווײַבעלע, געפעלט אים. קיין שום עראָטיש געפיל צו איר. אַ רחמים, אַ טרויער, אַ באַדויער וועקט זי אין אים. אַ ברודער, אַן עלטערער ברודער, אַ טאַטע איז ער איר. אַ טאַטישע ליבשאַפט פילט ער צו איר, די הייליקע יידישע טאָכטער, אַ יידיש קינד. אסור אויף איר אַ פינגער אַרויפלייגן.

אויסערן לאַגער, נישט ווײַט פון שטאָט אויף אַ באַנק זיצן זיי. ביידע שווײַגן. ס׳ערשטע מאָל זעט ער דאָס באַריידעוודיק ווײַבעלע שווײַגן. ווו נעמט מען כּוח צו שווײַגן, זאָגט ער צו זיך. „אַ נײַ הארץ וועל איך אײַך געבן", — דערמאָנט ער זיך אַ פּסוק פון יחזקאל. ווו נעמט מען כּוח אַ נײַ הארץ צו דערטראָגן? זי האָט געהאַט כּוח, אָט דאָס קליינע ווײַבעלע. אפשר די רייד, דאָס קול פון דער אַלטיטשקער: „דו ביסט יונג, דו דאַרפסט לעבן"?

העלער טאָג. מיטנטאָג. די קינדער דאָס מאָל געלאָזט אין שטוב. אַ פרימאָרגן־ווינטל יאָגט אויף אים אַן די שווײַגעניש. אַ ווינטל איבער אַ ליידיק, אָפּגעקאָסעט פעלד. „אָפּגעקאָסעט" צען יאָר פון זײַן לעבן. די שענסטע יאָרן פון אַ מענטש, אַפילו ווען זײַנע יאָרן זענען נישט געווען אַזוי שיין. עפּעס פון יענע יאָרן גיט זי אים צוריק, צילע. ער איז אָבער פאָרט עלטער פון איר, אַ מאַן פון אַ פרוי, אַ קראַנקע פרוי, און אַ טאַטע פון אַ קינד איז ער.

✶

צילע איז אַליין אין שטוב. נישט קיין האַלב־אָפּגעטיילטע מיט אַ פאַניר־ווענטל, ווי ס׳רוב שטובן אין לאַגער מחמת ענגשאַפט פון כּסדרדיקן צוקום פון פּליטים. דאָס האָט זיך איציק אויסגעסטאַרעט בײַם לייטער פון וווינונגסאַמט. איר איציק, זאָגט זי, טויג זיך אויס צו די זאַכן. ער ווייסט ווו צו עפענען אַ טיר, אַז מען דאַרף — עפנט

ער אַ האַנט. ער איז דעם אָוונט אין שטוטגאַרט — עטלעכע שעה רײַזע מיט דער באַן. שפּעט אַהיימקומען איז נישט כּדאַי, האָט ער איר געזאָגט. פאַר אַ פּאָר ביליקע מאַרקן קען ער שלאָפן אין אַ האָטעל. זיי האָבן ליב די דרעקישע מאַרקן, די יעקעס. און אַז ער איז יאָ אין דער היים, האָט זי אים איין מאָל געזאָגט, איז ער תּמיד אַ מידער, תּמיד פאַרנומען מיט זײַנע חשבונות ביז ער דרימלט איין. דאָס גלעזל טיי אָדער דעם לײַכטן ביס, וואָס זי דערלאַנגט אים, רירט ער נישט אָן.

ליגט מען אין בעט. איר נעמט נישט קיין שלאָף. זי דרייט זיך אַהין און אַהער. הייס. זי דעקט זיך אָפּ. קיל — דעקט זי זיך צוריק צו. דעקט אָפּ אַן אַקסל, רוקט זיך צו נענטער צו אים. ער דרייט אויס צו איר ס׳פּנים:

— צילעשי, נישט אַרײַנגעדרייט ס׳ליכט.

— פאַרגעסן.

— ביסט הײַנט אַזוי שיין, צילעשי.

— ווען ס׳ליכט איז אַרײַנגעדרייט וואָלסטו דאָך נישט געזען.

— איך זע דיך תּמיד, אַפילו ווען איך בין נישט אין שטוב.

— ווי האָסטו צײַט צו זען אַ ווײַב?

— ביסט אַ גוט ווײַב, איך האָב דיך ליב.

— ווײַבער גלייבן נישט אויפן וואָרט, איציק.

— וואָס מיינסטו, צילעשי?

— אַ קראַנקן פרעגט מען.

זי הייבט אַרויס דעם נאַקעטן אָרעם, לייגט אים צו צו זײַן אַקסל, גיט אַ לײַכטן פיר מיט די פינגער איבער זײַן פּנים.

— נישט אָפּראַזירט, איציק?

— מען וועט מיר, צילעשי, צוליב דעם נישט אַרויסוואַרפן פון שטאַט.

צילע לאַכט. ס׳טוט אים הנאה, וואָס זי לאַכט פון זײַנע רייד. צילע שאַרט אַרויף עטלעכע הערעלעך, וואָס פאַלן אים פון קאָפּ אויפן שטערן.

— ביסט אַ חכם, מײַן מאַן.

ער נעמט איר האַנט, לייגט אַרויף אויף זײַן אָפּגעדעקטער ברוסט. זי הייבט זיך אונטער. אַן אָנגעשפּאַרטע אויף אַן עלנבויגן לענט זי אָן איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל.

נישט קאַלט אין שטוב. סיון. אַ לײַבט ווינטל ווייט אַרײַן דורכן צוגעלענטן לאָדן. אַ שיינע זומערנאַכט. שטיל. די איינציקע שפּאַ־צירגאַס צווישן די צוויי רייען בלאָקנהײַזער — ליידיק פון מענטשן. קיין וואָרט, קיין ראָדפּאַרקער. שטיל, ווי אין אַ קאַזאַרמע ווען די זעלנער שלאָפן.ווירקלעך, געווען דאָ אַ קאַזאַרמע. נאָך דעם — אַ קעמפּ פאַר אַמעריקאַנער מיליטער.

צילע פילט אַ קילקייט אין די ביינער. אַ האַלב־אָפּגעדעקטע ליגט זי, וואַרט... אַ ציטער אַ וואַרעמער נעמט דורך איר לײַב... אומגעדולדיק וואַרט זי... ער שלאָפט דאָך נישט, איציק. ער רעדט דאָך צו איר. אַט־אַט, מיינט זי, הייבט ער זיך אַריבער איבער איר... זי דערפילט זײַן הייסן אָטעם, דעם לײַכטן באַריר פון זײַנע האַריקע פיס אויף אירע. ער רעדט דאָך צו איר ליבע רייד, וואַרעמע רייד רעדט ער צו איר:

— ווייסט, צילעשי, ווידער אַ שפּרונג געטאָן דער אַמערי־קאַנער „ווייכער". דער ענגלישער סטערלינג האָט געטאָן אַ קראַך. אין איין וואָך הייבט זיך, פאַלט. אַ קדחת. אַ ביסעלע מזל, צילעשי. איצט איז כדאי צו קויפן, אונטערהאַלטן. אַט־אַט גיט זיך ווידער אַ הייב. איבער נאַכט — אַן עושר. שלאָפסט?

— ניין. כ'שלאָף נישט.

ווי קען זי שלאָפן? אין איין בעט. שטענדיק אַ מידער. איז ער וואָך, איז דער קאָפּ אויף דער בערזע. הײַנט איז ער גראָד אויף. אַ ריידעוודיקער. ליגט מיט אַ ווײַב און דערציילט איר בײַקעס, בערזע־נייעס. אויך איר וואַרפט... אירע ביידע הענט אויף זײַן נאַקע־טער ברוסט שפּילן זיך מיט די הערעלעך. די אויגן אירע, די אויגן — וואָך צו זײַן יעדן שאַרך, ריר. און ער רעדט. מיט ביידע אויערן הערט זי: אין איינעם אַרײַן, פון צווייטן — אַרויס.

— האַ, צילע, ביסט אַ מבין?

— וואָדען? אַוודאי בין איך אַ מבין...

אַ, די אַקציעס. גוט, וואָס ער האָט דאָס מאָל נישט געקויפט — — — קויפן — — — — אַקצ — — — און איר וואַרפט, עס קידעט איר. אַקציעס. פאַר אירע אויגן שטייען די מערדערס, די רוצחים. זי ענטפערט נישט. פאַרהייבט דעם קאָפּ, קוקט זיך אײַן אין אים. ער שלאָפט. זײַנע ליפּן באַוועגן זיך, ווילן קאָנטיק עפּעס זאָגן. זי לייגט צו אַן אויער:

— כ׳האָב דיך... ליב... צילעשי...

— וואָדען? ביסט דאָך מײַן מאַן.

— גאָלד מײַנס, צילעשי, — הערט זי ווידער זײַן שלאָבעריק, פאַרשלאָפן קול. — וואָלט מען געקענט מאַכן קליידער פון גאָלד, וואָלסטו... וואָלסטו בײַ מיר... אין גאָאָאָלד געגאַנגען... וואָאָאָלס־סטו — — —

מיט איר אויפגעהויבענעם קאָפּ, פּנים־אל־פּנים זעט זי. וואָס זעט זי? ער שלאָפט. אײַנגעשלאָפן. מיד איר גאָלדענער מאַן.

צילעס הייסער גוף האָט זיך פּאַמעלעך אײַנגעמאָסטעט אין לאַנגן העמד. פּאַמעלעך גייט אָפּ איר וואַרעמער אויפציטער, ווי ס׳גייט אָפּ אַ פראָסט פון אַ שויב פון אַ וואַרעמען הויך...

ס׳האָט איר נישט פאַרדראָסן. זי איז נישט בייז אויף אים. זי איז בייז אויף זיך. אויף זיך איז זי בייז. נישט באַדאַרפט צודרינגלעך זײַן, האָט זי זיך געשטראָפט גלײַך זי איז די שולדיקע, נישט ער. אַן אײַנגעקאַרבאָלעטע אין העמד האָט זי זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו אים.

✶

אַ פרוי דאַרף זײַן שיין, אַ מאַן — קלוג, האָט איר מאַמע געזאָגט. אויך מענטשן אין לאַגער זאָגן אויף אים, חיימען: „אַן אינטעלי־גענטער מענטש, אַ קלוגער". ער איז נושׂא־חן בײַ מענטשן. תּמיד ריין אָנגעטאָן. נישט אויסגעפּיאַקעוועט. אויסגעבאַרשט די מאַרי־

נאַרקע. אַ ווײַס העמד, קאַלנער־בינדע. לאַנגע האָר. עס פּאַסט אים. וועגן איר איציקס „מאַכן אַ לעבן" זאָגט ער: „יעדער איינער מאַכט אַ לעבן פון דעם, וואָס ער האָט הנאה". ער האָט הנאה פון לייענען ביכער, שרײַבן פון צײַט צו צײַט אַ ליד, אַן אַרטיקל. איציק מאַכט געלט, זאָגט ער, זאָל אים וויל באַקומען. ער געפעלט איר. זײַן קול — איר טאַטע עליו־השלום. זי איז פאַרט אַליין. אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ מאַמע פון אַ קינד און אַליין. אַמעריקע, קאַנאַדע, ארץ־ישׂראל. איר איז אַלץ איינס. איר טאַטע־מאַמע, די ברידער, די שוועסטערלעך — נישטאָ. מען וועט זיי נישט לעבעדיק מאַכן. און די, וואָס זענען לעבעדיק פון דאָרט אַרויס, וועלן שוין אין ערגעץ נישט אַרײַן. אַ יתומה איז זי. זי קען מיט איציקן דערוועגן נישט רעדן. זײַן קאָפּ איז נישט צו די זאַכן. וואָס האָט זי פון דעם, וואָס ער גייט „אויף גרויס"? מיטן גאַנצן קאָפּ, לײַב און לעבן אין מסחר. לאָמיר זאָגן, אַז ער האָט הנאה פון דעם וואָס ער טוט. פון וואָס האָט זי הנאה?

...דײַטשישע ערד. לופטיקע, ליכטיקע גאַסן, הײַזער. שויפענצ־טער באַלויכטענע. רעקלאַמעס. האָטעלן. געשעפטן. עלעגאַנט גע־קליידטע הערן און דאַמען. אויך אַ נאַכוווקס — יונגע, שלאַנקע, בלאָנדע פאַרשוינען. יעקישע פּנימער. ס'ווייעט פון זיי אַ קעלט, ווי פון די סקולפּטורן, צעשטעלטע אויף די ראָגן, אין סקווערן, פאַרקן און גאַסן.

האַרבסט. פינפטער האַרבסט אויף דער דאָזיקער ערד. שיינע, ווייטיקלעך שיינע טעג. קלאָרע נעכט, לבנהדיקע. דאָ און דאָרט — אַ וואָלקנדל, אַ דורכזיכטיקס, אַ ליכטיקס. זיי דערמאָנען אים, חיי־מען, אין פּוילישן „גאָלדענעם האַרבסט". דער ווינטער יאָגט דאָ אָן דינע, פּוכיקע שנייעלעך. זיי לייגן זיך גרינג אויף די רויטע דעכער און דעכלעך. שיטערער פראָסט פּאַרציט זיך אויף די שויבן. ברייטע אַספאַלט־שאָסייען, אויסגעבעטע מיט פריש־אָנגעפאַלענעם שניי. גלעקלעך. פעטליײַביקע פערד. אַ פּאַרע שפּאָרט פון זייערע ריקנס, בײַכער.

אין די פרילינגען, זומערס שטעפּן וואַרעמע רעגנס דעם גלאַנ־ציקן אַספאַלט. די אָנגעלאָפענע וואַסערן בלעזלען זיך עלעהיי אַ טײַך, אַ שוואַרצער טײַך. און באַלד — אַ קילע זון, אַ לויטערער הימל. פּאַמעלער גייען זיי, די דײַטשן. יאָגן זיך אין ערגעץ נישט. האָבן גאָרנישט פאַרלאָרן. ווילן גאָרנישט געפינען.

ייִדישע אויגן קוקן דאָס צו. ייִדישע טריט, אײַליקע יאָגן זיך נאָך אַ פאַרלאָרענער זאַך, טרעטן אויף דער דאָזיקער ערד, זוכן נעכטיקע טעג.

איציק האָט אַהיימגעבראַנגט עפידייוויטס פאַר זיך, צילען און קינד. אַמעריקע. צילע מיינט, אַז עס איז כּדאי אַ רעד טאָן מיט חיימען. אפשר פריער מיט שׂרהן. געלט? שיפסקאַרטן? איציק קען עס מאַכן. מ׳קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. ישׂראל איז טאַקע, ווי מ׳זאָגט, אַן אייגן לאַנד. צו אַן אייגענער דירה קומט עס נאָך נישט. דערווײַל ליגט מען דאָרטן אין די געצעלטן, בײַדלער. ברויט, מעל, צוקער ברענגט מען פון אַמעריקע, פלייש פון אַביסיניע. זאַמד, שטיינער, סקאָלעס — אָט וואָס עס איז דערווײַל דאָ. און היצן — וועש צו טריקענען.

איציק הערט זײַן ווײַבס פאַרשלאָגן וועגן חיימען מיט שׂרהן. שמייכלט. וואָס וועט ער זיך בייזערן אויף איר? ווײַבערשע רייד, זאָגט ער צו זיך. איר באַקאַנטער, זײַן אינטעליגענטער קאָפּ איז נישט דערבײַ. אפשר טאַקע זיך פאַרליאַפּעט אין אים? נישט קיין נאַרישע זײַן צילע. אַ יונגע קאָזע. מעקעט...

מיט שׂרהן איז נישטאָ וואָס צו רעדן, זאָגט זי צו זיך. זי וועט נישט באַשטיין. זיך געטראָפן מיט אים. דאָס מאָל — ווײַט פון לאַגער. אין שטאָטישן פּאַרק זיך געטראָפן, אָן די קינדער.

אַ קנאַפּע שעה איז מען געגאַנגען אָן אַ וואָרט אַרויסצורעדן. צילע אין אַ סאַטין־בלוזקע פון לילאַ־קאָליר. אַ טריקאָ־ספּודניצע. ווייכע רונדקייטן. אויסגעאײדלטע בריסטלעך. שמאָלע טאַליע. דער סטרוי מיט דער אויפגעצויגענער טאַליע מאַכט איר גאַנג אויף אַ הויך קנאַפּעלע גראַציעז. ער — אין זײַן אָפּגעטראָגענעם אַנצוג.

קאָלנער־בינדע. דאָס גרין־סאַמעטן שאַליקל וואָס ער לאָזט נישט אַראָפּ פון זיך, שעלמיש פאַרוואָרפן איבערן האַלדז, קליידט אים. לאַנגע האָר, כּמעט אַ פּאָלקע. עס פּאַסט אים. אַזוי האָט זי אים געזען ס׳ערשטע מאָל אין פּאַרק. ער איז איר געפעלן.

מען האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק.

— איציק, — זאָגט זי, — איז הײַנט אין שטוב מיטן קינד. נישטאָ זיך וואָס צו אײַלן. ער ווייסט אויך וועגן הײַנטיקן שפּאַציר. ער ווייסט וועגן וואָס איך וויל מיט דיר רעדן.

— איך ווייס אויך.

— אַזוי ?

— אַזוי.

זי הערט ס׳פאַרשטאַרקטע קלאַפּן פון איר האַרץ. ס׳איז איר שווער צו רעדן. קיינער איז אין פּאַרק נישטאָ. אפשר יאָ, אָבער נאָענט פון זיי זעט מען קיינעם נישט. קעגנאיבערדיק פון זיי — אַ גאַזלאָמפּ. מער ווי ער לײַכט זאַמלט ער די שאָטנס אַרום זיך. די געלאָשענע ליכט, די שטילקייט... אין אַזעלכע מינוטן נעמט די ליבע זיך די שטילקייט צו הילף און מאַכט איר ריידעווודיק.

אויב ער ווייסט, מיינט זי אַז ער איז נישט קעגן. זי האָט אַ פּלאַן, האָט זי — — —

— אַמעריקע ? — רייסט ער איר איבער.

זי שווײַגט. זי פּרוּווט ענטפערן, וויל אַרויסברענגען אַ וואָרט און דאָס קול, איר קול, געפעלט איר נישט. ס׳איז נישט איר קול, ווייסט זי. שעהען, טעג, וואָכן, חדשים, דרײַ יאָר אין לאַגער. קיין מאָל האָט זי זיך נישט אײַנגעהערט, עס איז איר נישט אָנגעגאַנגען ווי אַזוי זי רעדט, ווי אַזוי איר קול קלינגט. פאַר וואָס אַזאַ שרעק ? זי רעדט דאָך מיט אים נישט דאָס ערשטע מאָל. ער וועט איר אָפּזאָגן — ווייסט זי. דווקא ווײַל עס גייט איר אין לעבן. אַפילו ווען ער וויל, ווייסט זי, וועט ער, מוז ער אָפּזאָגן. שׂרה... איין מאָל האָט זי מיט איר דערוועגן גערעדט. איר ענטפער איז געווען: זי האַלט נישט פון אַזאַ פּלאַן.

אַרום גאַזלאָמפּ פון אַנטקעגן האָט אַ פלאַטערל אַרומגע־שוועבט. אַנגעקלאַפּט זיך אין לאָמפּ און אַוועקגעפלאַטערט. ווידער קרײַזט עס אַרום, פליט אַוועק און קומט צוריק.

— אָט דאָס פלאַטערל — מאַכט ער — איז ערשט נעבטן געווען אַ ווערעמל, געקראָכן. פליגעלעך זענען אַנגעוואַקסן, ציט עס צום ליכט. אַנו, ווער פון אונדז איז דאָס פלאַטערל?

— איך...

— פאַר וואָס דו?

— מיך ציט צו דיר. האָסט אַ ליכטיק פּנים, אַ ליכטיקן שטערן האָסטו.

זי האָט פאַרוואָרפן אירע צוויי קליינע הענט אַרום זײַן האַלדז, איר קאָפּ אַנגעבויגן צו זײַנעם, ליפּן צו ליפּן. ער האָט פּאַוואָלינקע אַראָפּגענומען אירע הענט פון זיך, לאַנג זיי געהאַלטן אין זײַנע.

— מ׳טאָר נישט, צילע.

— פאַר וואָס?

— דו האָסט אַ מאַן, אַ מאַמע פון אַ קינד ביסטו. איך האָב אַ פרוי.

— לאַנגע שעהען, טעג האָב איך געפּלאַנט דעם שפּאַציר.

— אַ דאַנק. גוט האָסטו געטאָן.

— קוש מיך.

— ס׳וועט פון דעם קיין גוטס נישט אַרויסקומען.

— מעג איך דיר אַ קוש טאָן?

— האָסט דאָך געזאָגט, אַז אַ קראַנקן פרעגט מען.

אירע ליפּן האָבן זיך אײַנגעביסן אין זיינע.

— ס׳ערשטע מאָל אין מײַן לעבן. דער ערשטער קוש אַ מאַן, וואָס איך האָב ליב.

— בײַ מיר, צילעשי, איז עס דער לעצטער.

— עקשן.

— איך בין נישט קיין עקשן. איך קען נישט, איך טאָר עס נישט טאָן.

איין האַנט, וואָס זי האָט פריער אַרויסגענומען פון זיינע, האָט זי צוגעלייגט צו זײַן מויל.

— רעד נישט אַזוי, רעד נישט. ס'טוט מיר וויי.

— איך טו אויך זיך וויי.

— האָסט מיך נישט ליב?

— איך האָב עס נישט געזאָגט.

— איך פרעג.

— וואָס טוען מיר דען דאָ?

אַהיים זענען זיי געפאָרן מיט אַ דראָזשקע. ביידע האָבן געשוויגן, ווי אויפן וועג אַהער. אָן אַנדער שווײַגן איז דאָס געווען. יענץ שווײַגן איז געווען אָן ערב, ערב אַ שטורעם, וואָס האָט אַלע סטרונעס פון איר האַרץ גערירט. זי האָט זיי געצויגן, געצויגן ביז צום פּלאַצן... אַ שטורעם, וואָס צעוויגט ביימערקרוינען, רײַסט בלעטער, ברעכט צווײַגן. נאָך דעם שײַנט אויף די זון... נאָך דעם אָטעמען די בײַמער פרײַ אָפּ און די האַרצסטרונעס צעשפּילן זיך. אַצינד איז עס אַ נאָכאַלעמען־שווײַגן. אַלץ געזאָגט. אַלץ אויסגע־זונגען, אויסגעשפּילט... אַוועק די אומדערוואַרטע דערוואַרטקייט, די גוטע אויפגערעגטקייט, שפּאַנונג, די איידער־עקזאַלטאַציע, דער עקסטאַז.

אָן אײַנגעטוליעטע אין אים איז זי געזעסן. אַזוי אַ איז זי מיט זעקס־זיבן יאָר צוריק, דערמאָנט זי זיך, געזעסן אין אַ דראָזשקע מיטן טאַטן, געפאָרן זען אַ פילם, אַ ספּעקטאַקל, אויף אַ קאָנצערט. אַ טאַטישע ליבשאַפט האָט זי אַצינד ווידער דערפילט אין דער פאַרהויבענער בויד פון דער דראָזשקע. אַ פרעמדער מאַן, אַ גע־ליבטער און אַ טאַטישע וואַרעמקייט.

עס האָט געפּריסעט אַ רעגנדל. אַ דין רעגנדל האָט ווי מיט קינדערשע פינגערלעך געפּויקט אין דער בויד. אין ווייכן געוואַקל, אין גליטש פון די רעדער אויפן נאַסן שאָסיי האָט זי, ווי אין אַ שיפל אויפן וואַסער, זיך לײַכט באַוועגט, געוויגט אין זײַנע אָרעמס. זי האָט געוואָלט, אַז דאָס „שיפל" זאָל זיך לאַנג־לאַנג וויגן ביז ס'ווערט

קומען צו אַ ברעג. ערגעץ ווײַט-ווײַט זאָל זײַן דער ברעג... ס׳טופּען פון די פערדישע קאָפּיטעס, וואָס האָט אָפּגעהילכט אין די ליידיקע גאַסן, האָט געוויגט און געוועקט... אויפגעוועקט פון אַ חלום. אַ חלום אויף דער וואָר...

דאָס פערד לויפט. פאַר וואָס לויפט עס אַזוי שנעל, דאָס פערד?... זי באַפרײַט זיך פון זײַנע אָרעמס. אומבאַוועגלעך זיצט זי אַצינד. דער רעגן האָט אויפגעהערט. אויך זי האָט אויפגעהערט חלומען. זי פאָרט אַהיים צו איציקן, צו איר קינד פאָרט זי. ס׳קינד איז אַוודאי הונגעריק, שלעפעריק. לאַנג, צו לאַנג זיך פאַרזאַמט. זיך פאַרגעסן... ווי מעג אַ מאַמע פאַרגעסן?

זי וויל שוין זען דעם טויער פון לאַגער, די בלאָקן-הײַזער, די שטוב, ס׳קינד, איציקן וויל זי זען. און ער וועט אַהיימגיין צו זיך. ווּ דען האָט ער צו גיין? ער האָט אַ ווײַב, אַ יינגעלע אין זעקסטן-זיבעטן יאָר. איז עס דאָס לעצטע מאָל? פרעגט זי זיך. וועט זי זיך מיט אים מער נישט טרעפן? האָט זי אים ליב? האָט זי מיט איר מויל אַרויסגעזאָגט די ווערטער? האָבן זיך זייערע ליפּן געקושט און זי, זי איז געווען דערבײַ? האָט זי פאַרנדיק אַהער געמיינט אים דאָס צו זאָגן? און ער? וואָס האָט ער איר געענטפערט? זײַנע ווערטער האָבן איר געשטאָכן ווי שפּילקעס, ווי העלצלעך אונטער נעגל האָבן זיי זיך אַרײַנגעשטאָכן. און זי האָט געשוויגן. פאַר וואָס האָט זי געשוויגן? זי האָט דאָך נאָך אַזוי פיל געהאַט צו זאָגן. בעסער, בעסער אַזוי. נישט באַדאַרפט אים קושן, ניין. כּדי וואָלט זי אים נישט געטראָפן, דערקענט. בעסער נישט וויסן, וואָס ליבע איז?...

שיינדל

שיינדל

1

„קום נישט שפּעט, זוים זיך נישט, איך קלער איבער". אַט די ווערטער פון איר מאַמען זענען שיינדלען נישט אַרויס פון קאָפּ בעתן גרייטן אַ פּעקעלע לאַבעס צום אַרויסגיין אויפן באַזאַר. שוין דער דריטער טאָג ווי זי גייט און קומט צוריק מיט דער „סחורה". דאָס דריטע מאָל גייט איר נאָך דער מאַמעס תּפילה בלחש צו גאָט ער זאָל איר צושיקן אַ קונה. קוים נישט, דאַרפן זיךביידע, חלילה, אַ מעשׂה אָנטאָן.

אָנהייב זומער נײַנצן צוויי און פערציק. מיטל־אַזיע, קאַזאַכסטאַן. פּאַרטאָג. פויל און פאַרביק גייט אויף די זון, לייגט זיך אויף פּלויטן, הייבט זיך איבער דעכער, נידעריקע הײַזקעס, ליימפּאַרקנס, גאַסן, ליידיקע פּלעצער, פערעולקעס, וואָס פירן צום באַזאַר. באַלד וועט זי, די זון, כאַטש ס'איז פרילינג, ווי אַ פײַערדיקע שווערד איבער דער שטאָט, איבער דער גאַנצער געגנט הענגען. הייסע שטראַלן ווי ריטער וועלן שמײַסן אין פּנים, צינדן די האָר אויפן קאָפּ און אַלע אָפּגעדעקטע טיילן פון גוף פון יונגן מיידל, פאַלן אויף נאַקעטע, שלאַנקע פיס. זי איז באָרוועס, אין אַ ציטנקליידל אויף אַקסל־בענדלעך, וואָס בולט אויס קאָנטורן פון בריסטלעך, אַ הויכן דינעם האַלדז.

שיינדל אײַלט זיך, ווײַל וואָס פריער, איידער די זון נעמט באַקן, זײַן אויפן באַזאַר. אפשר וועט זיך מאַכן אַ קונה אויף עפּעס פון דער „סחורה", זי וועט פריער קומען אַהיים און נישט מיט ליידיקע הענט. „סחורה" — אַ געבלימט טישטעכל, אַ געקעסטלטע צעראַטע,

צוויי ציבלער, אַ באַטיסטענע בלוזקע, אַ לייַנענע פּלאַכטע. איצט איז די בעסטע שעה אין טאָג, ווען ס'קומען זיך צונויף מאַרזשאַס (פרויען), באַבייַען (מענער), יונגע און אַלטע. זוכן, באַטאַפּן, קויפן „מציאות״ פון „עוואַקויִרטע יעווריעי״, וועלכע פאַרקויפן אַלץ, וואָס אַ מענטש דאַרף פאַרן אייגענעם געברויך. מען קויפט אָדער מ'טוישט אויס אַ זאַך אויף אַ פּענעץ שוואַרץ ברויט, עטלעכע זשמעניעס אוריוק, אַ ביסל מאַנע־קאַשע, אַ שטיקל זייף אַליין אויסגעאַרבעט פון שאָפּנפעטס. אַ זייגער צוועלף איינס איז שוין האַלב ליידיק דער באַזאַר מחמת די זון איז שוין הויך און די פייַערדיקע ריטער קערן אויס גאַסן, פּלעצער, שטחים מיט ווילדן אַנוווּקס, וואָס ציען זיך וויאַרסטן ווייַט אויסער דער שטאָט. אין אַט דער מיטאָג־שעה טרעפט מען אַ סך אין די טשייַכאַנאַס, אין די קיביטקעס אונטער דעכער פון שטרוי, ליים און פערדמיסט. מיט די פיס אונטער זיך זיצט מען ביי אַ טשיי, אַ „בוזאַ״. אַלטע לייַט און יונגע, אייַנגעהילטע אין סורדוטן, וואַטענע פופייַקעס, שטרויהיט מיט ברייטע ראַנדן, ווי איבערגעדרייטע טעלער, אין טוביטייקעס ווי יאַרמלקעס. קייַען און שפּייַען גרינע, פאַפּעלאַטע קרייַטעכצער. אייניקע ציען פון אַ נאַרגילע, וואָס גייט אַריבער פון מויל צו מויל.

שיינדל — שיינדעלע, ווי מען רופט זי איז שטוב האָט נאָך הייַנט אין מויל נישט געהאַט. זי פאַריאָגט דעם הונגער מיט אַ שלונג סאָדע־וואַסער (מער וואַסער ווי סאָדע). עס לעשט דעם דאָרשט און פאַרשלאָגט דעם אַפּעטיט.

דער מענטשנטלאָק ווערט שיטערער. קיין קונה זעט מען נישט. דאָס זאַמד אונטער די באָרוועסע פיס בריט. די אָפּגעדעקטע פּלייצע, די אַקסלען, ווי זיי וואַלטן אויף זיך די שׂרפהדיקע זון געטראָגן.

דער ריח פון קאַלטן פאַרזיסטן קוואַס אין גרויסע בוטלען אויף טישלער, סטראַגאַנען, וועקט שיינדלען פון איר מידן פאַרזונקע־נעם גאַנג. קוים וואָס זי שטעלט אַ פּוס. נישטאָ ווו זיך אָוועקצוזעצן, אָפּרוען. עס טריקנט אין האַלדז. נישטאָ קיין טראָפּן וואַסער די ליפּן צו באַנעצן. יעדער שלונג קאָסט געלט. די קליינע טרונקען, וואָס

זי כאַפּט פון מאָל צו מאָל פּאַר די לעצטע גראַשנס לעשן נישט דעם דאָרשט, רייצן נאָך מער דעם באַגער צו וואַסער. דער בויך ווערט אָנגעפּוישט, פּולער, די פּיס — שווערער.

עמעץ איז פאַרבײַגעגאַנגען, אַ הייב געטאָן די געקעסטלטע צעראַטע, געפּרעגט „סקאַלקאַ" (וויפל), שיינדל האָט זיך ווי איבער־געוועקט פון איר קוים־קוימיקן גאַנג. איידער וואָס ווען איז יענער נעלם געוואָרן.

די מאַמע קוקט זיך אַוודאי אויס די אויגן אויף איר צוריק־קומען, טראַכט זי, אָבער די „סחורה" אויף איר אָרעם ליגט נישט גערירט. ווי קען זי צוריקקומען מיט ליידיקע הענט?

שיינדל שפּרײַזט מיט די לעצטע אויסגעהונגערטע כּוחות, פּרוּווט אויסשרײַען, אויסלויבן איר סחורה, דערשרעקט זיך צי פאַרשעמט זיך פאַר איר אייגענעם קול, אַ פאַרציטערט־הייזעריקס, נישט איר קול, וואָס ווערט פאַרלאָרן אין האַרמידער פון אַנדערע קולות, רייד, געשרייען. עפּעס אַ נאָכקלאַנג פון דעם קול, ווי פון אונטער אַ הײַטל פון שיכחה, דערמאָנט איר אין אַ מאָל. אַ מאָל — סך הכּל אַ צוויי־דרײַ יאָר צוריק, און הערן הערט זיך עס ווי צוריק מיט לאַנגע יאָרן. היים, טאַטע, מאַמע, פּיניע, איר פּיניע. געקומען אַהיים פון מיליטער און מיטן אויסבראָך פון דער מלחמה מאָבי־ליזירט געוואָרן. מער נישט געזען אים, נישט געהערט פון אים. איין גאָט ווייסט ווו ער איז, צי לעבט ער? אפשר פאַרוווּנדיקט? בלאָנקעט ער נישט ווער ווייסט ווו, הונגעריק, מיד, אַליין?

פּיניע בן שלום. אַ שלאַנקער שיינער בחור. געדינט בײַ די אולאַנער אין נײַנטן פּאָלק הינטער דער שטאָט. אַלע מיידלעך האָבן נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון אים: אַ ייִד אַן אולאַנער, אַ לאַנגער שינעל ביז די קנעכלער, אַ לאַנגע שאַבלע. אָנגעהויבן אַרײַנקומען אין שטוב. אַ שטילער, אַן ערנסטער. זײַן באַסאָווע שטימע קלינגט איר נאָך הײַנט אין די אויערן. זי איז סך־הכּל זיבעצן אין אַכצנטן יאָר געווען. הויך, מיט וויניקער פון אַ קאָפּ נידעריקער פון אים, פּיניען. „שיינדעלע, די קליינינקע, די דראָבנע,

ווען איז זי אונטערגעוואַקסן?״ — האָט זיך דער טאַטע געוווּנדערט. אין איין שטוב מיט איר, און נישט געזען — אַ פּאָלנער מענטש.

ער פלעגט אַרײַנקומען, אונטערזיצן, עפּעס זאָגן, פרעגן, און זי, ווי נישט איר מיינט מען, ווי צו די ווענט רעדט ער. זי האָט מכּלומרשט נישט קיין צײַט. איז פאַרפּאַרעט אין דער באַלעבאַ־טישקייט. די מאַמע איז אין קראַם. קומט שפּעט אַהיים. שווײַגט ער, לאַנגע מינוטן שווײַגט ער. זי האָט אים פאַרשטאַנען פון זײַן שווײַגן, פון זײַן זיצן אויף אַ שפּיץ בענקל, זײַנע בליקן אויף איר פּלייצע, אויפן נאַקן, אויף די אָרעם־בענדלעך פון איר זומערדיק באַשפּ־רענקלט קלייד, אויף אירע פיס.

דער גאַנצער טאַטע, דער הויכער מאַנצפּאַרשוין, דער גבר — האָט מען געזאָגט אויף איר. אָבער אין די זאַכן צווישן איר און פּיניען איז זי געראָטן אין דער מאַמען. געירשנט פון איר דאָס שאַרפע אייגל און דאָס שווײַגן ווען אַ מאַנצפּאַרשוין רעדט צו איר. אָ, פּיניעס באַסאָווע שטימע האָט אויפגעציטערט אין איר, ווי אַ זאָט פון אַ טראָפּן וואַסער אויף אַ הייסער פּליטע.

— אפשר אַ גלעזל טיי? — האָט זי איין מאָל געוואָלט איבער־רײַסן זײַן שווײַגעניש.

— אַ דאַנק, שיינדעלע, איך אײַל זיך, כ׳ל קומען אַ צווייט מאָל.

איין מאָל — זי האָט נישט געוווּסט, אויך ער האָט נישט געוווּסט, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, — אַ שבת־צונאַכטס איז פּיניע געקומען אין זײַן אַליפּאַגענער שבתדיקער מאַרינאַרקע, אַ ווײַס בלאַנקעדיק אויבערהעמד, קאָלנער־בינדע. זיי זענען געזעסן אויפן גאַניקל אָנדערטהאַלבן שטאָק נידעריקער פון שטוב. איין גרויסע שטוב, זעקס קינדער, דרײַ ייִנגלעך און דרײַ מיידלעך. זי — די עלטסטע. שפּעטע אָוונט־שעה. דער הויף, די גאַנצע גאַס שלאָפט. אַ ווינטל פון סוף אלול קילט ס׳פּנים. זײַנע הענט באַרירן איר פּנים, האַלדז, די אָרעמס. זי דערווידערט נישט. אָט פילט זי זײַנע אָרעמס איבער זיך. עטוואָס דיקלעכע אָרעמס, אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען. עפּעס מאַסיווס, ווי פון זײַן באַסאָווער שטימע שפּאַרט פון זיי. אָט

נעמט ער אין זײַנע הענט איר קאָפּ. זײַנע קושן באַדעקן איר פּנים, אירע ליפּן, אירע אויערן. ער סודעט אַרײַן אין איר:

— זאָגסט מיר צו, טײַערע?

— וואָס?

— אַ חופּה שטעלן.

זי שווײַגט. איר גוף טוליעט זיך אין זײַנע שטאַרקע הענט. ער בייגט אָן זײַן קאָפּ צום דעקאָלטע פון איר זומער־קליידל, שמעקט, טרינקט, ווי מ׳טרינקט ווײַן פון אַ שעלעכל.

— דו געדענקסט, שיינדעלע?

— וואָס?

— געדענקסט נישט דעם ערשטן קוש?

זי האָט צוגעלייגט איר האַנט צו זײַן מויל:

— מ׳דאַרף נישט.

— וואָס דאַרף מען נישט?

— מ׳דאַרף נישט רעדן דערפון.

— און אַ חופּה?

אויף איר שפּיץ צונג איז געלעגן דער ענטפער. זי האָט געהערט אין אַן איבעררייד פון טאַטע־מאַמע: „אַז די קינדער האָבן זיך ליב, דאַרף מען נישט וואַרטן". זי האָט דעם סוד געהאַלטן אין האַרצן, זיך געפרייט מיט אים, ווי ס׳פרייט זיך אַ האַרץ פון אַן אַכצן־יאָריק מיידל מיטן סוד פון ערשטער ליבע.

2

שיינדל האָט אין גאַנצן פאַרגעסן ווו זי איז. זי עפנט די אויגן ווי פון אַ חלום אַרויס. זי זעט זיך שטיין אָנגעשפּאַרט אין אַ נידעריק ליימפּלויטל בײַם אָפענעם אַרײַן און אַרויסגיין פון באַזאַר, קוקט זיך אַרום. שוין שפּעטלעך, שפּעטער ווי זי מיינט. די געזעמלער ווערן שיטערער, לויזער. זי הייבט ווידער אָן גיין. גייט פאַרבײַ די

רעדלעך באַזאַרמענטשן מיטן אויסגעשטרעקטן אָרעם סחורה. קיי־
נער קוקט זיך אויף איר נישט אום. די פיס ברעכן זיך אונטער איר,
די הענט ווערן שלאַבעריקער. די סחורה, אוי די סחורה, פּאַלט,
קאַטשעט זיך אַראָפּ פון אָרעם. זי האָט נישט קיין כּוח די זאַכן צוריק
אין אָרדענונג ברענגען. אַ שוואַכקייט באַפאַלט איר. ווען זי האָט
ווער ס׳זאָל איר כאַטש אַ שלונג וואַסער דערלאַנגען. אָ, ניין. אַליין
איז זי אויף דעם געמאַרק מיט ווילדע געשרייען און אויסרופן.
כאַטש עפּעס פאַרקויפן, פאַרטווישן אויף אַ שוואַרצן פענעץ ברויט,
אויף עטלעכע לעפּיאָשקעס, אַ ביסל קוקורוזע־מעל, — רעדט זי
צו זיך. זי קאָן דאָך נישט קומען אַהיים מיט ליידיקע הענט. די שטוב
איז ליידיק. די קעשענע איז ליידיק. מ׳וועט, חלילה, אויסגיין פון
הונגער, פון קרענקשאַפט, פון בענקשאַפט. דער טאַטע איז
מאָביליזירט געוואָרן ווי פיניע. די ברידער, די שוועסטערלעך
דאָרט פאַרבליבן. דורך אַ צופאַל איז זי מיט דער מאַמען אַרויס פון
שטוב אויף באַלד צוריקקומען. פאַרשלעפּט און פאַרוואָגלט געוואָרן
דאָ אין ווייטן וויסטן העק.

דאָס גאַנצע לאַנד הונגערט, ווייסט מען צו דערציילן. לעניג־
גראַד איז אַרומגערינגלט. מענטשן פאַלן פון הונגער בײַ דער
אַרבעט. אַ קנאַפּע טרייסט איז עס פאַר איר. זי מוז אָבער דאָך
ווײַטער גיין, אפשר פאַרט וועט זיך ווער פון די באַזאַרמענטשן
אומקוקן אויף איר מיט דער סחורה אויפן אָרעם. מיט די לעצטע
כּוחות שרײַט זי הויך אויפן קול, לויבט אויס די לאַכעס מיט אַ
בעטנדיק פּנים, וואָס וויל זאָגן: בחצי־חינם, ביליק, ביליק!

שיינדל שטאַרקט זיך. דערשלעפּט זיך מיט די לעצטע כּוחות
צו אַ סטראַגאַן מיט עטלעכע בוטלען קאַליריקע געטראַנקען. געפינט
עטלעכע קאָפּעקעס אין קליידל־קעשענקע. זי וועט נעמען אַ טרונק,
באַנעצן די ליפּן.

אַרײַנגעקערט דעם טרונק. דער דאָרשט ווערט שטאַרקער,
רייצנדיקער. זי שטעלט צוריק דעם כּוס, באַמערקט אין וואַסער־
שפּיגל איר פּנים — אַן אָפּגעצערט פּנים, לענגלעכער ווי תּמיד.

רויטלעכע ליאַמעווקעס אַרום די אויגן. ווען נישט דאָס שוואַרצע פּעפּערל צווישן די ברעמען, וואָס זי זעט אויף זיך זינט זי איז געבוירן, וואָלט זי זיך נישט דערקענט. אויך דער קאָליר פון די האָר, טיף שוואַרצע מיט אַ גלאַנץ, איז אַצינד שטויביק־גראָ, נישט אירע האָר. זי דערוווּנטערט זיך פון די רייצנדיקע געטראַנקען, טאַפּטשעט אין הייסן זאַמד און ס'דאַכט זיך איר, אַז איר פּנים איז פון בוטל אַרויס, גייט איר נאָך און וואָרנט שטומערהייט: — טרינק נישט מער, באַרישניע, מיידל, טרינק נישט מער, וועסט זיך אויס־שעפּן...

עטלעכע טריט ווײַטער באַמערקט זי: אַ האַלב־נאַקעטער יונג מיט אַ האַריקער ברוסט און געגאָלטן קאָפּ איז צו צו אַ זיצערין מיט אַ שטויס לעפּיאָשקעס, אַ כאַפּ געטאָן אַ פּולע זשמעניע, פּאַרק־וועטשט זיי און געגומען לויפן, משוגע לויפן און מיט ביידע הענט פּאַקן די לעפּיאָשקעס אין מויל אַרײַן. ער מאַכט עס אַזוי געשיקט, אַז ביז עמעצער פון באַזאַר האָט עס דערזען און גענומען נאָכיאָגן, האָט ער שוין מער ווי אַ העלפט אויפגעגעסן. די רעשט שטופּט ער אין מויל אַרײַן, אַז ער קען אַפילו נישט שרײַען בעת איינער דער־לאַנגט אים מיטן פויסט אין קאַרק. דער געשלאָגענער גיט זיך אונטער די קלעפּ אַראָפּבייגנדיק דעם קאָפּ און הערט נישט אויף קײַען. געזען, אַז אין זײַנע הענט זענען געבליבן נישט מער ווי לעצטע שטיקלער, האָט מען אים אָפּגעלאָזט. ער זעצט זיך אַוועק, ענדיקט אַרויס דעם מאָלצײַט, זײַנע אויגן, וואָס קוקן פון אונטן אַרויף, זענען נאָך אַלץ גרויס, צעעפנט, דערשראָקן און לויפן אום הין און צוריק. אויך די, וואָס האָבן אים מיט מינוטן צוריק געבוּיקערט, געקאָפּעט אין בויך אַרײַן, געטראָטן אים מיט די פיס, שטייען געפּלעפט. אַזיאַטישע יוכע קרימט זיך אין אַ שמייכל פון פאַר־לאָרנקייט, פּחד און רחמנות.

שיינדל האָט ווי פאַרגעסן וועגן הונגער, מידקייט, זיך אײַנ־געקוקט אין געשלאָגענעם. ווער ווייסט ווי לאַנג דער מענטש האָט געהונגערט, ביז ער האָט זיך געלאָזט אויף אַזאַ וועג דערכאַפּן דאָס

האַרץ, זײַן פאַרחלשט האַרץ. זי זעט עס אין זײַנע צעשראָקענע קוקערס, זײַן באַוואָקסן בערדיק, כאָטש יונג, פּנים. אַ פּלוצעמדי־קער געדאַנקען־בליק האָט זי באותו רגע אַריבערגעפירט העט ווײַט־ווײַט איבער גרענעצן, לענדער צו איר היים, צו איר פּיניען בן שלום, איר חתן. ווו ביסטו איצט, פּיניע, שטאַלטנער, ליבס־טער מײַנער, האָט זי זיך געהערט אין געדאַנק, צי לעבסטו? אפשר פאַרוווּנדיקט, אַ קאַליקע, איינזאַמער אומגליקלעכער פּיניע. אפשר הונגערסטו ווי דער אויסגעהונגערטער איינזאַמער יונג און האָסט נישט קיין כּוח צו כאַפּן אַ ביסן ברויט פון פרעמדע טישן?

עס איז אַרום איינס, האַלב צוויי אַ זייגער. אין דער שעה זעט מען נישט די זון, ווי מ׳זעט נישט ס׳פײַער פון אַן אויסגעשײַערטן אויוון, אָבער די היץ איז אין סאַמע ברען. ווי אַ שווערע משׂא לייגט זיך דער גלײַיקער לופטדרוק אויפן גאַנצן גוף, צינדט אָן דאָס לײַב אונטערן העמד, די אויגן, די נאָז, דאָס פּנים. די האָר אויפן קאָפּ אָטעמען מיט דער דאָזיקער היץ.

ערשט אַצינד האָט שיינדל באַגריפן, פאַר וואָס די אָרטיקע טראָגן דאָ וואַטענע הויזן, וואָלענע סוועטערס, פוטערנע פּאַפּאַכעס און פופײַקעס. דאָס זאָל זײַן אַ שוץ קעגן דער באַקנדיקער זון, בעת איר, שיינדלס, ציטן־קליידל איז דער איבערפירער פון גיהנום אויף איר לעבעדיק לײַב.

די הענדלערס, טענדלערס, זעט זי, טראָגן זיך ביסלעכווײַז אָפּ. דער באַזאַר רוט. די אָפּגעליידיקטע פּלעצער — צעגענעצטע מײַ־לער נאָך אַ מיטאָג־דרימל.

אין די שעהען טרעפט, אַז ס׳גייען פאַרבײַ דאָ אויפן פרײַען מאַרק פון אומלעגאַלן האַנדל, שאַכער־מאַכער, פאַרהאַלטן זיך אויף מינוטן הויכע לײַט — לויטן סטרוי, געשטעל און איראַנישן קוק אויף די פאַראַנדקעס — און לאָזן אין אַ ריינעם רוסיש הערן: „באַראַכלאַ טאַרגוּיעט באַראַכלאַם״.

ווו זאָל זי גיין, שיינדל, אין די שעהען? אפשר איבערוואַרטן אונטער אַ דעכל ביז אַ זייגער פינף־זעקס נאָך מיטאָג, ווען דער

באַזאַר פאַרפילט זיך ווידער מיט קרעמערס און כל־מיני אויפקוי־פערס און פאַרקויפערס פון קלענערע און גרעסערע שטובזאַכן: ברוכטיילן פון מעבל, געפעס, וועשוואַרג און סתם חפצים פון באַלע־באַטישע היימען, וואָס מענטשן שלעפּן מיט זיך אין לאַנגן וואַגל־וועג. דאָ אין דער ווײַטער פרעמד קאָן מען זיך באַגיין אָן זיי.

שיינדלען דינען שוין נישט די פיס. נאָענט פון אָפענעם טויער שטייט זי און ווייסט נישט וואָס צו טאָן. דער קאָפּ, דער הוילער קאָפּ אָן אַ צודעק, האָט פּלוצעם אָנגעהויבן ווי טאָן. עס שווינדלט פאַר די אויגן. שאָטנס שפּרינגען איר אין פּנים אַרײַן. אַ חלשות באַפאַלט איר. אָט פאַרהאַלט זיך נישט ווילנדיק איר בליק אויף אַ רעדל סאָל־דאַטן אַרום אַ ציגײַנערקע. צווישן צוויי סאָלדאַטסקע פּלייצעס זעט זי די וואַרפערקע. איבער דער אָפענער האַנטפלאַך פון אַ סאָלדאַט פירן אירע צוויי פינגער, ווי אַ מאַגנעט־פּאָטקעווע, איר מײַלעכל לויפט דערבײַ פלינק אויף רוסיש, פאַרבראָקט מיט ציגײַנער־לשון. אירע אויגן קוקן היפּנאָטיש דעם סאָלדאַט אין פּנים אַרײַן. ספּריטנע כאַפּט איר צווייטע האַנט די פּאַפּירענע רובלס וואָס מ׳וואַרפט. איטלעכס מאָל שטופּט אָן אַנדערער די האַנט:

— מיר, ציגאַנקע!

— מיר פּאָוורוזשי!

— נאַ דיר אַ פּינפּערל, — גיט איינער אַ שלײַדער אַ קאָליריק פּאַפּירל און זאָגט מיט אַ הייזעריק־שיכּורלעך קול:

— זאָג, ציגאַנקע, באַרישניאַ, וועל איך אומקומען צי זיך צוריק־קערן אַ געררוי?

זײַנע אויגן זענען מיט רויטקייט פאַרגאָסן, די שוואַרצאַפּלען גלאַנצן מיט אָפשײַן פון ווײַטע העלישע פײַערן. נאָך אים האָבן עטלעכע אַ פּנים זיך נישט געקענט דערוואַרטן, גענומען זי פאַר־שיטן מיט פראַגעס:

— ווי לאַנג וועט נאָך דויערן ס׳מלחמהלע?

— צי וועט מען כאַפּן היטלערן אַ לעבעדיקן?

— צי וועל איך נאָך זען מײַן ווײַב און קינדער?

איינער האָט זי אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל — קום, ציגאַנקע, מיט אונדז, דאָרטן זענען מיר אַ סך.

שיינדל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען זיי מסתמא אַראָפּ פון עשעלאָן נישט ווײַט פון דער סטאַנציע, לינקס פון באַזאַר. נישט קיין סתּם מאָביליזירטע זענען דאָס. זי זעט ראַזירטע פּנימער, געפּאַסטע מונדירן, פאַרשיידענע סימנים אויף די אַקסלען. אוודאי אָפיצירן, לייטענענטן. די פּראָסטע סאָלדאַטן, אַז זיי כאַפּן זיך אַ מאָל אַראָפּ, לויפן כאַפּטעסווײַז מיט די קעסעלער, פלעשער, פּושקעס נאָך קיפּיאַטאָק, זוכן וועמען אָפּשטופּן אַ ווײַס פּאָרל וועש פאַר אַ פּאַיאָק שוואַרץ ברויט, אַ פרישע לעפּיאָשקע.

שיינדל, אָן אויסגעשעפּטע, מידע, האָט אין די רגעס נישט קיין צײַט געהאַט, קיין געדולד צו טראַכטן וועגן אַזעלכע זאַכן. איר האָט פון דעסטוועגן געוווּנדערט: ווי קומען יונגע סאָוועטישע מענטשן, פּראָנטלער צו אַ טרעפּערקע אין קאָרטן?

פון כּמעט טאָג־טעגלעך גיין אויפן באַזאַר איז זי צוגעוווינט צו זען אויף דער באַנסטאַנציע לאַנגע וואַגאָנען־קייטן, הערן אַ הייזעריק פּײַפן פון לאָקאָמאָטיוון, אַ גרילצנדיק ריטשען פון רעלסן אונטער שווער באַלאָדענע וואַגאָנעם מיט מיליטער, טאַנקען, אַמוניציע, אײַזנוואַרג, ברויט, ברויט, ברויט, אַלץ פאַרן פראָנט, פאַרן אָפּענעם אומגעזעטיקטן פײַערדיקן פּיסק. און צוריק פון דאָרטן, פון די פראָנטן — פאַרזיגלטע טיעפּלושקעס מיט פאַרווונדיקטע סאָלדאַטן. דורך קליינע קראַטן־פענצטערלעך, דורך ברעטער־ריסן, דורכגעשאָסענע ווענטלעך, שפּאַרעס זעט מען פאַרבאַנדאַזשירטע קעפּ, באַפּלעקטע מיט בלוט באַנדאַזשן אויף בערדיקע פּנימער, יסורים־גרימאַסעס אַרום די אויגן. נישט קיין בייזע, קריגערישע אויגן. רחמים־בעטנדיקע אויגן זענען עס. אַ קרעכצעניש, צעווייטיקטע געשרייען, הילפסרופן, הייזעריקע מענערישע, אויך זידלווערטער. גאַנץ אָפּט — אַ פראָנטליד. האַרטע האַרציקע מענערקולות, ספּאַזמאַטיש־ציטערנדיקע געהעמטע אויסגעשרייען:

— מאַמעלע, מאַמעלע, מאַטושקאַ ראָדנאַיאַ.

3

שיינדל האָט זיך פאַרנומען אַהיים. הונגעריק. אַ דאָרשט ביז חלשות און עפּעס אַ פּלוצעמדיקע נודזשאָטע האָט איר באַשווערט דעם טראָט. מיט אָט דער זעלבער פּלוצעמדיקייט איז פּיניעס געשטאַלט, אַ מטושטש געשטאַלט, אַ פאַרשאָטנטס איר אויפגעשווימען פאַר די אויגן, נאָך מער באַשווערט דעם טראָט. איר פּיניע. דעם ערשטן טאָג פון מלחמה־אויסבראָך, אָן אַ האַנטדרוק, אַ קוש, אַרומנעם אַוועק. ווי אָן אומזעבאַרע האַנט וואָלט אים פון איר אַוועקגעריסן. זי איז שטיין געבליבן. ניין. זי קאָן נישט גיין ווײַטער. די לעצטע עטלעכע קאָפּיקעס אויסגעגעבן אויף אַ שלונג וואַסער. גאָרנישט פאַרקויפט. אַהיים איז ווײַט. די זון איבערן קאָפּ. אין מוח רוישט, ס'קלינגט אין די אויערן. די ציגײַנערקע האָט זי פאַרטשעפּעט:

— פּאָוורוזשיט, באַרישניאַ?

— נישטאָ, נישטאָ, — האָט שיינדל אָן כּוחות געענטפערט. געמיינט און נישט באַוויזן צו זאָגן, אַז ס'איז נישטאָ קיין געלט, און אַוועקגעמאַכט זי מיט דער פרײַער האַנט.

— וואָס נישטאָ, באַרישניאַ?

זי איז ווײַטער געגאַנגען.

— אַהאָ, אַזאַ יונגינקע, אַ שיינע, — האָט די ציגײַנערקע נישט נאָכגעלאָזט. — כאַ, כאַ, כאַ.

זי איז גוט געשטימט, די ציגײַנערקע. אַ סך קאָלירקע פּאַפּירלעך האָבן זיי איר איבערגעלאָזט. זי פאַרשטעלט שיינדלען דעם וועג, כאַפּט איר האַנט און — וואַרט, באַרישניאַ. זי נעמט פירן מיט אירע צוויי פינגער:

איינס, צוויי, דרײַ,
דער קריג וועט באַלד פאַרבײַ.
ליבינקע, זעסט

זיבן, זיבן קאָרבן...
לאַנג וועסטו נישט לײַדן
פון היגן פּיעקלאָ גלײַך אין גן־עדן.

שיינדל האָט אַ ריס געטאָן די האַנט, זיך אָפּגעקערט נישט הערנדיק די לעצטע ציגײַנערישע נישט דערזאָגטע רייד. טאַפּטשענ־דיק וויַיטער נישט מיט אירע כּוחות, נישט מיט איר קאָפּ און געמיט האָט זי אָנגעהויבן חרטה האָבן, הלמאַי האָט זי איר נישט געפרעגט וועגן פּיניען. צי לעבט ער, צי איז ער געזונט, אפשר אין אַ שפּי־טאָל? די אויגן האָבן שוין נישט געזען ווו צו גיין, אַ מישמאַש אין די געדאַנקען.

נאָ דיר אַ צוטשעפּעניש פון אַ ציגײַנערקע. די מישעניש אין קאָפּ הערט נישט אויף. נישט קיין קאָפּ, אַ דזשונגל, אַ וואַלד. די געדאַנקען — מאַלפּעלעך שפּרינגען פון צווײַג אויף צווײַג, פון בוים אויף בוים. עפּעס שרײַען זיי, קוויטשען אויף אַ מאַלפּיש לשון. און נאָך קולות, שטאַרקערע, פרעמדע, פון ערגעץ אָנגעיאָגטע קולות, אומרויִקע טאַנצנדיקע פײַערן פאַר די אויגן. דער באַזאַר מיט אַלע טישלעך, בודקעס, סטראַגאַנעס מיט געטראַנקען, מיט לעפּיאָש־קעס, אַלץ דרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד. די ערד אונטער אירע פיס וואַקלט זיך. אומבײַט פון ליכט און שאָטן. טאָג צי נאַכט? זי ווייסט נישט. פּלוצעם קלינגט איר אין די אויערן אַ מאָדנע קלינגעניש. פלעקן ווי ראַבע קעץ שפּרינגען איר פאַר די אויגן. עס איבלט צום ברעכן. אַ ביטערניש אין מויל. אוי, אַ טרונק, אַ טרונק וועזן עמעצער דערלאַנגט איר. אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום קאָפּ דאַרף זי. אַ קיל ווינטל, אַ שאָטן. הייס און קאַלט איז איר. ניין, נישט טרינקען מער. איר אייגענער שאָטן פון בוטל אַרויס האָט געוואָרנט:

— טרינק נישט מער, וועסט זיך אויסשעפּן...

✶

עטלעכע טריט דרויסן פון באַזאַר איז געלעגן שיינדל. זי האָט שווער געאָטעמט, געסאָפּעט. דער האַלב־נאַקעטער אָנגעפּוישטער

בויך פון אונטער אַ צעעפנט קליידל האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. דורכן פאַרשטשעמעטן מויל און צעפליגלטע נאָזלעכער האָט געשלאָגן אַ כאָרכלדיק קול. דער גוף, אַ לענגלעכער, דאַרער, די בייניקע אַקסלען האָבן זיך געטרייסלט.

דער דאָקטער, וואָס איז פון דער נאָענטסטער באַנסטאַנציע גערופן געוואָרן, האָט פאַרצייכנט אין זײַן נאָטיץ־ביכל:

„די היץ פון קערפּער — העכער איין און פערציק גראַד. דער דופּק — הונדערט און אַכציק אין אַ מינוט".

פון רעדל מענטשן אַרום דער ליגנדיקער האָט עמעצער זיך אַראָפּגעבויגן צו איר פּנים און תּיכּף זיך אויפגעהויבן, אויסגע־גלײַכט, מיט פאַרציטערטע ליפּן געמורמלט:

— אַ טויט פּנים, נעבעך, ווער איז די אומגליקלעכע?

דער דאָקטער האָט נאָך אַלץ אָן אײַנגעבויגענער איבער איר געזעסן, געמורמלט צו זיך:

„אַ מאָרפיום־אײַנשפּריץ, אַ לומינאַל־טאַבלעט, אַטראָפּין?"

ער האָט אויפגעהויבן איר האַנט. זי האָט אַראָפּגעשווערט, צוריקגעפאַלן. איר פּנים האָט אַ געלקייט באַשלאָגן. דאָס אַרויס־סטאַרטשענדיק שטיקל בויך איז ברוין און בלוי ווי אַן אָנגעבלאָ־זענער פּענכער. דער ברוסטקאַסטן, וואָס האָט זיך, ווי דער בויך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, איז געבליבן אומבאַוועגלעך.

— ס'האַרץ אַרבעט נישט מער. — האָט דער דאָקטער געזאָגט צו זיך. בלויז דער זייגער אויף זײַן האַנט האָט געטיקטאַקעוועט. די ווײַזערס האָבן געוויזן — 6.47.

מורים

מרים

1

— שלום, מר יצחקי!

ער דרייט אויס דעם קאָפּ פון וואַנעט ס׳קול קומט. אַ באַקאַנט פּנים. אַ יונג קול, אַ יונגע שיינהייט. סעקונדעס דויערט די דערמאָנונג:

— אָ, מרים, מירי. האָב איך נישט קיין טעות?

— איר האָט נישט קיין טעות, מר יצחקי, — שטרעקט זי אים אויס די האַנט.

פּנים־אל־פּנים שטייען זיי אין גרויסן וואַרטזאַל פון שטאָטישן שפּיטאָל. זי, די געוועזענע סטודענטין, אַ יוגנטלעכע, געקומען אַרבעטן אין משׂרד החינוך אויף דערוויַיל, ביזן אַנגענומען ווערן אין אוניווערסיטעט. ער — אַן עלטערער סימפּאַטישער מאַן, אַ הויכער ביוראָ־באַאַמטער.

— קנאַפּע פיר יאָר איַיך נישט געזען, מר יצחקי.

— נישט געוועזן הי. די וואָך געקומען אויף חופשת־מולדת. דאַרף איך אפשר זאָגן „פּרוי דאָקטער", מרים?

— נישט וויכטיק. און פון איַיך, ווי כ׳זע, האָבן די יאָרן גאָרנישט אָפּגעדונגען.

זיַין פּנים שמייכלט. אַן אויסגעווינקלטער שטערן אָן אַ קנייטשעלע. צוויי קלוגע אויגן, גראָע שלייפן, אַ קורץ געשוירן שוואַרץ־גראָ בערדעלע. ער איז פריער אויך נישט געווען קיין יונגערמאַנטשיק.

זי האַלט נאָך אַלץ איר האַנט אין זיַינער. אים הערט נישט אויף

וווּנדערן אויף דער צניעותדיקער מירי, וואָס האָט קיין מאַן אַ האַנט נישט געגעבן. אַ בת־יחידה. אַ פרומער טאַטע, אַ פרומע שטוב, אַ פרומע שטאָט הינטער תּל־אביב. ר׳ גמליאל, איר טאַטע, אַ גערער חסיד, אַ שוויַיגער. דריַי מאָל אין טאָג דאַוונט ער. תּמיד אַן אָפענער ספר אויפן טיש. די מאַמע — ביַי דער ניימאַשין, די פרנסה־געבעריין.

מירי אַ שוויַיגערין. געראָטן אין טאַטן. די מאַמע האָט זיך געקלאָגט אַלמאַי אויך אין שטוב פירט זי זיך אַזוי. שוויַיגט. פרעגט מען איר עפּעס, איז דער ענטפער: יאָ, ניין. אפשר.

— מעגסט זיך, טאָכטערשי, פאַרגינען רעדן מיט דער מאַמען מיט אַ גאַנץ מויל. וואָסי? אַ וואָרט אַ רענדל?

ווערט זי שוין אויפגערעגט, מירי:

— מאַמע, מאַכסט משוגע מיַין שׂכל.

קיין לאַנגע מחזקות האָט ער מיט איר נישט געמאַכט. זי האָט אָבער מיט איר קלוגן שוויַיגן, מיט איר האַלטונג אַרויסגערופן אינטערעס. אַ קלוגע, שיינע, איז איר איינציקער חסרון ס׳מיינען, אַז ס׳יונג זיַין איז אַ מעלה, וואָס פּילט אויס דעם חלל פון ווייניק ויסן, וואָס איז מכפר אויף חוצפּה, תּמימות, גאווה. באַמערקט זיַין נייַגער צו איר, האָט זי פריער צוריקגעהאַלטן, שפּעטער מיט געוואַגטקייט זיך צו אים געוואָנדן מיט פראַגעס, מיט טענות, פאַר־דראָסן אויף איר פרומען טאַטן, אויף זיַין דערגיין איר די יאָרן. זי האָט אויך לשם כּיבוד־אב נישט געוואָלט צופיל רעדן קעגן טאַטן. דאָס איז גראָד אים, יצחקין, נישט געפעלן. קיין גאַנצע תּשובות האָט ער איר נישט געגעבן, האָט אויך נישט תּמיד צייַט געהאַט איר אויסצוהערן. און זי האָט אין אים געזען — האָט זי אים מרמז געווען — אַ נאָענטן מענטש פאַר וועמען מ׳קאָן זיך פאַרטרויען. מ׳קאָן אויך פון אים הערן אַ גוט וואָרט. ווייניקע ווערטער, אָבער וואַרעמע, פאָטערלעכע.

מירי קליידט זיך נישט מאָדערן און אויך נישט אַקוראַט ווי טאַטע־מאַמע ווילן. טראָגט הויזן, אָבער ברייטע, לויזע, לאַנגע.

בלוזקעס טראָגט מירי מיט לאַנגע אָדער קורצע אַרבעלער, פּאָר־קנעפּלט ביזן האַלדז. לעטשעלער אויף אַ נידעריק קנאַפּעלע אָדער אויף אַ סלופּיק. ווינטער, קעלטן, רעגנס — אין זאָקן. ביז שפּעט אין זומער אַרײַן — שקאַרפּעטן ביז איבער די קניען.

אַ פּנים האָט מירי פון העלפאַנטביין קאָליר. עטוואָס ברייט־לעכע סטאַרטשענדיקע קינען פאַרשמעלערט ביז אַראָפּ דעם פײַן געפאָרעמטן גאָמבקעלע, באַהויכט מיט אַ יונגן ראָז. די פאַרשלאָ־סענע ליפּן, וואָס ענדיקן זיך בײַ די מוילווינקלען מיט עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכעלע, שווײַגן אויס צוויי קליינע חן־גריבעלער.

אַ סך בליקן פאַרהאַלטן זיך אויף איר. אירע טונקל־ברוינע אויגן זעען דאָס און קוקן מכּלומרשט אַוועק אַ קלוג ראַפינירט אומיסטנדיק קוקעלע פון אויבן אַראָפּ וואָס וויל זאָגן: „כ׳בין אַ מבין, בחורים”. און צו די מיידלער, חברטעס: „אײַערע קנאה־בליקן פאַרשאַפן מיר הנאה”...

— איז צו וואָס אייגנטלעך שטיין דאָ, — גיט זיך מרים אַ כאַפּ און האַלט נאָך אַלץ איר האַנט אין זײַנער. — מ׳קאָן עס דאָך מאַכן ביי אַ גלעזל טיי אין אַ קאַפע, נישט אויף איין פוס.

די לעצטע ווערטער און „ס׳פאַרגעסן” אַרויסנעמען איר האַנט פון זײַנער, האָט יצחקין גאָר געוווּנדערט.

— איך בין נישט קעגן, — ענטפערט ער און פרעגט: — אַגב, וואָס טוסטו דאָ אַצינד אין דער שעה? — און לאָזט אַרויס איר האַנט פון זײַנער. ער, זאָגט ער, גייט צוריק פון אַ ביקור־חולים בײַ אַ פּאַציענט וואָס איז נאָך אַן אָפּעראַציע.

זי איז אויך נאָך אַן אָפּעראַציע, מאַכט זי, אַ מסוכּנע קרענק. זי איז דאָ אַן אָפּטער גאַסט... זיי האָבן זיך געזעגנט, באַשטימט אין עטלעכע טעג אַרום זיך טרעפן.

„אַן אָפּטער גאַסט”, „אַ מסוכּנע קרענק” זענען יצחקין נישט אַרויס פון קאָפּ. אייגנטלעך האָט איר מראה אַנגעוווּנקען אויפן געזונט־צושטאַנד. גאָר אַנדערש זעט זי אים אויס ווי ער האָט זי געדענקט. אויך איר נאַכלעסיקער הולך, די פרײַע האַלטונג פון

דער צניעותדיקער מירי, איר להוטקייט אין רעדן, ס'פּראָפּאָנירן טרעפן זיך מיט אים, יצחקין, דעם באַוויַיבטן עלטערן מאַן... זי האָט עפּעס וויכטיקס אים צו דערציילן, פרעגן, אפשר שואל־עצה זיַין זיך. „אַ מזלדיקער צופאַל", — האָט זי נאָך באַוויזן צוצוגעבן, — „די היַינטיקע באַגעגעניש". ער האָט אַפילו געוואָלט איבערפרעגן: וואָס איז דאָס מזל? און זיך אָפּגעהאַלטן.

די קאַרגע צען מינוט האָט ער די אויגן פון איר נישט אַראָפּ־גענומען. זי האָט אים אין די רגעס אויסגעזען עלעהיי אַ פלאַטערל: איינס פון יענע קאָלירוקע פלאַטערלעך, וואָס ער, אַ חדר־יִינגל, און נאָך יִינגלעך פלעגן זיך יאָגן נאָך זיי, כאַפּן, אַריַינלאָזן אין אַ גלעזערנער כּלי — אַ פלעשל, אַ סלאָיעקל, אַ קאַרפינקע. אַרויס־נעמען, שפּילן זיך דערמיט, צוריקלייגן. פון לאַנג האַלטן אין די הענט, ריַיבן, פאַטשקען מיט די פינגער פלעגט אַראָפּ די פאַרב, דער גלאַנץ. דאָס זעלבע און נישט דאָס זעלבע פלאַטערל. די זעלבע און נישט די זעלבע מירי. דער האַלדז, איר יונגער, גלאַטיקער האַלדז — היפּש געקנייטשט, געקאַרבט. אַ פאַרבלאָזטע הויט, אַ שיטערע. בייניקע אַקסלען. פלאַכע בריסט, אַראָפּהענגענדיקע אונ־טער אַן אָפּגעטראָגענער בלוזקע. איר שטאַלטנע איידעלע פיגור — אַן אָפּגעמאָגערטע, אַן איַינגעשרומפּענע. אויך דער ליכטיקער אויסשטראַל פון אירע טיף־טונקעלע ברוינע אויגן — נעלם געוואָרן. אָנשטאָט חן־גריבעלעך — קנייטשעלעך, אַ מין שריפט וואָס ער האָט געפרוווט לייענען צו פאַרשטיין, וואָס איז מיט דעם מיידל פאַרגעקומען אין די קנאַפּע פיר יאָר.

2

אין אַ פראָסטן מיטוואָך, אין אַ פאַרנאַכט־שעה אין אַ קאַפע ביַים ברעג ים האָבן זיי זיך באַגעגנט. זי איז געזעסן מיט דער פלייצע צום דרויסן, ער — קעגן איר, מיטן פּנים צום ים.

אַ פֿאַרגייענדיקע זון האָט געוואָרפֿן אַ ראָזעווע שײַן אויף די אָפֿענע טירן פֿון קאַפֿע. שאָטנס שפּרייטן זיך אויפֿן צעכוואַליעטן ים־פֿלאַך געטריבן פֿון פֿאַרנאַכטיקן ווינט. יצחקי, אַ פֿאַרבענקטער נאָך אַזאַ זונפֿאַרגאַנג, איז געזעסן אַ פֿאַרדמיונטער מיט די אויגן צום רחבֿותדיקן ים־געשפּרייט, זיך געקוויקט מיטן ים־ווינטל וואָס האָט געקילט דאָס פּנים. אין דער גרויסער וועלטשטאָט פֿון העבער צוועלף מיליאָן מענטשן האָט ער דאָס נישט געזען. די וואָלקן־קראַצער פֿאַרשטעלן די זון. דער רויש און רעש פֿון לעבן פֿאַרטויבן די שטילע טריט פֿון געמיט, פֿון די רוטעג. גאַנצע פֿיר יאָר זיך געעסקט.

יצחקי זופּט די טיי, הערט מיטביידע אויערן מרימס רייד — הויך אויף אַ קול און שנעל, שנעל.

אַ פּנים מורא געהאַט, אַז זי וועט נישט באַוויַיזן אַלץ דערציילן. אוי, האָט זי צו דערציילן. ער, יצחקי, איז דער איינציקער פֿאַר וועמען זי קאָן געטרויליער רעדן. ער מוז, ער מוז זי אויס־הערן. זי זעט נישט די זיצנדיקע בײַ די טישלעך, ווי נאָר זיי ביידע וואָלטן דאָ געווען און מער קיינער חוץ יצחקי, וואָס זיצט קעגן איר אַן איינגעהאָרכטער.

זי האָט ווי פֿון מיטן אָנגעהויבן:

איר פֿרומער טאַטע איז איר דערגאַנגען די יאָרן. נישט געפֿעלן אים אירע פּירעכצן: אוניווערסיטעט, לעקציעס, חברים, חברטעס, סטודענטן. אַרויסגיין פֿון שטוב נאָך די לעקציעס — אסור. איז געקומען אַ חברטע צו איר — שאלות: „ווער איז זי?" „זי טראָגט צו קורצע קליידלער". „וואָס עפּעס אין הויזן?" אַן אַנדערע חברטע — „אַ געפֿאַרבט פּנים, רויטע ליפּן, אַ חצופֿה". איז אַ סטודענט געקומען העלפֿן איר מאַכן די לעקציעס — „זע נאָר דעם הולך, און די לאַנגע קאָלטענעס, דער שויבער". איז זי געגאַנגען צו אַ חברטע, אַ חבר אַ סטודענט, ער זאָל איר העלפֿן גרייטן זיך צו די עקזאַמענס — „צו לאַנג זיך געזוימט, שפּעט אַהיימגעקומען, אַזוי פֿירט זיך נישט קיין ייִדישע טאָכטער". געבורטשעט צו דער ווייב

באשר זי לאָזט איר טאָכטער אַרויס אויף תרבות־רעה. בייז געוואָרן. געשוויגן. נישט גערעדט מיט איר און נישט מיט דער ווייב. געשטאַנען צו איר מיט דער פּלייצע. זײַטיק איז ער זי פאַרבײַגעגאַנגען אַ שטייגער אַ ייִד גייט פאַרבײַ אַ טומאה און שפּײַט אויס: שקץ־תשקצנו.

האָט די מאַמע אָנגעהויבן וויינען, בעטן זיך בײַ איר:

— טאָכטערשי, מרים לעבן, זײַ גוט צו אים. ער איז דאָך דײַן טאַטע, כ׳בין נישט פון די הײַנטיקע ווייבער: ס׳טויג נישט — גט מען זיך.

איז זי איין מאָל אַרויס פון שטוב און נישט צוריקגעקומען. אין יענעם אָוונט איז זי געוועזן ביז שפּעט בײַ נאַכט בײַ אַ חבר, אַ סטודענט. ער האָט איר געהאָלפן גרייטן צו די עקזאַמענס. צום אַהיימגיין האָט ער זי געבעטן, שיין געבעטן, זי זאָל בלײַבן. מה־פּתאום, וואָס עפּעס? — האָט זי אַן אויפגערעגטע געעפנט אויף אים אַ פּאָר אויגן. זי וועט פריער נישט אַהיימגיין, — רעדט ער צו איר זײַטיק און קוקט איר נישט אין די אויגן אַרײַן, — ביז ער וועט זי נישט באַשלאָפן. ניין. זי קאָן נישט גיין אין בעט אַרײַן מיט אַ מאַן וואָס זי האָט נישט ליב.

האָט ער איר צוגעזאָגט ליבע.

הײַנט, דעם ערשטן אָוונט וואָס זי איז בײַ אים, צוויי יאָר קענען זיי זיך, הערט זי פון אים דאָס וואָרט ליבע צום ערשטן מאָל.

האָט זיך אַ ציניש שמייכעלע באַוויזן אויף זײַן פּנים:

— און פּאַר העלפן דיר צו די עקזאַמענס?

— זאָל איך דערפאַר באַצאָלן מיט מײַן גוף?

— מיט ליבע.

— איז דאָס ליבע?

— דאָס איז דאָס, וואָס איך האָב ליב.

ער האָט זיך ברוטאַל אַ וואָרף געטאָן אויף איר, צעריסן וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן אָן אויסרעדן אַ וואָרט, אַרויפגעוואָרפן זי אויפן בעט. מיט איין האַנט פאַרשטאָפּט ער איר דאָס מויל, מיט

דער צווייטער צעקנעפּלט ער זיך די הויזן, פּרוּווט מיט כּח אַרײַן אין איר... פֿון ווייטיק, כּעס און בושה האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פֿון אים, אָבער ער איז ווי צוגעפּליישט געוואָרן צו איר. האָבן זיי ביידע זיך אַראָפּגעקײַקלט אויף דער פּאַדלאָגע... איר איז שוין מער גאָרנישט אָנגעגאַנגען. אַן אָנמאַכטיקע איז זי געבליבן ליגן, אַ גלײַכגילטיקע צו איר לעבן.

3

אַן אַ היים, אַן אַ העמד אויפֿן לײַב, אַ נישט־אויסגעשלאָפֿענע, אַ באַליידיקטע, אַ טויט מידע, אַ הונגעריקע האָט זי זיך, ווי אַ שיכּורע, רעשט נאַכט געדרייט אין די גאַסן. מורא געהאַט פֿאַר אַלעמען, פֿאַר פּאָליציאַנטן — זיי זאָלן זי נישט אָננעמען פֿאַר איינער פֿון די גאַסנפּרויען וואָס שלאָנדערן זיך. זי האָט זיך געשאַרט בײַ די ווענט, פֿאַרן אייגענעם שאָטן זיך געשראָקן. אַרײַן אין אַ טרעפּנהויז, צוגעזעצט זיך. דעם קאָפּ, וואָס האָט זיך אויף איר קוים געהאַלטן, אָנגעשפּאַרט אין אַ וואַנט, געפּרוּווט אײַנד־רעמלען. אַן ערשטע נאַכט, אַ צווייטע, אַ דריטע. אין די טעג — בײַם ים, ווײַט פֿון מענטשן, אַן אַרומגעוויקלטע אין צעריסענע קליידער, געטוליעט זיך צום זאַמד ווי צו אַ מאַמען. מאַמע ערד, — האָט זי געוויינט, — נעם מיך צוריק צו זיך. פֿון דיר בין איך דאָך געקומען. איך האָב אַצינד נישט וווּ צו גיין. דער טאַטע וועט מיך אַרויסיאָגן פֿון שטוב. איך האָב נישט וואָס צו טאָן אויף דער וועלט, אויף דער פֿרעכער אַכזריותדיקער וועלט.

וועגן ממשיך זײַן אין אוניווערסיטעט האָט קיין רייד נישט געקענט זײַן. געטראָפֿן אַ חברטע, אַ סטודענטין. זיך אײַנגעבעטן איבערנעכטיקן בײַ איר אַ נאַכט צוויי. זי האָט מרימען אַרײַנגענו־מען, מלביש־ערומים געווען.

זי האָט מרימען אויך מיטגענומען צו דער אַרבעט — אַ קעל־

נעריין אין אַ גרויסן רעסטאָראַן אין תּל־אביב. נישט קיין גרינגע אַרבעט. אָבער ווי מען זאָגט דאָ: „זה מה יש״. זי שוואַנגערט. נאָך שווערער ווערן די אַכט, אַ מאָל צען שעה שטיין אויף די פיס, אומגיין צווישן די טישלעך. אַ פּנים אַז אַ יונגע שוואַנגערדיקע קעלנערין — פלינק און שנעל אין אירע באַוועגונגען ביז די העכסטע חדשים — האָט געוועקט סימפּאַטיע, אײַנזען בײַ די רעסטאָראַן־באַזוכערס. אַ סימפּאַטיע נישט אָן אַ דאָזע רחמנות, וואָס זאָל האָבן גורם געווען פלינקער און שנעלער עפענען די טאַשן, טײַס־טערס, קעשענעס מיט הויכע טיפּן. טיפּן, וואָס זענען הי, אייגנטלעך, דער אַרבעטסלוין פון אַ קעלנער.

„מירי, וועסט ווערן אַ מאַמע״ — זאָגט זי צו זיך. זי און איר חברטע, די שותּפטע צום חדר, האָבן פאַרדינט אויף אויסקומעניש.

געבוירן אַ ייִנגעלע.

שווער געאַרבעט. שווער געלעבט. אָבער „לא על לחם לבדו״... קאָן אַ יונגע פרוי, אַ יונגע מאַמע מיט אַ פּיצל קינד לעבן אָפּגע־פרעמדט פון טאַטע־מאַמע, פון אַ היים? אַ פרומע שטוב, אַ פרומע שטאָט הינטער תּל־אביב, סך־הכל אַ האַלבע שעה מיטן אויטאָבוס און זי איז דאָרט.

אַ בענקעניש, ווי אַ שטאַרקער צאַנווייטיק, האָט געגוויעט אין האַרץ פון מרימען. אַליין אָנעם קינד וועט זי זיך אַ ווײַז טאָן פאַר דער מאַמען, — זאָגט זי צו זיך. אַ מאַמע איז מוחל. האָט זי דען אַ ברירה, איר מאַמע? לעבן און גאָרנישט וויסן, וואָס מיט איר טאָכ־טער איז געשען, איז בעסער?

ערשט פילט זי דעם צער און ווייטיק פון אַ מאַמען: געבוירן, זייגן, קאָרמען, אויסהאָדעווען אַ קינד, פלייש פון דײַן פלייש, ביין פון דײַן ביין. אַ זיס שמייכעלע. ליכטיקע אייגעלעך. אַן ערשט ציינדעלע. נאָך אַ ציינדעלע. ווידער אַ שמייכעלע מיט אַ מויל ציינדעלעך: מאַ, מאַ־אַמע, מאַמעלע — מוזיק, האַרציקע מוזיק פאַר אירע אויערן. אַט שטעלט עס אַ טריטעלע, פאַלט, הייבט זיך אויף און נאָך אַ טריטעלע. אויף אַלע פיר קריכט עס, כאַפּט זיך אָן

אין דער מאַמעס קלייד און שטעלט זיך אויף די פּיסעלער. אַט מאַכט זי אַ שפּאַציר מיטן ייִנגעלע בײַם הענטל אין גאַס.

קנאַפּע צוויי יאָר נישט געווען אין דער היים. נישט געזען די מאַמען, דעם טאַטן. נישט בײַם בעסטן געזונט געווען די מאַמע. און דער טאַטע — ווי פילט ער זיך? אַליין זיי געלאָזט און ווי פאַר־פאַלן געוואָרן. איר גוטע מאַמע: וויינט זיך אַוודאי אויס די אויגן, וואַרט אויפן צוריקקער פון דער טאָכטער. דער טאַטע — זיצט מן־הסתּם בײַם אָפענעם ספר, שווײַגט. שווײַגט אויס די טענה צו גאָט אויף דער שטראָף, וואָס ער האָט אויף אים אַראָפּגעשיקט. דאָס האָט דאָך זי אייגנטלעך זיי ביידע באַשטראָפט. אַרויס פון שטוב אָן לאָזן פון זיך הערן, אָן אַרײַנווײַזן זיך. אַ טאָכטער אַ בת־יחידה. אַט, למשל, ווען מ׳נעמט, חלילה, אַוועק פון איר ס׳קינד, אַ פּיצל, אַ זיבן־חדשימדיק נפשל, האַ? הײַנט, ביז מ׳האָדעוועט עס אויף, מ׳מאַכט דערפון אַ מענטש: אַ גרויסע טאָכטער, אַ שיינע, אַ געראָטענע, אַ קלוגע, ווי מענטשן האָבן געזאָגט. אַ שיין פּנים האָט זי אָצינד. און ווײַ איז צו אַזאַ קלוגשאַפט. נו, ווי וואָלט זי דאָס אויסגעהאַלטן? ניין. איר מאַמע וועט דאָס נישט אויסהאַלטן. זי וועט, חלילה, פון דער וועלט גיין.

וואָס האָסטו געטאָן פאַר דײַן נשמה, מירי, — טאָכטער פון חנה און ר׳ גמליאל זאַנשיין? געלאָזט די צוויי פּאַראַבלטע אין שטוב אין בענקעניש, אין קרענקעניש. אין דער קליינער פּרומער שטוב, הינטער תּל־אביב? — האָט זי צו זיך געזאָגט.

דרײַ מאָל אין טאָג — האָט זי נישט פאַרגעסן — דאַוונט דער טאַטע אין שטוב. שבת אין דער פרי גייט ער אין שטיבל אַרײַן צו שחרית. קומט צוריק אַ זייגער צוועלף, האַלב איינס צו מיטאָג.

אָפּגעגעסן, זמירות, לייגט ער זיך צו כאַפּן אַ דרימל.

דעם קומענדיקן שבת, באַשליסט זי, אַהיימגיין. אַליין, אָנעם קינד, ווײַזן זיך פאַר דער מאַמען. אַ טאַקסי האָט איר צוגעפירט נישט ווײַט פון שטוב. אַ קליין שטיקעלע וועג צו פוס און אַט איז זי בײַ דער טיר.

די מאַמע איז זי מקבל־פּנים מיט צוויי אָפענע אָרעמס, מיט אַ פרייד און אַ פאַרשטיקט געוויין:

— טאָכטערשי, מירי לעבן!

— ווו איז דער טאַטע?

— האָב נישט קיין מורא פאַרן טאַטן, טאָכטערשי. ער האָט דיך ליב ס׳לעבן. ער שוויַיגט, אַזאַ טבע האָט ער. זאָל ער שוויַיגן.

— ווילסטו, מאַמע, איך זאָל דאָ בליַיבן?

— מירי לעבן, היַינט שבת־קודש, אין דער שעה ביסטו פאַר מיר נאָך אַ מאָל געבוירן געוואָרן. אונדזער קינד ביסטו.

4

מרים איז געבליבן זיצן, ווי איינער, וואָס קלעטערט אויף אַ הויכן באַרג און אַז ער קומט אַרויף אויבן אַ פאַרסאָפּעטער, אַן איַינגעמידטער זעצט ער זיך אַוועק אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

עטלעכע מינוט האָט געדויערט ס׳שוויַיגן. יצחקי האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגערל אָן אַרויסרעדן אַ וואָרט.

— שפּעט, מר יצחקי, האַ? סליחה. געמוזט, געמוזט דערציילן דעם גאַנצן אמת, גאָרנישט פאַר איַיך פאַרהוילן.

— מעג איך אַצינד עפּעס פרעגן?

— בבקשה, מר יצחקי.

— דאָס איז דער סוף?

— ניין. דאָס איז נאָך נישט דער סוף.

— איך פאַרשטיי נישט. דו, מרים, ביסט דאָך אַ פרוי פון אַ מאַן, אַ מאַמע פון אַ קינד. ווען חתונה געהאַט, ווער איז דער מאַן?

— יאָ, אַ פרוי, אַ מאַמע פון אַ קינד. כ׳האָב ליב מיַין זונעלע מיטן גאַנצן האַרצן. ס׳איז נישט מיַין מאַנס קינד. מעג איך איַיך דערמאָנען, וואָס איר האָט מיר אַ מאָל געזאָגט, מר יצחקי?

— בבקשה.

— מענער האָבן חתונה פון מידקייט, מיידלעך — פון נייַגער.

— אמת, מסתּם האָב איך אַזוי געזאָגט, כ׳געדענק נישט.

— איך געדענק גוט אײַערע ווערטער. בײַ מיר, מר יצחקי, איז געשען פאַרקערט: איך האָב חתונה געהאַט פון מידקייט, אוי, מידקייט.

— ?

— דער טאַטע האָט געברענגט אַ יונגן־מאַן אין שטוב אַרײַן. אַ גערער חסיד. דאַוונט אין שטיבל ווי דער טאַטע. אַ שיינער מאַנספּאַרשוין. אַ געוועזענער ישיבה־בחור. אַ שטילער מענטש, אַ ווילער מענטש. ער מיינט, האָט די מאַמע געזאָגט, אַז ס׳איז אַ גוטער שידוך. חתונה געהאַט כּדת־וכּדין. גערעכט געווען מײַן טאַטע: אַ שטילער אָרנטלעכער מענטש. אַן איידעלער יונגער־מאַן. ס׳קאָן זײַן אויך אַ גרויסער לערנער. ער האָט ליב זײַן ווײַב, אָבער ער ווייסט נישט וועגן דעם קינד. אויך דער טאַטע טאָר נישט וויסן, חלילה. נאָך דאָס פעלט אים — אַ ממזר זאָל אים די טאָכטער ברענגען אין שטוב אַרײַן. ס׳קינד איז פון יענעם סטודענט.

זי לײַדט דערפון. שלאָפט נישט גאַנצע נעכט. און קראַנק איז זי, מסוכּן קראַנק. אויך די מאַמע איז קראַנק געוואָרן. אַוודאי שווער געווען איר איבערטראָגן דעם בזיון. אַ וואָך צוויי נאָך מרימס אַרײַנווײַזן זיך אין שטוב איז זי פּלוצעם קראַנק געוואָרן, אויפן דריטן טאָג אויסגעהויכט די נשמה, איר ליבטיקע נשמה עליה־השלום.

— איך וועל אויך נישט לאַנג אָנהאַלטן. איך וויל נישט מיטנע־מען דעם סוד מיט זיך אין קבר אַרײַן. גערעכט געווען מײַן טאַטע: „אַזוי פירט זיך נישט קיין ייִדישע טאָכטער״.

דער יונגער זקן

דער יונגער זקן

1

אין לײַכטן קלעפּל אין טיר, אויך װעדליק דער שעה — אַ זײגער דרײַ, האַלב פֿיר נאָך מיטאָג — האָט בנימין שקד, דער מאָלער, דערקענט: די גימנאַזיסטין. אַזױ הײסט זי בײַ אים, נינע, פֿון ערשטן טאָג װען זי האָט זיך אָפּגערופֿן אויף זײַן מודעה אין צײַטונג: „ס׳װערט געזוכט אַ פּלעגערין, אַ יונג מײדל אויף עטלעכע שעה אין טאָג, צװײ מאָל אין דער װאָך״. מיט אַ יאָר דרײַ צוריק איז עס געװען.

צװײ־דרײַ שעה אין טאָג — מאָנטיק און דאָנערשטיק — נעמט נינע אָפּ מירעלען פֿון קינדער־גאָרטן, ס׳לעצטע יאָר פֿון בית־ספֿר, פֿירט זי צו איר מאַמען, קלאַרען, זײַן געגעט װײַב, נאָך דעם — צו אים, און װידער צו דער מאַמען.

בנימין שקד איז אַ מאַן אָן אַ באַשטימטער עלטער, קאָן מען זאָגן. אין די װינטערדיקע טעג, רעגנס, טראָגט ער אַ שװערן טונקעלן מאַנטל, אַ היטל אָדער אַ בערעט, ברילן מיט געשליפֿענע גלעזער, װעלכע ער לאָזט נישט אַראָפּ פֿון די אויגן. אין אויטאָבוס, למשל, קאָן אויף דעם שלאַנקן מאַן מיטן ברונעט־פּנים, גראָע שלײפֿן, אַ גראָבלעכע געדיכטע װאָנצע, װאָס זעט אויס װי צוגעקלעפּט, חל זײַן דער „מפּני שׂיבה תּקום״.

זומער אין הײסע טעג, חמסינען — אין אַ לײַכט קאָליריק אויבערהעמדל איבער די הױזן, קורצע אַרבל, זונברילן איבער די געשליפֿענע גלעזער, װאָס פֿאַרשטעלן די אַשיק־בלױלעכע קישעלעך אונטער די אויגן, זעט ער אויס אַ סך יינגער. אַזאַ כּבוד פֿון אָפּטרעטן

ס׳אָרט פאַר אים דערוואָרט אים נישט. אויך זײַנע לאַנגע, האָריקע הענט, רירעוודיקע ווי פלינקע חיות, גיבן אים צו יונגקייט.

מ׳זעט אים ווייניק אין גאַס. זינט נינע איז איבערגעטראָטן די שוועל פון זײַן שטוב — נאָך ווייניקער. רוב שעהען אין מעת־לעת איז ער אין שטוב: אַ דאַר־דירהלע פון צוויי חדרים און אַ האַלבן חדר — זײַן אַטעליע, אַ שלאָפצימער און אַ „סאַלאָן״. אַ באַוווּסטער מאָלער, אַ האַלבער דזשענטלמען, אַ האַלבער באָהעם, זאָגט מען אויף אים.

אין שטוב טראָגט ער קורצע הויזן, אַ טונקעלע רובאַשקע אָדער מײַקע, אַ לענגלעך פאַרטעכל. שעהענווײַז שטייט ער בײַם „טיש״ — אַ ברעט אויף צוויי קאָזלעס, בײַ דער פּאַליטרע. אויף דער רובאַשקע, פאַרטעכל, הויזן — אַ מאָזאַיִק פון פינגער־ווישן. אַ ריח פון מאָלע־רישן קלאָפּערגעצײַג, פרישע פאַרבן, נישט־פאַרענדיקטע און פאַר־ענדיקטע בילדער הערט זיך פון דער אַטעליע.

די ערשטע צײַט איז נינען נישט געווען צום האַרצן די אומאָר־דענונג אין אַלע חדרים. די עטלעכע מינוט, וואָס זי האָט זיך געזאָמט אין שטוב ביזן צוריקפירן די קליינע צו איר מאַמען, האָט זי געשוויגן. בנימין האָט פון איר שווײַגן פאַרשטאַנען, אַז דער פּאַראַנדעק געפעלט איר נישט. האָט ער געפּרוּווט אויפקלערן, פאַרענטפערן זיך מיט שנעלע באַוועגונגען פון זײַנע לאַנגע הענט. פון גרויס צעטראָגנקייט פלעגן זײַנע הענט תוך כּדי דיבור זיך „פאַרטשעפּען״ בײַ איר גזשיווקעלע איבער די אויגן, מיט אַ גלעט איר איבערבעטן: „סליחה, מיידעלע״. אָנגעבויגן צו איר איז ער געשטאַנען, עלעהיי ער שטייט בײַם „טיש״ איבער דער פּאַליטרע, גערעדט מיט אַ שטים אַ סך אַ יינגערער ווי פון אַ מאַן אין זײַן עלטער.

צום אַרײַנברענגען מירעלען, אויך צום אַהיימפירן, תּמיד אַ באַשעפטיקטער, פלעגט ער אויסדרייען דעם קאָפּ פון איבערן „טיש״ צו איר, אין אײַלעניש בעטן זי זאָל צווואַרטן עטלעכע סעקונדעס ביז ער׳ט זיך גיין וואַשן די הענט, אַראָפּוואַרפן פון זיך ס׳פאַרטעכל.

און שוין איז מירעלע אין זײַנע אָרעמס, ער הייבט זי אויף צו זיך, באַדעקט זי מיט קושן. ער געפינט אויך צײַט בעטן נינען נישט אײַלן זיך, ער וויל מיט איר רעדן. אפשר אויך אַ קאַלטן טרונק, אַ טיי? אויך פאַר אים, ווער מען צוזאַמען טרינקען.

בנימין, דער תּמיד פאַרנומענער, דינאַמישער אַלטער יונגער־מאַן, האָט געזען אין נינעס אומגעדולדיקן אונטערשטיין, אפשר אויך צוליב איר אומווילִיקן הערן זײַנע רייד, אַז זי איז נישט אַנציקט פון זײַן אָנבאָט וואָס ער מאַכט אָפּט, שוין צו אָפּט. האָט ער פאַר־קירצט ס'אָנפרייען זיך מיטן קינד און, עלעהיי ער האָט גאָרנישט געזאָגט, צוריק אַרײַן אין אַטעליע. צו מירעלען, וואָס האָט געטור־פעט מיט די פיסעלעך צום אַראָפּלאָזן זי פון די הענט „איך וויל אַהיים", האָט ער געזאָגט:

— מירעלע, אויך דאָ איז דײַן היים.

ער האָט זייער ליב זײַן טעכטערל, בנימין שקד. זײַן מאַלערײַ און זײַן טעכטערל — דאָס האָט ער, מער גאָרנישט, הערט נינע פון אים איטלעכס מאָל. זי גלייבט אים. אַן אָרנטלעכער מענטש, דער דזשענטלמען און באַהעם. ער האָט ליב רעדן צו איר. זי לאָזט זיך דערציילן.

זײַן ערשט ווײַב, מאַרישאַ, ערגעץ אין סיביר געבליבן. אַ רוסישע, אַ סיביריאַטשקע, אַ דאָקטערשע פון פאַך. באַקענט זי אין דער פאַפּיר־פאַבריק ווו ער האָט געאַרבעט. אַן עלטער מיידל, אַ סימפּאַטישע. פאַרשריבן זיך אין „זאַגס". בעת דער רעפּאַטרי־אַציע נישט געוואָלט רירן זיך פון אָרט. זי בלײַבט, האָט זי געזאָגט. ער קאָן צוריקפאָרן פון וואַנען ער איז געקומען. „נישט אַצינד איז די צײַט וועגן דעם צו רעדן", כאַפּט ער זיך צוריק. אַגב, פון איר, נינען, ווייסט ער, אַז זי איז מיט אַ מאַמען. וואָס איז מיטן טאַטן?

פון איר טאַטן ווייסט זי גאָרנישט. דאָרט געבליבן, האָט זי געהערט פון דער מאַמען. בײַ היטלערן, ימח־שמו, געבליבן, ווען די מאַמע איז געווען מיט איר אין הויכע חדשים. סך־הכּל זײַנען זיי דאָ, זי און די מאַמע, קנאַפּע פופצן יאָר. די מאַמע אַרבעט

נישט. קרענקט אונטער, דאָקטערט זיך. מ׳לעבט פון סאָציאַלער שטיצע. דערפאַר איז זי באַשטאַנען אָננעמען די אַרבעט אויף עטלעכע שעה אין טאָג מטפל זײַן מיט מירעלען.

נינע האָט זיך צו ביסלעך צוגעוווינט צו זײַנע רייד ווי צו די אומנאַטירלעכע ריחות און צו דער אומאָרדענונג אין אַלע שטובן פון קליינעם דאַך־דירהלע. זי האָט אַפילו אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין אָנגעהויבן צוקוקן זיך צום לעבן פון בנימין שקד, דעם טיכטיקן מענטש, גרויסן מאָלער, געכאַפּט אַ מאָל אַ זײַטיקן קוק אויף אַ בילד, אַ פּאָרטרעט, באַוווּנדערט די רירעוודיקע לאַנגע הענט פון דעם סימפּאַטישן נישט יונגן מאַן. אַליין איז ער — חזרט ער זייער אָפט איבער. קלאַרע, זײַן צווייטע פרוי, צום דריטן יאָר נאָך דער חתונה — געגאַנגען. הײַנט זײַן ליבשאַפט צו מירעלען! ווען נינע ברענגט זי, כאַפּט ער דאָס מיידל אַרום, קושט זי, לאַכט צו איר, פרייט זיך מיט איר, איטלעכס מאָל — מתּנות.

אַ מאָלער, אַ באַרימטער קינסטלער, און אַזוי איינזאַם, זאָגט זי צו זיך, נינע. עס זאָל אַ מאָל אַרײַנוויַזן זיך אַ מענטש, אַ פּרײַנט, אַ חבר, אַ שכן, אַ קונה אויף אַ בילד. געוווּסט האָט זי פון אים וועגן אַ סך אויסשטעלונגען אין שטאָטישן מוזיי, אויך אין אַנדערע שטעט אין לאַנד, אויך אין אויסלאַנד. איין מאָל האָט ער פאַר איר געלייענט פון אַ צײַטונג אַן אַרטיקל, אַ רעצענזיע וועגן זײַנע מאָ־לערײַען. אויך פּרעמיעס באַקומען.

— אָבער צו פּרנסה האָט עס נישט, אדון בנימין, — האָט זי מיט באַדויער אין קול געזאָגט.

— נישקשה, נינע, — האָט ער מיט אַ ווייכער פאָטערלעכער שטימע געענטפערט, — מײַן מאַמע עליה־השלום האָט אויף דער שאלה פּרנסה געהאַט אַ גרייטן ענטפער: „איר זעט דאָך, מ׳שטאַרבט חלילה נישט פון הונגער״.

— און דמי מזונות, אַלימענטן? — האָט זי ניט אָפּגעלאָזט.

— פאַר אײַער נעגטער פרוי, מתּנות פאַר דער קליינער, אַ בגד,

אַ לעטשעלע פֿאַר מירעלען, אַליין איז מען אויך אַ מענטש. מײַן מאַמע זאָגט: „איין אויג דאַרף אויך שלאָפֿן״.

— אַ דאַנק דיר, נינאָטשקע, פֿאַרן אינטערעסירן זיך. זײַ נישט באַזאָרגט.

מאָדנע. אַ טאָפּל געפֿיל האָט נינע צו איר באָס בנימין שקד: פֿון איין זײַט באַוווּנדערט זי זײַנע מאָלערײַען, די אָפּרופֿן פֿון קינסטלערס, זאַמלערס וועגן דעם פּעיִקן, טאַלאַנטירטן מענטש. פֿון דער צווייטער זײַט — לײַדט זי נישט זײַנע אָפּטע, צו אָפּטע, „צופּעליקע״ באַרירן. ווו זי זאָל נישט שטיין אָדער זיצן, צוואָרטן ער זאָל זיך אָנפּרייען מיט מירעלען, וואָס טרעט פֿון אים נישט אָפּ, טרעפֿן זײַנע לאַנגע הענט צו איר גזשיווקעלע, צו אַן אָרעם, אויך אַנדערע בולטע ערטער. אַ גלעט אין פּנים, מיט אַ פֿינגער הייבט ער אונטער איר גאָמבקע. וואָס איז זי קעגן אים, סך־הכּל, די „גימנאַזיסטין״? שווײַגט זי.

אויך געפֿעלט איר נישט זײַן זײַטיק קוקעלע אויף איר, ווען ער שטייט אַ געבויגענער איבערן „טיש״. די טאַטעשע נאָענטקייט פֿון אַ פֿרעמדן מאַן ווערט מיט אַ מאָל פֿאַרוואַנדלט אין אַ נײַגער פֿון אַ מאָלער, עלעהיי ער קוקט אויף אַן אָנגעצויגענעם ווײַסן לײַוונט גרייט צו נעמען זיך צו דער פּאַליטרע. זײַנע נײַגעריקע אומרויִקע אויגן אונטער די גראָבע געשליפֿענע גלעזער וועקן אין איר אַ שרעק. אַ שרעקיקער ציטער לויפֿט דורך איבער איר לײַב, און אַ פֿרייד, אויך אַ שרעקיקע. ס׳ערשטע מאָל אין איר לעבן פֿילט זי אַזאַ פֿרייד. איין מאָל בעת אַ קורצן איבערשמועס האָט זיך בײַ איר, קעגן איר ווילן, אַרויסגעגליטשט פֿון מויל:

— אתּה אדם מקסים (איר זײַט אַ ווונדערלעכער מענטש), — און תּיכּף האָט זי חרטה געקראָגן.

אין אַ נאָכמיטאָג־שעה איז עס געווען, פֿאַרן אָפּפֿירן מירע־לען צוריק צו איר מאַמען.

— נינע, וואַרט אונטער עטלעכע סעקונדעס, אפֿשר מאַכן אַ

קאַפע? — פרעגט ער און שוין איז ער אַרויס פון אַטעליע, אַראָפּ־געצויגן ס׳פאַרטעכל, וואַשט זיך די הענט.

— איך טרינק נישט קיין קאַפע.

— זאָל זײַן אַ טיי, וועלן מיר בײדע טרינקען.

אין קלײנעם קיכל בײַ אַ טיש זענען זיי בײדע געזעסן בײַ צוויי גלעזער טיי.

— אפשר גרייטן אַ לײַכטן ביס, נינע? שוין שפּעטלעך, אַוודאי קיין מיטאָג נישט געגעסן.

— אַ דאַנק, אדון בני. איך בין נישט הונגעריק.

אַ שווײַגעניש. אַ זופּ, נאָך אַ זופּ. בנימין זופּט ווערטער:

— נינע, דײַן העל פּנימל האָט איצינד די מראה פון אַ ווײַס־בלויען הויך אויף אַ שלעגל ווײַנטרויבן.

— אַ באַרימטער מאָלער, און רעדן רעדט איר ווי אַ פּאָעט.

— און וואָס איז מאָלערײַ אויב ניט רעדן מיט פאַרבן, קאָלירן, ליניעס?

— אויב אַזוי קומט אײַך אַ טאָפּעלער דאַנק, בני.

— נישטאָ פאַר וואָס, נינאָטשקע.

— פאַר דער געשמאַקער טיי און פאַרן געשמאַקן לשון אײַערן.

עס ווײַלט מיך זייער.

זי האָט געשמייכלט.

זי איז אַזוי יונג און אַזוי שיין, זאָגט ער צו איר, און איר נישט וויסן, אַז זי איז שיין, מאַכט זי נאָך סימפּאַטישער אין זײַנע אויגן.

די קלײנע אין „סאַלאָן" האָט זיך אַ פּנים פאַרשפּילט מיט דער מתּנה — אַ ליאַלקע מיט רויטע בעקעלעך און בלויע אייגעלעך. מירעלע האָט זי געכאַפּט פון טאַטנס הענט און גלײַך אַנטלאָפן אויפן קאָזעטקעלע פרייען זיך מיט דער מציאה.

נינע, אַ סברא, האָט זיך אויך פאַרגעסן. אַ שמייכלענדיקע זיצט זי אויף אַ בענקל קעגן בנימינען. זי געפעלט אים, זאָגט איר אונטער אַ געדאַנק. אויב אַזוי איז זי דאָך **עפּעס**. זי געפעלט דעם עלטערן מאַן, דעם מאָלער. אַ טאַטע וואָלט ער דאָך איר געקענט זײַן. שוין

געווען אַ טאַטע דאָרט אין רוסלאַנד. אַ מיידעלע האָט אים די סיביריאַטשקע, זײַן פרוי, געבוירן, — האָט ער איר דערציילט. ס'צווייטע יאָר איז איר געוואָרן ווען ער האָט זיי בײדע פאַרלאָזט.

זײַן טעכטערל איז דאָרט געבליבן אָן אַ טאַטן. נינע האָט קיין טאַטן פאַר די אויגן נישט געזען. אויך איר בענקט זיך נאָך אַ טאַטן, אַ מאַן, אַ בעל־נסיון אין שטוב. אויך פאַר דער קראַנקער מאַמען וואָלט ער געווען אַ הילף. זי איז אַ שיין מיידל, זאָגט ער, בנימין, רעדט צו איר צו אַ דערוואַקסענער, פאַרשטאַנדיקער. אָבער נסיון? מיט נסיון ווערט מען נישט געבוירן. מען דאַרף אים דעראָ־בערן. אַ טעות, דעם גרעסטן טעות אין זײַן לעבן האָט ער געמאַכט, זאָגט ער, מיטן פאַרשרײַבן זיך מיט מאַרישאַ אין „זאַגס". ווער ווייסט וויפל טעותים זי וועט נאָך מאַכן ביז זי וועט דעראָבערן אַ ביסל נסיון.

זי געפעלט אים, דעם שלאַנקן עלטערן יונגן זקן. אויך ער געפעלט איר. אַ מאָל שטומט ער, בייזערט זיך. מאַכט עס אַזוי, זי זאָל נישט באַמערקן. אַ שטימונגמענטש. אייגנטלער, זענען אַזוי אַלע מאָלערס, קינסטלערס, האָט זי געהערט. אָבער זײַן גוטסקייט, זײַן פרײַנטלעכקייט? ווען ער צאָלט איר אויס די עטלעכע לירות פרעגט ער:

— האָסט גענוג, אפשר אַ הוספה?

זי זעט נישט, ער זאָל זײַן אַן עושר.

למען־האמת נייטיקט זי זיך אין כאָטש נאָך עטלעכע צענדליק פונט. די לימודים קאָסטן געלט. אויספלוגן מיט דער כיתה, ביכער, קאָיעטן און אַ בגד, אַ לעטשל. פון איר געהאַלט ברענגט זי כמעט גאָרנישט אַהיים. אָבער ווי קאָן זי, ווי מעג זי נעמען בײַ בנין אַ הוספה.

— ניין, אדון בני, אַ דאַנק.

— פאַר וואָס אַ דאַנק?

— פאַר אײַער גוט האַרץ.

— איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט נאָר שיין, ביסט אויך קלוג, נינע.

2

אַ טאָפּל געפיל לעבט זי איבער, נינע. אַ סימפּאַטישער מענטש, בני, פריַינטלעך צו איר, ממש — אַ טאַטע. און דאָך וועקט ער נײַגער ווי אַ פרעמדער, עלטערער מאַן. אַ נײַגער וואָס שרעקט. צוויי מאָל אין דער וואָך — מאָנטיק און דאָנערשטיק — טיי; צוויי גלעזער טיי בײַם קיכטישל שוין געוואָרן אַ געוווינטשאַפט. צי זי דאַרף יאָ, צי נישט, שעמט זי זיך אָפּצוזאָגן. און רייד, רייד... זײַנע יונגע כּוחות אַוועקגעגעבן, צעטרענצלט בײַ פאַרשיידענע אַרבעטן, נישט געענדיקט שטודירן. געהאָלפן זײַנע עלטערן צו דער פּרנסה. איינער אַליין געבליבן, איינער פון אַ שטאָט ייִדן. דאָ — אויך אַליין. שוין נישט קיין יונגער־מאַנטשיק. קלאַרע. ביידע שוין נישט קיין יונגע מענטשן. שפּעט חתונה געהאַט קלאַרע. מירעלע איז געבוירן געוואָרן. ער האָט ליב קינדער. ער האָט ליב **ליבע**. געליבט ווערן און נישט ליב האָבן איז אַן אָפּקומעניש. זוכט ער אַצינד ליבע. אַ סברא, אַז נישטאָ קיין אַנדער גליק ווי אינעם זוכן. אַ פראַנצייזישער פילאָסאָף האָט געזאָגט, אַז פון דער יוגנט היילט מען זיך קיין מאָל נישט אויס.

און זי האָט אים ליב צו הערן. טרינקט מיט די אויערן זײַן יעדן וואָרט. אַ סך מאָל העלפט ער זיך אַרויס מיט זײַנע לאַנגע, פלינקע הענט. אָט וואָס זי לײַדט נישט. פּנים־אל־פּנים זיצן זיי, נאָענט. מכּלומרשט פאַרגעסט ער, באַרירט מיט אַ האַנט איר קני, גיט אַ גלעט. זי שווײַגט, זוכט אַ וואָרט, כאַטש איין וואָרט, דערמאָנען אים, נישט מער ווי דערמאָנען, אַז זײַן האַנט איז אויף איר קני, און זי רוקט זיך העכער, העכער... זי וויל אים נישט באַליידיקן, אויפרעגן, ער קאָן בייז ווערן. זי וויל אים נישט זען קיין בייזן.

שמייכלט זי צו אים, שמייכלט פאַרלאָרן אים אין פּנים אַרײַן. ער זעט נישט. ער הערט נישט. דערמאָנט זי זיך אין מירעלען, וואָס האָט זיך אוודאי פאַרשפּילט מיט עפּעס:

— מירי! — גיט זי אַ געשריי.

די קליינע לויפט צו צו איר. נינע הייבט זיך אויף פון בענקל, לאָזט איבער די נישט דערטרונקענע גלאָז טיי און מיט מירעלען בײַם הענטל — אַרויס פון שטוב.

אין דרויסן, אויפן וועג צו קלאַרען, האָט נינע זיך דערמאָנט, אַז זי איז גרייט געווען אים זאָגן: „סליחה, אדון בנימין, איך אײַל זיך. אַ סך לעקציעס הײַנט, די מאַמע וואַרט אויף מיר".

ס'איז געווען דאַנערשטיק נאָך מיטאָג, היפּש שפּעטלער. קלאַרע קלערט זיכער איבער, אויך די מאַמע וויל זי מסתּמא זען אין שטוב. איר מאַמע. נינען טוט וויי אויף איר גוטסקייט, אויף איר שווערן לעבן טוט איר וויי. אויך זי גופא לײַדט.

אויפן וועג אַהיים פון בית־ספר שטעלן זיך אָפּ חבֿרה תּלמידים, תּלמידות בײַם ערשטן קיאָסק: אַ קאַלטן טרונק, אַ בייגעלע, אַן אײַזקרעם, אַ שטיקל עוגה, אַ נאַש, אַ סענדוויטש. זי גייט ווײַטער. וואָס וועט זי שטיין און גלאָצן מיט די אויגן, שלינגען די סלינע? צו מאָל פעלן איר די עטלעכע פּיאַסטערס אויף אַ העפט, אַ פעדער, אַ ביכל צו די לעקציעס. זי שעמט זיך איטלעכס מאָל בײַ אַן אַנדערער חבֿרטע באָרגן. אַז מען באָרגט דאַרף מען אויך אָפּגעבן.

זי האָט קיין מאָל דערוועגן מיט בנימינען נישט גערעדט. אָט דער האַלבער דזשענטלמען, האַלבער באַהעם וואָלט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן צו העלפן איר מיט „אַ הוספה", „אַ הלוואהלע". ער צאָלט איר רעגולער, יעדע וואָך, פאַר די צוויי מאָל. זי ווייסט, אַז אויך מיטן טשעפּע טאָן מיינט ער איר נישט קיין שלעכטס. ער איז נישט ווי אַנדערע מענער, וואָס אַלע מיינען זיי דאָס זעלבע. ערשט אַז זי האָט גוט באַטראַכט דעם ענין, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז זי טוט גוט: טאַקע דערפאַר וואָס ער איז נישט ווי אַלע, טאָר זי בײַ אים נישט בעטן קיין טובֿות.

די דריַי טעג ביז מאָנטיק האָט זי צײַט געהאַט גוט די זאַך איבערלייגן און באַשלאָסן ווי גאָרנישט איז געשען, וויַיזן זיך ביַי בנימינען מיט מירעלען. מער ווי ס׳מטפל זיַין מיט מירעלען דאַרף זי דאָך ס׳געלט. מיט איר פאַרדינסט, טראָץ אַלע הוצאות, העלפט זי דער מאַמען אין דער באַלעבאַטישקייט.

מאָנטיק. לויטן ליַיכטן קלעפּל אין טיר האָט בנימין געוווּסט: די גימנאַזיסטין.

— שלום, אדון בני.

— שלום ילדונת.

— זיַיט איר בייז אויף מיר?

— ניין. ביסט דאָך דאָ.

נינע שמייכלט. דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. פאַרשעמטע בליקן. זי בליַיבט שטיין ביַי דער טיר.

— נו, קום נענטער, אַבי דו שמייכלסט.

— זיַיט איר נישט בייז אויף מיר? — חזרט זי איבער.

— ניין. נישט בייז. ביסט דאָך געקומען נעמען מירעלען, נישט?

למען האמת איז ער נישט זיכער געווען צי זי וועט צוריקקומען. שטאַרק באַזאָרגט, מבולבל געווען. נישט געוווּסט וואָס הייבט מען אָן צו טאָן. אַ געדאַנק איז אים נישט איין מאָל דורכגעלאָפן: אפשר נישט באַדאַרפט אָנהייבן מיט דער גימנאַזיסטין. נישט פאַר אים — אין זיַין עלטער, אין זיַין מעמד. עס איז אַ קליין אָרט, אַ קליין לאַנד. אַלע קאָנען אַלע, ווייסן וואָס ביַי יענעם טוט זיך. היַינט די חברים, קאָלעגן. אייגנטלעך, וועגן חברים, קאָלעגן האָט ער זיַין טעאָריע. ערגעץ אין אַ ווינקל פון דער נשמה פון יעדן מענטש, מאַן, פרוי, אַלט, יונג, איז דאָ אַ קליינער דזשונגל. געדאַנקען, געפילן, אָנונגען לויפן אום, שפּרינגען ווי מאַלפּעלעך אויף צוויַיגן, פון צוויַיג אויף צוויַיג, פון בוים אויף בוים, זוכן שפּיַיז, שלאָגן זיך איבער אַ בעסערן ביסן, ממיתן זיך. מאָרגן ווי נעכטן וועט מען ווידער האַלטן זיך צוזאַמען, חברן זיך. אָט די ווילדעניש אין מענטש, די אור־אורנעכ־

טיקע מאַלפּע האָט אַ סך מאָל די אויבערהאַנט איבערן ציוווילי־זירטן האָמאָ סאַפּיענס.

*

עטלעכע וואָכן איז בני אין די מאַנטיקס און דאַנערשטיקס, צום ברענגען און אָפּנעמען מירעלען, נישט אַרויס פון דער אַטעליע. אַ געבויגענער איבערן „טיש״, אַ נערוועז־קאָנצענטריטער האָט ער דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן איבער דער פּאַליטרע. אויף הינטער־וויַלעכס גערעדט צו נינען. מירעלען צוגערופן צו זיך, זי געכאַפּט אויף די הענט, געפּרייט זיך מיט איר.

נינע שמייכלט איר חנעוודיק, קלוג שמייכעלע. זי שמייכלט און אין איר האַרץ, נשמה — אַ פּאַרדראָס. ס׳פּאַרדריסט איר אויף זיך אַליין. נישט באַדאַרפט אַנטלויפן אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן. די גליַיכס־טע זאַך וואָלט אַצינד געווען מיט בנימינען אַ רעד טאָן, בעטן סליחה. זי האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו בנין אין אַטעליע, געפרעגט:

— מאַכן אַ טיי, אדון בני? אפשר אַ קאַלטן טרונק?

— שטער דיך נישט, נינע, פיר צוריק מירעלען, דאַרפסט אַוודאי זיַין אין דער היים.

אָנגעבויגן צו איר איז ער געשטאַנען אָן אויפהייבן צו איר די אויגן, גליַיך נישט זי נאָר ער האָט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. אַזוי נאָענט איז זי פון אים געשטאַנען. ס׳שטילע פרעגן „אַ טיי, אפשר אַ קאַלטן טרונק?״ ווי זי וואָלט אַ שטייגער וועלן זיך איבערבעטן, האָט אַ ריר געטאָן אין אים אַ סטרונקעלע. אַן אַלט לידל פון דער אַלטער היים מיט אַ ניגונדל איז אים אויפן זינען געקומען:

„און לאַנג האָט זיך ס׳סטרונקעלע געצויגן, געצויגן
און ס׳סטרונקעלע האָט זיך איבערגעריסן, איבערגעריסן.״

ווער האָט ס׳סטרונקעלע געצויגן? ער, דער אַלטער יונגער־מאַן, צי זי, די גימנאַזיסטין, ס׳מיידלקינד?

ער איז איר מוחל, מוחל, — האָט ער צו זיך געזאָגט. אַ חרטה־געפיל, אַ פּאַרדראָס אויף זיך געהאַט: נישט באַדאַרפט פּאַרדרייען אַ קאָפּ איר, דער תּמימותדיקער נינען. בנימין שקד, אַלטער נאַר, זאָגט ער צו זיך, אַ טאַטע פון אַן אַכטיאָריק מיידעלע. יענע, אין רוסלאַנד, אויב זי לעבט, דאַרף זײַן אין נינעס יאָרן. מיט יעדן טאָג פון מירעלעס וואַקסן ווערט ער עלטער. ער איז נישט צום טעם פון דער גימנאַזיסטין, נינע, די מאַרגנפרוי, אַ האַלבע יתומה, אַ סאַברע. ער איז אַ דאַרטיקער. הינטער אים — אַן אָפּגעברענטע, אויסגערויבערטע וועלט. אַליין איז ער דאָ. וווהין פירט די אַליינקייט? אַרײַנלאָזן זיך אַצינד אין אַ ליבע־אַוואַנטורע?

ער הייבט אויף די אויגן. וואָס שטייט זי נאָך דאָ, לעבן אים. מ׳דאַרף מירעלען צוריקפירן. און זי, נינע, אַוודאי נאָך קיין מיטאָג נישט געגעסן. אָוונט. אַלע לאָמפּן אין אַלע חדרים ברענען. נינעס העל פּנימל כאַפּט אַצינד די מראה פון אַן אַבאַזשור, בעת פון אינעווייניק שלאָגט אַרויס אַ העל־בלויע ליכטיקייט.

סאַברע זיסע, טערפּקע, קום נענטער, איך וויל דיר געבן אַ קוש, — האָט זיך אים שיער נישט פאַרוואָלט אַ זאָג טאָן. און געזאָגט האָט ער:

— אַ דאַנק, נינע, נעם פיר אַהיים מירעלען.

— מירעלע, ווו איז מירעלע? — האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי פון חלום. אַ נאַרישער חלום אויף דער וואָר. אַזוי שיין איז אונטערגעוואַקסן זײַן מירעלע. זי שטייט לעבן אים און ער האָט זי נישט געזען. ס׳פּנימל — ברונעט, פון דעם טאַטן, פון דער מאַמען — די העלע הערעלער. אַ העלקייט, וואָס דערמאָנט אים אין בלאָנדן קאָפּ האָר פון מאַרישאַ. מיטן קורצן שיקסעוואַטן נעזעלע איז מירעלע געראָטן צו זיך אַליין.

ווינטשט ער זיך מירעלע זאָל שיין אויסוואַקסן, ענדיקן גימנאַזיע, אפשר אוניווערסיטעט, באַקענען אַ לײַטישן, אינטעליגענטן בחור. נישט עפּעס אַ יונגן זקן, אַ מאָלער, אַ באָהעם, וואָס יאָגט

זיך נאָך אַ פאַרלאָרענער וועלט, נעכטיקע טעג, זוכט אַזוינס וואָס איז נישט בנמצא און מאַכט מבולבל אַ יונג שיין תמימותדיק מיידל.

3

די עטלעכע טעג וואָס נינע איז נישט געווען האָט ער נישט קיין צײַט געהאַט פאַר זיך עפּעס צו טאָן. אַ סך אַרבעט וואַרט אויף אים אין דער אַטעליע. און אָט שטייט ער ווידער אַ געבויגענער איבערן „טיש". הייסע טעג. די ערשטע טעג אין אלול און די היצן האַלטן נאָך אָן. אַ דושנע לופט אין דרויסן. דורכן פאַרמאַכטן פענצטער זעט ער דעם קופּער־געלן הימל. אַ ביימל פון קעגנאיבער־דיקן טראָטואַר שטייט ווי פאַרגליווערט. אַ צווײַג, בלעטל טוט זיך קיין ריר נישט, ווי אויף אַ גאָבעלען. מאָרגן קלערט ער צוכאַפּן זיך צום ים. אָפּפרישן זיך, אויסגלײַכן דעם רוקן, אײַנאָטעמען אַ ביסל פרישע לופט. בעת דער אַרבעט פילט ער נישט די מידקייט, פאַרגעסט זיך. ווי נאָר ער לייגט אַוועק דעם פּענדזל, די גריפלעס, נעמט זיך וואַשן ס׳פּנים, באַפאַלט אים אַ ווילן צולייגן זיך, אָפּרוען. אויף די נעכט זענען אומרויִקע. ער שלאָפט שלעכט. ליגט מיט פאַר־מאַכטע אויגן און קיין שלאָף נעמט אים נישט. אַ חמסין אין קאָפּ. תמיד, דאַכט זיך אים, פאַרגעסן דאָ און דאָרט נאָך אַ שמיר טאָן, קירצן אַ ליניע, רעטושירן אַ ווינקל. ער מוז עס תיקף טאָן. קוים ווערט ער דערשלאָפן — לויפט אַלץ אַרויס פון קאָפּ זינקט אין דער שיכחה. שוין איז ער אַראָפּ פון בעט, טוט וואָס מ׳דאַרף. פאַרגעסט ווי שפּעט ס׳איז, פאַרגעסט ווו ער האַלט אין דער וועלט. ס׳פעלט נאָר אַ קריי פון אַ האָן זאָל אים דערמאָנען, אַז די נאַכט עקט זיך. אַגב, מיט עטלעכע טעג צוריק האָט נינע זיך געקלאָגט פאַר אים. געוואָלט זיך צוכאַפּן צום ים. ים קאָסט געלט. מ׳דאַרף אויף האָבן צײַט. זי האָט ביידע נישט. לעקציעס. אין שטוב דאַרף מען אויך עפּעס טאָן. אַ קראַנקע מאַמע.

אַן אויפגעהײַטערטער פון לעצטן מאָל, מיט היפּשע עטלעכע וואָכן צוריק, פון נינעס אָנבאָט גרייטן פאַר אים אַ טיי, אַ קאַלטן טרונק, האָט בנימין ווי פאַרגעסן אין אַלץ וואָס צווישן אים און איר איז געשען. אַ זייגער פינף, האַלב זעקס, צום אַהיימגיין מיט מירעלען, איז ער שוין געווען אַרויס פון דער אַטעליע, אָנעם פאַר־טעכל, אַרומגעוואַשן, געגרייט אַרומכאַפּן מירעלען, אויסקושן איר ס׳פּנימל, די הענטעלעך. נינע שטייט בײַ דער טיר, מירעלע — לעבן איר. בנימין בייגט זיך אַראָפּ צו דער קליינער, נעמט זי אַרום בעת זײַן קאָפּ איז אויסגעדרייט צו נינעס פּנים איבער מירעלען. פּנים־אל־פּנים, גיבן זיך זײַנע ליפּן אַ צי צונויף אויף אַ קוש טאָן מכּלומרשט מירעלען. אָבער נינע זעט, אַז ער מיינט זי אַ קוש טאָן. זי פּילט דעם הייסן אָטעם פון זײַן מויל, ליפּן קעגן ליפּן. אַ קליין פּאַסיקל לופט טיילט זיי אָפּ. נינע האָט פּלוצעם אַ ריס געטאָן זיך פון אָרט, געלאָזט דעם טאָטן מיט דער קליינער, געעפנט די טיר און — נישט געוואָרן.

אַ דערשטוינטער, אַ פּריטשמעליעטער איז ער שטיין געבליבן. מאָנטיק. אָוונט. מירעלע דאַרף אָצינד זײַן מיט דער מאַמען. און מאָרגן, איבערמאָרגן און ווײַטער? וועט זי דאָס מאָל צוריקקומען? זי האָט, דאַכט זיך, חרטה געהאַט אויפן ערשטן מאָל אַנטלויפן. געבעטן סליחה. סך־הכּל איז ער איר נישט פרעמד. העבער דרײַ יאָר. „אתּה אדם מקסים״. זי האָט אים ליב צו הערן. און ער האָט איר אָפן און ברמז נישט איין מאָל דערקלערט: נישט קיין שׂמחת בשׂרים זוכט ער בײַ פרויען. פאַרקערט: דערהייבן ס׳ערדישע צו הימלישער מדרגה, מיינט ער. ליבע איז דער טיפער זין פון לעבן, ס׳איז די מעטאַפיזישע פרייד פון גאָט אַליין צוגעטיילט דעם בן־אדם און אוודאי דעם קינסטלער, דעם בלאָנדזשענדיקן גרויסן קינד, גאָטס קינד אין זײַן עקשנותדיקן זוכן זײַן תּיקון אין דער בריאה. ער פאַרראָט קיינעם נישט. אַ געגטער מאָן איז ער. נישט וועגן אינטימע באַציִונגען טראַכט ער. נישטאָ בײַ אים קיין מחשבה כּמעשׂה. ריין ווי איר נשמה, ווי די טרער פון אַ קינד זענען זײַנע כּוונות.

צו מאָרגנס איז זײַן פּוס אין דער אַטעליע אַ גאַנצן טאָג נישט געווען. האָט ער צײַט געהאַט רויִק אַ טראַכט טאָן: אפשר פילט זי זיך נישט גוט, קראַנק? קאָן מען דאָך אַ קלונג טאָן. ער האָט דאָך אַ ברירה צו זוכן אַן אַנדערע אויף איר אָרט. ער וועט טאַקע אָנקלינגען צו נינען, האָט ער אויפן דריטן טאָג באַשלאָסן.

בײַם ערשטן קלונג איז קיינער אין שטוב נישט געווען. דעם זעלבן טאָג, אין אָוונט, האָט ער נאָך אַ מאָל געקלונגען.

— ווער רעדט? וועמען דאַרפט איר? — האָט זיך געהערט אַן עלטערע פרויען־שטימע.

— צו נינען דאַרף איך, בנימין שקד.

— אָ, אדון שקד, איך בין איר מאַמע.

— זייער אָנגענעם. פאַר וואָס קומט זי נישט, נינע?

— וואָסי, זי קומט נישט צו דער אַרבעט?

— ניין. שוין דעם דריטן טאָג. אפשר נישט געזונט?

— ניין, חלילה. איך ווייס גאָרנישט דערפון, אדון שקד. אַ גרויסער וווּנדער מיר.

— מיר אויך.

— גאָרנישט געזאָגט. אַ קנאַפּע ריידערין איז זי, מײַן טעכטערל. נישט אַלץ דערציילט מען אַ מאַמען.

— אַ וויל מיידל, נינע. כ׳וואָלט וועלן מיט איר איבעררעדן.

— אַדרבא. פאַר וואָס נישט, כ׳מיין...

ער נייטיקט זיך אין איר, רײַסט ער זי איבער אין מיטן, ער האָט דערווײַל נישט קיין אַנדערע. ער וויל נינע זאָל ממשיך זײַן. עס קומט איר אויך בײַ אים עטלעכע פונט. אפשר אַ הוספה, אַ הלוואהלע? ער איז גרייט איר צו העלפן מיט הוצאות אין אוניווערסיטעט.

נינעס מאַמע האָט נאָך לאַנג אַרײַנגערעדט אין טרײַבל: אַ פּקודה וואָלט אפשר פאַר נינען גלײַכער געווען. אָבער זי וויל גיין אין אוניווערסיטעט. זי ווייסט נישט וואָס זי וויל, אדון שקד. הײַנ־

טיקע קינדער. דערוויַיל האָט זי באַקומען אַ רופּצעטל אין צבא. כ'בין פאַרצווייפלט. וואָס וועל איך טאָן אָן איר?

— איך מוז איבעררײַסן, גברת, איך האָב נישט קיין צײַט, זײַט מוחל.

ער האָט נאָר געבעטן נישט פאַרגעסן צו זאָגן נינען, זי זאָל אַרויפקומען.

אויפן פערטן טאָג, אַ דאָנערשטיק, האָט נינע זיך אַרײַנגעוויזן. אָן אַ וואָרט אַרויסרעדן געבליבן שטיין בײַ דער טיר. דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, אַ פאַרשעמט פאַרשולדיקט שמייכעלע אויף איר פּנים. אויף בנימינס „שלום, נינע" האָט זי געענטפערט:

— שלום, אדון בנימין.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנטזייגערל. שוין צײַט צו ברענגען מירעלען, זאָגט ער איר.

— זאָל איך גיין ברענגען?

— וואָס פאַר אַ פראַגע? וואָס ביסטו געקומען?

— פרעגן צי האָט איר נישט קיין אַנדערע אויף מײַן אָרט.

— אַ שאָד די צײַט, נינע, גיי און קום. צוויי טעג נישט געזען מירעלען.

— מאַך איך אײַך צרות, אדון בנימין?

— נישט איצט איז די צײַט צו רעדן דערפון.

— זענט איר נישט בייז אויף מיר?

— ניין. נישט בייז. זייער שיין פון דײַן זײַט וואָס ביסט געקומען. אַוועק אָן אַ פאַרוואָס.

— **אָן אַ פאַרוואָס?**

אין אַ פאַרלעגנהייט שטייט בנימין קעגן איר. וויל זי אַרײַנבעטן אין „סאַלאָן" אָדער אין אַטעליע פון וואַנען ער איז נאָר וואָס אַרויס. איר צעצוויגענער „אָן אַ פאַרוואָס?" האָט אים פריטשמעליעט. נישט איר טבע אַזוי צו רעדן. און סאַר אַ טאָן! כאילו ער איז שולדיק, נישט זי, מיטן איבערלאָזן אים גאַנצע פיר טעג אָן אַ וואָרט, אָן אַ קלונג. די עטלעכע טעג געמוזט ברענגען ס'קינד פון בית־ספר

צו דער מאַמען, צו זיך און ווידער צו דער מאַמען. ס'איז פּאָלג מיך אַ גאַנג. אין אַטעליע זיך נישט אַרײַנגעוויזן. זי ווייסט גאַנץ גוט, נינע, וואָס דאָס באַטײַט פאַר אים. און נאָ דיר: „אָן אַ פאַרוואָס?"...

צו לאַנג געשוויגן אַ פּנים. ווידער הערט ער איר קול נישט נאָכלאָזנדיק פון טאָן:

— איר האָט גערעדט מיט מײַן מאַמען, אדון בנימין?

— יאָ, נינע. גערעדט מיט דײַן מאַמען. צוויי מאָל געקלונגען. קיינער איז נישט געווען אין שטוב. איז צו וואָס שטיין בײַ דער טיר, קום נענטער אָדער גיי שנעלער, שוין שפּעט.

— אָט גיי איך, אדון בנימין. כ'וואָלט נאָר וועלן פריער עפּעס פרעגן.

— בבקשה, פרעג.

— מײַן מאַמען האָט איר געזאָגט: „אַ הוספה, אַ הלוואהלע?" גרייט העלפן מיט אוניווערסיטעט־הוצאות. מה פּתאום? ווילט איר מיך קויפן? בין איך אַ חפץ, אַ זאַך צו פאַרקויפן בין איך? אַ טעות, סליחה, אדון בנימין.

דאָס שוועבעלע

דאָס שוועבעלע

דער דײַטש האָט פֿארשפּילט. די רוסן זענען אַרויס. פּאָליאַקן זענען דאָ. קיין רעגירונג איז נישטאָ. באַנדעס ווילדעווען. מ'שנײַדט בערד מיט שטיקער פּנים. בהלה.

אַ פֿרימאָרגן־שעה פֿון שבת.

אַ הויף. אַן איינציקמערדיקע דאַך־דירה. עטלעכע טרעפּלעך אַרויף איבער דער סוטערינע — אַ קליינע בעקערײַ מיט אַ טשערין אויף צוואַנציק ברויטן. הינטער אַ פֿאַרריגלטער טיר — אַ משפּחה זאַלבע צענט. אַט הערן זיך געהוילן, צעיאָכמעטע געשרייען אין דרויסן. האַרטע קולות דונערן:

— כלעב, כלעבאַ דאַווײַ! (ברויט, גיב ברויט!)

דער טאַטע, אין הוילן העמד און הויזן, כאַפּט זיך אַראָפּ דער ערשטער, היפּערט איבער די עטלעכע טרעפּלעך.

דרײַ זענען זיי. זעקס פּאָר אויגן שפּיזן שטעכן דורך דעם נישט הויכן, יאַדערדיקן ייִד מיט אַ יאַרמלקע אויפֿן קאָפּ. האַלב נאַקעטע אָרעמס — באַאָדערטע, ווי אָנגעצויגענע שטריק, די הענט — גרויסע, האָרעפּאַשנע. קעגן אים — דרײַ שטומע, פֿאַרשלאָסענע, פֿאַרמעקטע פּרצופֿים. איינער — מיט צעפּלאָשעטע האָר, בלאָנדע, קוטשערעוואַטע. דער צווייטער — אין אַ באַראַשקענער פּאַפּאַכע. דער דריטער — אין אַ מיליטערישן פֿירשפּיציקן היטל מיט אַ בלעכענעם אָדלער אויף אַ צעקנייטשטער דענקע. הויכע, געזונטע, אויסגעפּרייגטע געשטאַלטן. נאָענט פֿון דער טיר שטייען זיי. איינער לאָזט אַרויס אַ הילכיקן געוווי:

— כלעבאַ דאַווײַ, זשיד!

— שאַבעס סעוואָדניאַ, (הײַנט איז שבת) — קלינגען פאַר־ציטערט צוויי ווערטער.

געציילטע סעקונדעס האַלט אָן דאָס שווײַגן. אַ טראַסק פון אַ באַשטיוולטן פוס, און די טיר פון דער קליינער בעקערײַ איז אַ צעפּראַלטע. אינעווייניק איז טונקל. אַ שוואַכער פּאַס ליכט פונעם זוניקן זומערדיקן פרימאָרגן דעקט אָפּ דורך דער טיר־עפענונג אַ ליידיקע דייזשע, ליידיקע פאַרמעליקטע ברויט־פּאָליציעס, אַ טיש פון רויען האָלץ, אַ האַלב זעקל מעל, אָנגעהאַקטע העלצער און שפּענער לעבן באַקאויוון, וואָס איז ווי אַן אָפן אָנצייניק מויל.

*

מיטן אָנקום פון ערשטן פון די דרײַ שטערן מוצאי־שבת, אין אַ לויפיקן געגיי אַראָפּ אין דער סוטערינע, גרייט זיך דער טאַטע אָנצינדן אַ שוועבעלע און שוין שטייט ער אַ געבויגענער, מיט דער קאָטשערע און לאָפּעטע, מיטן פּנים צום אויוון.

אַלע אינדערפרי מיטן בלוי פון טאָג גיט דער אויוון אַרויס אַ געבעקל ברויטן. נאָך דעם — ווייצענע פּלעצלעך מיט מאָן און אַ ציבעלקעלע, וואָס דער מאַמעס קליינע קנאָכיקע הענט שנײַדן, בראָקן נאָכן אַרויסנעמען זיי פונעם אויוון. זי גיט איבער יעדן פּלעצל אַ שמיר מיט אַ צעשלאָגענעם אייל־געלעכצל, זיי זאָלן כאַפּן דעם גלאַנץ.

איטלעכן דאָנערשטיק אין האַלבער נאַכט קומט זי אַראָפּ, די מאַמע, אין אַ פאַרטעכל איבער אַ געבלימטן שלאָפראָק, אַ טשיפּיק אויפן קאָפּ און העלפט פלעכטן קוילעטשן. מיטן זעלבן שמירעכץ פון צעשלאָגענעם אייל־געלעכצל גיט זי אַ וויש די אויפגעגאַנגענע פולינקע בעקעלעך פון די קוילעטשן און חלות אַזש זיי שײַנען אויף מיט אַ גלאַנץ עלעהיי פון אונטער פּאַליטור.

פרײַטיק אין דער פרי טראָגט דער בעקעריונג, דעם טאַטנס געהילף, ס׳געבעקס אין האַלב־פולע קוישן אין געוועלבל נאָענט פון מאַרק.

אַ געראַטענע פאַרקויפערין איז די מאַמע. מיטן בלוי פון טאָג קומט זי עפענען ס׳געוועלבל, מיטן בלוי פון פאַרנאַכט גייט זי אַהיים.

צען נפשות. אַכט קינדער־„שוואַלבן״ קאַרמעט דער אויוון.

✶

אומגעדולד האָט אָנגעצונדן די בייזע יוכע אויף די דריַ אָפּגע־מעקטע פּרצופים. ווידער אַ געהויל:

— לייג זיך, זשיד, אויפן טיש!

און שוין אַ פּאַטש און אַ שווישטש פון אַ פאַרהויבענער נאַ־הייקע רייַסט אויף די שטילקייט אין דער קליינער האַלב־פינצטערער בעקערייַ.

די מאַמע האָט פון דעם טאַטנס נישט צוריקקומען און פון ווילדן געהויל לענגער אין בעט נישט געקענט איַינליגן. אין איין העמד מיטן טשיפּיק אויפן קאָפּ איז זי אין אייַלעניש אַראָפּ די עטלעכע טרעפּלעך. אַט שטייט זי, אַ געבויגענע, אַ געבראָכענע, און ווײַ צו אירע אויגן, וואָס זעען: אַ פאַרהייבן זיך פון דער נאַהייַקע איבערן רוקן, האַלדז און נאַקן פון איר מאַן. ס׳העמד אויף אים צעריסן. שווערע אַנגסטיקע שווייסטראָפּנס קייַקלען זיך פון שטערן אויפן פּנים, האַלדז, אויפן צעבראָסטעטן נאַסלעך־האָריקן ברוסטקאַסטן. בלויע אויפגעלאָפענע סיניאַקעס באַדעקן די פּלייצע ביז אַראָפּ די לענדן. פאַרפראַצעוועטע הענט קלאַמערן זיך בייַ די עקן טיש. קיין קרעכצל, קיין „אוי״ פון מויל, פון די פאַרשטשעמעטע, פאַרביסענע ליפּן.

— פּאַנאָוויע, וואָס ווילט איר פון אים? — בעט זיך די ווייַ־נענדיקע מאַמע.

— שווייַג, זשידאָווקאַ!

בייַ יעדן שמיץ ציטערט אויף ס׳לייַב מיט אַ דריגע, הייבט זיך און נידערט אין אַ שווייַגן, וואָס צערייַסט דאָס האַרץ.

— פּאַנאָוויע... — וויל דאָס וויינענדיקע קול בעטן רחמים, אָבער ס׳קול פון דעם שמייַסער דונערט העכער:

— צייל, זשידאָווקאַ, צייל די שמיץ ביז פינף און צוואַנציק.

אין דער הייך, איבער דער בעקעריַ פּלאַצן אַרויס אין אַ יאָמער־געזאַנג קינדישע געוויינען. דער געליאַרעם וועקט אויף די שכנים פון הויף, אויך פון אַרום הויף, פון דער גאַס.

— פּאַנאָוויע, — לאָזט נישט אָפּ די מאַמע, — מי סטאַרע זאַקאָנע פון משהס גלויבן, שאַבעס סעוואָדניאַ. (מיר פּאַלגן דאָס געזעץ פון משהס גלויבן, היַינט איז שבת.)

טויבע אויערן, פאַרמעקטע פּנימער. פינצטערע פיַיערלעך אין די רוצחישע אויגן.

די צוויי צוקוקערס העלפן ציילן פינף און צוואַנציק שמיץ, און דער געפּיַיניקטער ייִד שוויַיגט.

אַז באַוועג מיט די ליפּן הייבט ער זיך אויף, גליַיכט אויס דעם צעבײַטשטן, צעקאַטעוועטן רוקן, אַ צעפּאַסעוועטן פון רויטלעך־בלויע בלוטיקע סיניאַקעס, און שטייט קעגן זיי אַן אומגעוואַקלטער.

די מאַמע ריַיסט זיך ס׳פּנים, ס׳מויל, וויל אַ פּנים עפּעס זאָגן, די ליפּן ציטערן, באַוועגן זיך ווי ליפּן פון אַ פיש אויף דער טריקעניש. זי נעמט נישט אַראָפּ די אויגן פון דעם טאַטן. און ער שטומט, דער טאַטע. אין זיַינע אויגן — נקמה־פיַיערלעך. און אָט הערט זיך זיַין קול, ס׳קול פון איר מאַן:

— וויין נישט, ייִדענע, בין איך אַ ייִד צי נישט?

עמעצער פון דרויסן איז געלאָפן צום שטאָט־רב ר׳ פּנחסל. נישט לאַנג דויערט און אָט שטייט דער רב אויף דער שוועל פון דער בעקעריַ. אַ דראָבנע ייִדל אין אַ לאַנגער זשופּיצע, אַרומגעגאַרטלט. אַ שטריַימל אויפן קאָפּ. אַ לענגלער־צעקעמט צוויישפּיציק גראָ בערדל. אַן אויסרעדן אַ וואָרט מאַכט ער געציילטע טריט, זיַיטלער־ווינקלדיק דערוויַיטערט זיך פון די דריַי גוייִם, גייט צו צום געשמיסענעם, קוים וואָס ער לאָזט הערן זיַין שטים:

— אברהם־שלום, איך בין אויף דיר גוזר זאָלסט נעמען אַ שוועבעלע, אָנצינדן פיַיער און אונטערהייצן דעם אויוון.

דער טאַטע שוויַיגט. עמעצער האָט אים אַריַינגעלייגט אַ פּודעלע

שוועבעלעך אין די הענט. מיט ציטערדיקע פינגער נעמט ער אַרויס אַ שוועבעלע, מיט איין רײַב העלט אויף אַ לענגלעך־צעצויגן פלע־מעלע. ערשט איצט זעט זיך בולט ס׳בלוט־שנירעלע — פון מויל ביז אַראָפּ דער גאָמבע. און אָט פאַרקרימט זיך דעם טאַטנס מויל אין אַ געוויין־גרימאַסע. אַ הויך כליפּעדיק געוויין פון אַ בערדיקן מאַן צעטראָגט זיך איבערן קליינעם בעקערישן סוטערינעלע.

איינער פון די גזלנים לאָזט אַרויס אַ געהויל:

— קוק אים אָן, דעם זשיד, דעם גיבור! פינף און צוואַנציק שמיץ באַקומען און געשטומט, קיין פּיפּס נישט אַרויסגעלאָזט. אָנ־געצונדן אַ נאַריש שוועבעלע, האָט ער זיך צעוויינט ווי אַ קינד!

✶

אין שולעכל, ווו אברהם־שלום האָט געדאַווענט, האָט מען נאָך דעם לאַנג־לאַנג גערעדט, גערעדט און געגאַפט. אַ חידוש אויף דעם פּשוטן ייִד, דעם מטופל מיט אַכט קינדער. נישט תּמיד, האָט מען געוווּסט דערציילן, האָט ער צײַט געהאַט אין אַ פּראָסטן וואָכע־דיקן טאָג, אין דער פרי, אין סאַמע מיטן ראַנעק אַרײַנכאַפּן זיך אויף שחרית. מיט רבנישן יִחוס קען ער אַוודאי זיך נישט באַרי־מען. זײַן טאַטע — אַ שנײַדער, אַ פאַדריגע איז געגאַנגען איבער דערפער, געלאַטעט, געניצעוועט, געשטוקעוועט, גאַנצע דערפער באַנייט. „בעסער ערלעך איידער פרום" — האָט שׂרה, זײַן ווײַב, געזאָגט.

עסייען

דוד בערגעלסאָן

דוד בערגעלסאָן

מיט פרייד, מיט קאָלעקטיווער פרייד וואָלט באַדאַרפט דער־מאָנט ווערן דער דאָזיקער נאָמען. איז אָבער די פרייד, ווי יעדער ייִדישער שׂמחה, געמישט מיט אַ טרער — אַ קאָלעקטיווער טרער.

דער נאָמען פון גרויסן פּראָזאַיקער דערמאָנט אין נאָך אַ דאַטע — 1952 : דעם טרויעריק־טראַגישן אומקום, אומברענגען פון אַ גאַנצער פּלעיאַדע שרײַבערס, דיכטערס, דראַמאַטורגן, קולטור־שעפערס; שעפערס פון אַ ליטעראַטור אַ לעבעדיקער, אַ צאַפּלדי־קער, וואָס איז צוזאַמען מיט די קינסטלערס אויסגעקוילעט געוואָרן.

בערגעלסאָן איז אַ רינג אין דער קייט פון די עלטערע ייִדישע פּראָזאַיקערס. אַ מיטגייער, אַ פּאָרויסגייער און מער פון אַלץ — אַליינגייער, אויב ס׳האַנדלט זיך אין סטיל, אין מעטאָד.

פאַר בערגעלסאָנען, ווי פאַר זײַנע מיטצײַטלערס — ש. אַש, אָפּאַטאָשו, ווײַסנבערג, דער נסתּר — איז ליטעראַטור געווען געזעל־שאַפטלעכע ווירקונג, דערפילונג פון סאָציאַלע פליכטן און נישט נאָר מעדיום פון קינסטלערישן אויסדרוק. זי איז פאַר אים געווען דער וועג צום ייִד אין מענטש און מענטש אין ייִד.

בערגעלסאָן — אַ ווײַטערדיקער רינג אין דער קייט פון די קלאַסיקערס — מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם — מיטן פאַרטיפן זיך אין דער נשמה פון יחיד, מיטן גריבלען זיך אין זײַן אינעווייי־ניקסטן לעבן. און פון יחיד צום רבים, צו דער סביבה, זייער פּריוואַט לעבן, זייערע פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען; זייער גלויבן, אַז ערגעץ ווו איז דאָ אַ פּונקט, וווּ רויער אינסטינקט קומט אין באַרירונג מיטן אמת פון מענטש. מעג דער אמת זײַן טיף באַהאַלטן, פאַרשטעקט אונטער די סאַמע נידעריקסטע שיכטן פון אונטערבאַוווּסטזײַן.

בערגעלסאָנס פאַרשוינען וואָרצלען אין דער ייִדישער געשיכ־טע, אין דער טראַדיציע, אין רעליגיעזן לעבן. בערגעלסאָן איז אַנדערש פון אַש אין זײַן אידיליש־שבתדיקן „שטעטל״, „מערי״, „דער וועג צו זיך״, „קידוש השם״; אַנדערש פון זײַן פאַרגייער נאָמבערג מיט זײַנע „פליגלמאַנס״; אַנדערש פון מענדלען, שלום־עליכמען מיט זײַן קאָנצענטרירן זיך און אַוועקשטעלן אייניקע, איינציקע טיפּן, פּראָטאָטיפּן, כאַראַקטעריסטישע פאַרן ייִדישן שטיי־גער לעבן און סאָציאַל־נאַציאָנאַלע, אידעיִש־געזעלשאַפטלעכע ענדערונגען לטוב ולרע פון אָנהייב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט ביז און נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע (מיר וועלן צו דער טעמע זיך נאָך אומקערן). ער איז דער דיכטער פון מאָטיוו, אידעע אין זייער טיפער וואַריִרונג און ניואַנסירונג. שוין אָפּגערעדט פון מעטאָד, סטיל, שפּראַך און קינסטלערישער קוואַליטעט.

מיט אָט דער אַנדערשקייט — אפשר אַ דאַנק איר — איז ער דער וויכטיקסטער און וואָגיקסטער רעפּרעזענטאַטיווער פאַרשטייער פון דער ייִדישער דערציילונג, פון ראָמאַן, פון דער דראַמע ביז דער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. וואָלט ער אַוודאי אַרײַנגעוואָקסן, צעוואָקסן זיך ווי אַ דעמב ביזן ערשטן פערטל פון דער צווייטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

זײַן פּראָזע, ווי די פּראָזע און דיכטונג פון די קלאַסיקערס, וואָרצלט אין דער חסידישער מעשׂה און אין דער אויפקלערערישער, משׂכּיליש־קינסטלערישער דערציילונג פון אַלגעמיין ייִדישן פאָלקס־כאַראַקטער.

חסידישע מעשׂה פון בעל־פּה ביז — בעל־פּען... חסידישע מעשׂיות, וואָס אַ סך פון זיי האָבן פּאָעטיש־פּסיכאָלאָגישע עלע־מענטן. די פּען בלאָזט אַרײַן אין זיי קינסטלעריש לעבן, אינדיווי־דועלן סטיל און סטיליזיר־קונסט.

בערגעלסאָן איז אפשר דער אַממייִנסטן סוביעקטיווער דער־ציילער מיט זײַנע כאַראַקטער־שילדערונגען, מיט אַרויסברענגען אָביעקטיוו שטיקער לעבן, סביבה און דערבײַ אַליין מכּלומרשט

שטיין אין דער זײַט. וואָס ווײַטער ער שטעלט זיך פון אָביעקט — אַלץ נענטער, בעסער זעט ער אים.

בערגעלסאָנען איז באַשערט געווען צו שלעפּן דעם וואָגן פון ייִדישער פּראָזע אין איר באַרגאַרויף מיט אַלע אירע באַגלייט־דערשײַנונגען: געזעלשאַפטלעכער פּראָגרעס, פּאָליטישע רעאַקציע, רדיפות, פּאָגראָמען, פאַרשפּילטע (1905) און געווונענע רעוואָ־לוציעס, ווי ייִדיש לעבן האָט זיך כּסדר געענדערט און געפּאַרעמט. בערגעלסאָנס מענטשן ווערן אונדז נאָענט מיט זייערע ספקות און גריבלענישן, מיט זייער געפיל־לעבן, וואָס שפּאַרט אַרויס פון אַלע אונטער־ און אייבער־שאָלעכצן. זיי געפעלן אונדז מיט זייער סטאַ־טישן אומרו, מיט זייער אינערלעכער דינאַמישקייט און דראַמאַ־טישקייט — לאו דווקא אין דער האַנדלונג.

בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען" איז נישט קיין אינטעליגענטע און האַלב־אינטעליגענטישע, סתּמיקע געפילעכצן, בענקענישן. די לופט מיט וועלכער עס אָטעמען זײַנע מענטשן, דער טאָן און די עכאָס פון זייערע געדאַנקען זענען ווי די געקנייטשטע אויבערפלאַך פון אַ ים: הינטער דער אויבערפלאַך, דער אַזוי גערופענער רויִקייט ברויזט לעבנסווילן, נשמה־פערמענט; יחידישער רעוואָלט, וואָס וועקט אַ רבים צו אַקטיווער זוכעניש פון יענעם עפּעס, וואָס איז די נחלה פון יעדן בן־אָדם.

בערגעלסאָן, ווי ס'רוב ייִדישע שרײַבערס, איז געקומען פון קליינעם שטעטל: טראַדיציאָנעל־ייִדישער חינוך, חדר, ישיבה.

ערשט נאָכן באַקענען זיך מיט דער אייראָפּעיִשער ליטעראַ־טור האָט ער, ווי מ'זאָגט הציץ ונפגע — און מיט אייגענע קינסט־לערישע כּוחות אויסגעברייטערט טעמאַטיש די תּחומים און די שעפערישע האָריזאָנטן.

אין יענער צײַט האָט אָנגעהויבן אימפּולסירן אַ נײַער הומאַ־ניזם. פון די ערשטע, וואָס האָבן דאָס אויפגעכאַפּט אין דער רוסי־שער ליטעראַטור, איז געווען שאָלאָכאָוו מיט זײַן „שטילן דאָן". אויף דער ייִדישער גאַס איז צווישן אַנדערע געווען בערגעלסאָן.

בערגעלסאָן איז מושפּע געווען פון דער רוסישער (און נישט נאָר רוסישער) ליטעראַטור: טורגעניעוון, קאָנסטאַנטין פּאַוסטאָווס־קין, טאָלסטויען, באַזונדער פון זײַנע „סעוואַסטאָפּאָלער דערציי־לונגען", און — טשעכאָוון. און פון דער אייראָפּעיִשער ליטעראַ־טור — מאָפּאַסאַנען (מען קאָן זאָגן פראַנצייזישער טשעכאָוו אָדער טשעכאָוו — דער רוסישער מאָפּאַסאַן), פלאָבערן און אפשר מער פון נאָרוועגישן קנוט האַמסון, דעם מחבר פון „די ברכה פון דער ערד" „וויקטאָריאַ", „פּאַן".

אַט דער לעצטער און זײַן השפּעה מערקט זיך אַמבולטסטן אין בערגעלסאָנס סטיל אין די ערשטע אָנהייביאָרן פון זײַן שאַפן. בערגעלסאָן דער מושפּע האָט מיט זײַן ווײַטערדיקן, ווי געזאָגט, אויסגעברייטערטן שאַפן משפּיע געווען אויף אַנדערע און געבליבן אויסעראָרדנטלעך אייגנדיק, אַן עקזאָטישע פלאַנץ אין גאָרטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אין „אַרום וואָקזאַל" איז דער העלד נאָך צו מאָל אַ קאָלעק־טיווער, שוין מער אינדיווידועל איז ער אין „נאָך אַלעמען", „פּע־נעק" (וועגן וועלכן מ'וואָלט באַדאַרפט באַזונדער רעדן), „בײַם דניעפּער", ווי אויך אין די קורצע דערציילונגען, „דער טויבער". כּמעט אַלע זענען טרויעריק־פּעסימיסטיש, אָבער נישט פּאַריאושט. זיי זענען טיף מענטשלעך און מיט אַ סך סימפּאַטיע און וואַרעמקייט געשילדערט.

דערמיט איז ער אַ באַנײַער אין דער כּלל־טראַדיציע פון דער ייִדישער ליטעראַטור: ער איז סאָציאַל און נאַציאָנאַל.

מיט דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע כאַראַקטערן, נשמה־צעריסנקייטן, טראַכטענישן און קיין מאָל נישט דערטראַכטן ביזן סוף — הויערט איבער אַלע אַן אחדות און אַ געמיט־צושטאַנד.

הײַנט זײַן לשון, די אינערלעכע בילדערישקייט, סטיל־קאָמ־פּאַקטקייט, דינע איראָניע און אַן אָנשאָטן פון הומאָר, זײַן פּאָעטי־שער ליריזם.

בערגעלסאָנען איז באַשערט געווען — אַז ווי צו אַזאַ באַ־

שערטקייט — איבערצולעבן און איבערשטאַרבן דעם לעצטן חורבן: זײַן אַ לעבעדיקער עדות פֿון ייִדיש לעבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד אין דער מעטאַמאָרפֿאָזע אויף אַלע געביטן פֿון לעבן: האָפֿענונגען און ביטערע אַנטוישונגען.

ווי אַזוי האָט זיך די דאָזיקע פּראָבלעמאַטיק אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע ווערק, בעיקר אין דער תּקופֿה פֿון נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און נאָכן חורבן?

בערגעלסאָנס סטיל איז אייגן און איינציק. זײַן טאַלאַנט — כאָטש פֿאַרנעפּלט פֿון זײַן נאָך אַלעמען־ליכט — איז מיט באַזונדערער שײַן אויפֿגעגאַנגען אויפֿן ייִדישן ליטעראַרישן הימל ווײַט איבער און אַריבער די גרענעצן פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. ווי אַ דעמב אַ פֿאַרצווײַגטער זיך צעוואָקסן, אַרײַנגעוואָקסן אין ייִדישן לעבן; וואָרצלט אין לופטיקן באָדן אויך מעבר לים, ווו ייִדישע ליטעראַטור איז דערגאַנגען — לויט ב. ריווקינס טעאָריע — צו אַ ליטעראַטור־טעריטאָריע.

בערגעלסאָן איז אויך איינער פֿון די קליגסטע און אינטעליגענטע שרײַבערס. אַוודאי זענען חכמה, אינטעלעקט, געוווּנטשענע עלעמענטן אין שאַפֿן.

אין דער העברעיִשער ליטעראַטור־פֿאַרשונג איז פֿאַראַן, ווי עס איז אָנגעגעבן פֿון ליטעראַטור־היסטאָריקער א. פּאָדריאַדטשיק, אַ שקלאַ וטריאַ צי דעם העברעיִשן וואַריאַנט פֿונעם ראָמאַן „נאָך אַלעמען", וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין דעם אָדעסער זשורנאַל „העולם" (11, 1913), האָט געשאַפֿן בערגעלסאָן אַליין, אָדער עס איז פֿון עמעצן איבערגעזעצט געוואָרן. אָבער לויט דער פֿאָרשונג איז כּמעט באַשטעטיקט געוואָרן, אַז דער ראָמאַן לויטן טיטל „כּכלות הכּל" איז דורך בערגעלסאָנען גופֿא געשריבן געוואָרן.

בערגעלסאָן האָט קינסטלערישן באַוווּסטזײַן, איז דער מײַסטער פֿון געמיט־לאַנדשאַפֿט. ער שטייט, ווי געזאָגט, פֿון דער ווײַטנס, קוקט מיט אַ זײַטיק־קלוגן קוקעלע: באַלכסוניק, אָבער אַ דורכנעמיקער, אַרומנעמיקער קוק. ער שטעכט זיך אַרײַן אין פֿלייש פֿון

דער שילדערונג, פון געשען, ווי אַן איינשפריץ־נאָדעלע — ס׳טוט ווייַ, אָבער היילט.

ער איז געגליכן צו אַ גוטן שווימער, וואָס שטייט, דאַכט זיך, לענגער ווי מ׳דאַרף און שפיגלט זיך אין וואַסער, און אַז ער מאַכט אַ נורקע — לאָזט ער זיך וויַיט און טיף אין ים; ים פון לעבן — ייִדיש־חסידיש, סוחריש־נגידיש: אַרענדאַרן, מיל־אייגנטימערס, מעקלערס, וואַלד־דזשערזשאַוניקעס; בני־תורה און ווויל געלערנ־טע, ייִדישע ייִדן, לערערס, אינטעליגענטן און, ווי ער זאָגט — אויסגעאיידלטע עם־הארצים.

מע טרעפט בייַ אים ווייניק נאַטור־שילדערונג. בערגעלסאָן שילדערט די נאַטור פון מענטש.

פאַראַן פּראָזאַיִקערס, אַפילו באַדייַטנדיקע, וואָס זעען קודם כּל די וועלט, אין דער וועלט — דעם מענטש. בערגעלסאָן זעט קודם כּל דעם מענטש און אין אים — די וועלט. זייַן וועלט. דאָס איז זייַן עיקר. פון עיקר — צו דער סביבה, צו דער צייַט אין קולטור־היסטאָרישן אייביק־מענטשלעכן זין.

ער איז ווייניק פּלאַסטיש — אין קעגנזאַץ צו ש. אַשן מיט זייַן מאַלפּענדזל. בעת אין אַשס שטעטל איז אַלץ שיין, און אַ חן ליגט אויף אַלץ אויסגעגאָסן — יאָגט אַן בערגעלסאָנס לאַנדשאַפט אַן אומעטיקע בענקעניש. אַן אומעט באַלויכטן מיט אַ דעמערשייַן, אַ מין אינערלעכע ליכטיקייט.

אַנדערש פילן מיר, שפּירן מיר בערגעלסאָנען אין זייַן שאַפן אויפן פאַן פון ייִדישן לעבן נאָכן אָקטאָבער.

די סיבות פון אָט דער אַנדערשקייט זענען אונדז אַלעמען באַקאַנט. אויף אייניקע וועלן מיר זיך אָצינד אָפּשטעלן.

אַפילו מען זאָל אָננעמען, אַז דוד בערגעלסאָן האָט באמונה שלמה געגלייבט, דיכטעריש אויפגענומען און געוואָלט אַרויסברענ־גען די נייַע סאָוועטישע ווירקלעכקייט אין איר פּסיכאָ־עקאָנאָמי־שער מעטאַמאָרפאָזע און גיין אויפן דינעם שטריק פון „סאָציאַ־

ליסטישן רעאַליזם״ — איז עס אים קינסטלעריש נישט געלונגען, ווײַל עכטע קינסטלערס קאָנען פון זיך נישט אַוועק.

נײַ־געשטאַלטונג מיט ייִדישער אינטערפּרעטאַציע, אַלט־נײַער ייִדישער נוסח; סאָציאַליסטישער בוי און איבערבוי; שינוי, אַזוי צו זאָגן, פון ייִדישער פּסיכיק לויטן באַקאַנטן זאָג: „שרײַבערס דאַרפן זײַן די אינזשינערן פון דער מענטשלעכער נשמה״ — האָט זיך נישט נאָר נישט אָנגעטאָן ווי אַ כּישוף־רייף אויפן לייענער, נײַערט דאָס פאַלשע כּישוף־וואָרט האָט זיך געטיילט, אָפּגעטאָן פון תּוכן און געפעלשט דעם טאָן. און דער טאָן — מאַכט דאָך די מוזיק...

נישט געגנוג, אַ פּנים, שפּראַך־אינסטרומענט און קינסטלער־סובלימאַציע צו קאָנען ספּראַווען זיך מיט אַ נײַער רעאַליע, וואָס האָט זיך צום דיכטער, שרײַבער גופא נישט געקלעפּט, פרעמד געווען זײַן גײַסטיק־פּסיכישער וועלט, ייִד־ און מענטש־באַנעם.

אין יענע יאָרן האָט מען זיך וויניקער — און נישט אָן כּוונה — אָפּגעשטעלט אויף דער ליטעראַריש־קינסטלערישער ווערט פון שאַ־פן. באַזונדערס אויף דער ייִדישער גאַס, אין דער דיכטונג, אין פּראָזע, וואָס זייער קינסטלערישע ירושה האָט באַדאַרפט פאַרקער־פערן די העכסטע דערגרייכונגען פון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור און די רומפולע טראַדיציע פון דער קלאַסישער, אייראָ־פּעיִשער ליטעראַטור פון נײַנצנטן יאָרהונדערט.

וואָס מער און וואָס נענטער די טעמאַטיק איז געהאַלטן געוואָרן אין די גרענעצן פון דער מדינה, אין וועלכער די ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן, אַלץ מער האָט זי זיך דערווײַטערט — טעמאַטיש און קינסטלעריש — פון דער פאַר־רעוואָלוציע־ליטעראַטור, פון אירע שטרעבונגען און שטרעמונגען.

בערגעלסאָן איז, אמת, פאַרויסגעגאַנגען, געשאַפן, אָבער אַן אַנדער גאַנג איז דאָס געווען. אַן אַנדער הילוך.

אין דער דערציילונג „אַ פרומע פּרוצה״ האָבן מיר אַ קו פון דאָרף, וואָס גייט פאַרלוירן. מען געפינט זי אָפּ. דער צער פון פאַר־לוירן־גיין, די פרייד פון אָפּגעפינען, איז נישט קיין צער און נישט

קיין פרייד, ווײַל, ווי האָבן געזאָגט אונדזערע מאַמעס: — ניע מוי קאָן, ניע מוי וואָז...

דאָס פעלד, די קו, די באַלעבאַטישקייט — אַלץ איז דעם שרײַבער פרעמד, פרעמד צום געמיט פון לייענער. ס'איז נישטאָ קיין קינסטלערישע איבערלעבונג. ס'קומט נישט פון אינעווייניק. ס'קומט פון אויבן.

ווי קאָן אַ קינסטלער, אַ שרײַבער זיך אידענטיפיצירן מיט אַזאַ רעאַליע: דינען מיט זײַן פען אַ באַשטימטן אידעיִשן לאַגער אין אַנבליק פון אַזוי פיל קאַטאַרגע־לאַגערן.

נישטאָ דאָ די אָפּגאַנגישע וואַרעמקייט פון מירעלע און מלך; נישטאָ די דין־ניואַנסירנדיקע מײַסטערישע רעאַליזאַציע פון קינסט־לערישן וואָרט, פון דער פראַזע, וואָס איז אַזוי אייגנטימלעך פאַר בערגעלסאָנען, דער מוח־עלעמענט דער בערגעלסאָנישער איז דאָ נישט פאַרווייבט און באַהאַרצט מיט ליריזם, מיט איראָניע, מיט קלוגן צערפולן שמייכעלע ווי אין „בײַם דניעפּער״, ווי אין „נאָך אַלע־מען״, „יוסף שור״. נישטאָ דער כּוח פון פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם, וואָס נאָך פּרצן איז בערגעלסאָן פון די ווייניקע אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אויך אויפן געביט פון ליבע: די עלטסטע און תּמיד יונגע, אייביק־מענטשלעכע טעמע, וואָס האָט אין דער בעלעטריסטיק פון די אומות העולם פאַרכאַפּט דעם אויבנאָן, וואָס האָט זינט פּרצן — נישט אַרײַנרעכענענדיק אײַזיק מאיר דיק, שמר, און די שונדראָמאַ־נען — פאַרשעמט און באַהנט זיך געזומען אַרײַנוויזן אין ייִדישן ראָמאַן, אין דער דערציילונג, האָט ערשט אין בערגעלסאָנס „נאָך אַלעמען״ און אין אַנדערע דערציילונגען געפונען פולן אויסדרוק. אים דינט דערצו זײַן פּקחותדיקער, פּסיכאָלאָגישער אַרײַנבליק, זײַן קילער אָטעם, וואָס „אָביעקטיוויזירט״ די אומגעזעטיקטע לײַדנ־שאַפט פון מלכן צו מירעלען.

די ליבע, כאָטש אָן איינזײַטיקע, צווישן אים און איר איז אַן אָפּפרישנדיקע, אַ פאַרגעשריטענע. ער הייבט אויף דעם פאַרהאַנג.

פון הינטער דעם פֿאָרהאַנג עפֿנט זיך אַ פֿענצטער אין דער וועלט אַרײַן.

בערגעלסאָן האָט די ענגשאַפֿט און בענקשאַפֿט פֿון דער ייִדישער גאַס געמאַכט גרויסשטאַטיש און וועלטלעך.

אויך דאָ מערקט זיך די השפּעה פֿון מאַפּאַסאַן, זאָלאַ און דעם אויטאָר פֿון „מאַדאַם באָוואַרי" — פֿלאָבער. פֿון דער פֿראַנצייזי־שער, אויך פֿון דער רוסישער ליטעראַטור. בערגעלסאָן האָט זיך דאָך, קאָן מען זאָגן, דערצויגן אויף דער רוסישער ליטעראַטור.

*

שפּראַך פֿון אַ פֿאָלק איז אַ סך מער, ווי אַ שלל ווערטער און ווערטער־קלאַנגען. שפּראַך איז אויסדרוק פֿון אַ פֿאָלקס־נשמה. וואָרט איז געפּרעסטע אידעע, געדאַנק. ווערטער וואָרצלען ערגעץ, האַקט מען אויס די וואָרצלען — פֿאַלן די ווערטער.

וועלן מיר אילוסטרירן דאָס דאָזיקע מיט עטלעכע קליינע ציטאַ־טן פֿון דרײַ בערגעלסאָנס דערציילונגען פֿון די יאָרן 1945—1935: „אַ צענרובלדיקער", „גראָד זי" „אַן עדות". דערציילונגען אויפֿן פֿאָן פֿון סאָוועטישן לעבן, דאָרף, קאָלכאָז. די געשטאַלטן זענען געטרײַ געשלידערט. בערגעלסאָנס וואָרט־אינסטרומענט שפּילט. אָבער האָסט דעם אײַנדרוק, אַז ער שפּילט אויף אַ פֿרעמדער חתונה... ס'איז יאָ און נישט דער בערגעלסאָנישער גאַנג. די אַזוי כאַראַקטעריסטישע פֿאַר אים אַטמאָספֿער. און אַז איר ווילט, איז עס — וואָרט־אָרנאַמענטיק, דעקאָראַציע. די בילדער, די מענטשן רעדן נישט צו דיר. דו הערסט דעם דיכטער, אָבער די ווערטער האָבן נישט קיין אָפּקלאַנג.

אַגב, האָבן מיר אין דער דערציילונג „אַן עדות" עטלעכע — איידל געערדט — אומראַיעלע אויסדרוקן אויפֿן אַדרעס פֿון איינ־ציקן שוחט אין סאָוועטיש־ייִדישן דאָרף: אַ שׂריד, אַן איבערבלײַב פֿון דער ייִדיש־טראַדיציאָנעלער וועלט, פֿון וואַנען בערגעלסאָן

איז אייגנטלעך אַרויסגעוואַקסן, און אירע פּירעכצן, אויף וועלכע דער סאָוועטישער רעזשים האָלט אַן אויג און דער שרײַבער דאַרף העלפן עוקר־מן־השורש זײַן.

דאָס גלײַכן — גאָר נישט קיין געהויבענע ווערטער אויף די יום־טובים — ראָש־השנה, יום־כּיפּור און טאָקע אויפן ייִדישן גאָט, ייִדישע מנהגים, מינהגים און פּאַראַנדקעס.

בערגעלסאָן פּרוּווט מיט אַלע קינסטלערישע כּוחות — און ער איז געווען געבענטשט מיט זיי — דינען דער סאָוועטישער אידעע פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם אַפילו ווען דאָס מיינט, ווי מ'זאָגט, אונטערשנײַדן דעם בוים אויף וועלכן ער זיצט.

דאָ האָט בערגעלסאָן געמאַכט אַ „נורקע" אין דעם מוטנעם, אַזוי גערופענעם, „נײַעם" שטראָם, אין וועלכן כּמעט אַלע ייִדישע שרײַבערס זענען על־כּרחו געשווומען...

ווײַל ס'איז שווער, למשל, פון אַזאַ טיפּ, ווי אַ שטייגער יחזקאל נאָמבינער פון שלום אַש, צי פון תּהילים־ייִד, פון שלום־עליכמס אָדער אברהם רייזענס אָרעמע־לײַט, וואָס דערהייבן זיך נשמה־יתירהדיק און יִסורימדיק בײַ שבתדיקע טישן, מאַכן קאָלכאָזניקעס, ייִדישע מושבניקעס אויף רוסישער ערד.

דאָס עלעגיש־טרויעריקע, דאָס קלוגע באַלכסונישע קוקעלע בערגעלסאָנס וואַרפט אָן אַן אמתן טרויער: יאָ, וועקט — אַ מיט־געפיל צום קינסטלער.

*

בערגעלסאָן סימפּאַטיזירט נישט צו פיל מיט זײַנע העלדן. בכלל איז זײַן אַזוי גערופענע „אומליבע" די צווייטע זײַט פון דער מטבע ליבשאַפט. אַזוי, אַ שטייגער, ווי ס'בייזערן זיך פון מענדעלע מוכר ספרים, וואָס האָט טיף אין האַרץ אַזוי ליב געהאַט די ייִדן.

דווקא בײַם שילדערן די סאָוועטישע ייִדן באַמיט זיך בערגעל־סאָן זײַן פּראָנטאַלער אין זײַן סימפּאַטיע צו די מענטשן. עס געלינגט

אים אָבער ווייניקער, מחמת די „סימפּאַטיע״ איז די צווייטע זייַט פון דער מטבע פון זייַן אומליבע צום סאָוועטישן רעזשים.

בערגעלסאָן איז צו גרויס, צו ברייט און פאַרצווייַגט זייַן שעפערישקייט, צו קאָמפּליצירט אין זייַנע גריבלענישן, זוכענישן, אין די גריבלענישן און זוכענישן פון זייַנע העלדן, מען זאָל קענען אויסשעפּן אין אַן אַרטיקל זייַן ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערט־קייט.

זענען דאָס בלויז אייניקע, ווייניקע פּראָבקעלער, מוסטערן פון אַ גרויס, צענטראַל געשטאַלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

דוד האָפּשטיין

דוד האָפּשטיין דער ליריקער

געלייענט אויפן אָוונט בײַם באַקומען די פּרעמיע אויפן נאָמען פון דוד האָפּשטיין

1

אַ סך איז וועגן דוד האָפּשטיינען געשריבן און געזאָגט געוואָרן פון קאַפּאַציטעטן, ליטעראַטור־קריטיקערס, מבינים. ווייניק האָבן זיך אַרויסגעזאָגט, אַז דוד האָפּשטיין דער דיכטער און מענטש חד הוא. אַ זעלטענע זאַך אַזאַ זיווג, בפרט דאָרטן אין לעגענדאַרן לאַנד פון יוסף דזשוגאַשווילי, ווו נישט נאָר פּיזישע לײַדן, יסורים זענען געווען די מנת חלקו פון יעדן שעפּערישן — באַזונדערס ייִדישן — שרײַבער, קינסטלער; אין יענעם „גן־עדן", אין אַן אַטמאָספער, וואָס פאַרסמט די לופט בין אדם לחברו, חברשאַפט, ליבשאַפט, ווו איידער מען האָט אַרעסטירט, דערפירט צו פיזישן מאָרד, האָט מען אַרעסטירט די נשמה.

דוד האָפּשטיינס לידערוועלט, זײַן ליריק איז אַ פאַרביקע אָרקעסטראַציע פון אַ שלל טענער, איידעלע, דממה־דקהדיקע און שטאַרקע, קרעפטיקע, פול מיט עמאָציע און ענערגיע פון אַ שעפּערישן, שפּרודלדיקן דיכטער, אַ דיכטער פון קלאַסישן קאַליבער, אַ שעפּערישע נאַטור אין כמות און אין איכות אויף אַ קאַנווע, אַ צײַטאָפּשניט פון פאַרן אָקטאָבער, בעת דער רעוואָלוציע און עטלעכע צענדליק יאָר נאָך איר, ביז סטאַלינס אײַזערנע מאַכט האָט פאַרצויגן דעם שטריק איבער זײַן האַלדז. דאָס איז אַ שאַפונג פון ברייטע, טיפע האָריזאָנטן, אַרויסגעבערענגט ליריש, איכיש מיט אַ לאַנגן נאַטירלעכן אָטעם. אַ שאַפונג, וואָס צייכנט זיך אויס מיט

אַ מוזיקאַלישן אויער, מיט פערזן זאַפטיקע, פּליסיקע. אַסאָנאַנסן — זינפולע, אָרגאַנישע, געדאַנקען — בילדערישע. אַ שירה, וואָס האָט געשפּראָצט און זיך צעוואַקסן מיט יונגער גרינקייט פון לעבן.

איציק קיפּניס האָט וועגן אים צווישן אַנדערן געזאָגט:

„האָפּשטיין איז אַ פּילזײַטיק לויכטנדער דימענט אין דער קרוין פון דער ייִדישער דיכטונג. ער האָט ווי אַנדערע ייִדישע, און נישט נאָר ייִדישע, שרײַבערס אויפריכטיק געגלייבט, אַז ס׳ווערט געבוירן אַ נייע גערעכטע וועלט, אַז פאַרן ייִדישן פאָלק, וואָס ער האָט ליב געהאַט בלב־ונפש קומט אָן אַ סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויפלעבונג". און איך גיב צו: דוד האָפּשטיין איז דער דיכטער פון געלײַטערט מוזיקאַלישן וואָרט, סײַ עכט פאָלקסטימלעך אין בעסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, סײַ ערדיש־ליריש ווי אַ מענטש מיט אַ פּאָעטישן זינלעכן טעמפּעראַמענט. אויפברויז און בענקשאַפט האָבן געריזלט אין זײַן וועזן. זײַנע פערזן אין אַלע פאָרמען — פרײַע און פיר־שורהדיקע, קאָנדענסירטע, דינאַמיש־באַוועגלעכע און מעלאָנכאָליש־פאַרבענקטע — שלאָגן אָן אַ טאָן צווישן וויזיע און רעאַליע, חלום אוןווירקלעכקייט, נאָסטאַלגיע און האָפענונג. האָפּשטיינס פּאָעטיק איז דער ווינט, וואָס פאַרלעשט אַ קליין פײַערל, אַ ליכטל און קאָן צעבלאָזן אַ שטאַרקן פײַער. אַזוי אין די אָנהייב־יאָרן, ווי אַ יונגער מענטש אין דער יונגער אויפקומענדיקער סאָוועטישער מדינה, אין די יאָרן 1922—1928, און אַזוי שפּעטער, נאָך שווערע אינערלעכע געראַנגלען מיט זיך אויפן טרויעריק באַקאַנטן באָדן פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט, אַזוי אין די ערבֿ־ און נאָך־מלחמה־יאָרן, אין דער צײַט פון טראַגישן אומקום פון זײַן היים, זײַן פאָלק אונטער די מערדערישע הענט פון דער היטלעריאַדע.

זײַן האַרץ, דאָס מענטשלעך־לײַדנדיקע האַרץ פון פּאָעט איז צעריסן געוואָרן פון ווייטיק, טאָפּעלן ווייטיק — פון אַ מענטש און פון אַ דיכטער.

ווי פּאַראַדאָקסאַל עס זאָל נישט קלינגען, האָט האָפּשטיינס ליד מיט איר טראַגישער צעזונגענקייט דערמאָנט אין ייִדישן ווערטל:

„אַ קניפּ אין באַק די פאַרב זאָל שטיין." אַגב, האָפשטיין — זאָגט ערגעץ יעקב גלאַטשטיין — איז געווען דער יידישסטער פּאָעט פון אַלע סאָוועטיש־יידישע פּאָעטן.

2

די וועלט פון גרויסע קינסטלערס איז פול מיט סודות און רמזים. דוד האָפשטיין איז אין דעם זין געווען אַן אויסנאַם. זיין וועלט איז געווען אַן אָפענע, מענטשן־ליבנדיקע. פון דאַנעט איז בכן נישט שווער צו פאַרשטיין, ווי טאָפּלט שווער אים איז געווען סיי ס'לעבן סיי ס'שאַפן אין יענעם פינצטערן סטאַלין־רעזשים. דער איידעלער, סענסיטיווער פּאָעט האָט שטאַרק איבערגעלעבט און איבערגעפילט דאָס, וואָס פאַר זיינע אויגן און הינטער די אויגן פון אַלע זעעוודיקע קומט פאָר. איז אים אַוודאי שווער געווען אָט די קאַטאַסטראָפע אַריינפּאַסן אין — אַ סטראָפע.

ער האָט דאָך און פאָרט, נגלה און ניסתּר, געטראָגן אויף זיינע מעבטיקע פליגלען, אין אַלע זיינע וואַריאַציעס, זיין נביאיש געזאַנג פון אהבת־הבריות און אהבת יידיש. אַגב, געקענט און געשריבן אויך לידער אין עברית, רוסיש, אוקראַיניש, בלב־ונפש איז ער געבונדן געווען מיטן מענטש פון אַלע פעלקער, אַלע שיכטן אין יענער טעמנער נאַכט, אין יענע נעכט מיט זייער פאַלשער צירונג פון פינפעקיקן שטערן.

ליב האָבן גופא איז דאָך די גרעסטע מענטשלעכע קונסט. שלום אַש זאָגט ערגעץ וועגן „טאַלאַנט צו ארץ ישראל". דוד האָפשטיין האָט געהאַט טאַלאַנט ליב צו האָבן.

פון דאַנעט די פילפאַרביקייט, וואָס איז געווען און פאַרבליבן פון דוד האָפשטיינס געזאַנג, זיינע וווּנדערלעכע רייכע וואַריאַציעס, שטילע און צאַרטע טענער און הויכע „קרעשטשענדאָס" פון אַ פּאָעטיש קול, אַן אייגנמיניק קול — אַ רעגן־בויגן פון צעזונגענ־

קייט: ליריש, עפּיש, סאָציאַל־נאַציאָנאַל, פּראָטעסטירנדיק, וויזיאָנעריש און פאַנטאַסמאַגאָריש. ער איז סײַ דאָס קול רעש־גדול, סײַ דאָס קול, ווי געזאָגט, דממה־דקה: די שטים פון דיכטערישער שטילקייט.

האָפּשטיין פאַרמאָגט אַ טיפע אינעווייניקסטע וועלט, פון וואַנעט ער שעפּט און ער אוניווערסאַליזירט די אייגענע, אינדיווידועלע וועלט פון קלענסטן פּרט ביז די גרעסטע געשעענישן. זײַן לשון — הגם נישט קיין באַנײַטס, אָן נעאָלאָגיזמען — האָט אַ באַזונדערן וועלטבאַנעם און אַ וועלטלער־ייִדישן אויסדרוק. זײַן פּאָעטישער אוניווערס — אַ צעצווייטער פון אָביעקטיווע און סוביעקטיווע זעונגען, שפּירונגען.

אין אַלע לידער — טיפע געמיטגרונטן אַדורכגענומענע מיט אַ ניגון, מיט זעונגען מאַחורי־המצב, אין וועלכע דער פּאָעט־מענטש לעבט און שאַפט. האָפּשטיינס שירה רופט אַרויס אין מענטש אַן עמפּירישן אָרביט צו דער פרײַער וועלט און צו דער אומענדלעכקייט. פון איין זײַט דער צויבער פון לעבן, פון דער צווייטער — דער אָפּגרונט און זײַן בייזער בליק, וואָס גייט אים נאָך ווי אַ שאָטן.

3

דער גרויסער אַמעריקאַנער פּאָעט וואָלט וויטמאַן האָט אויף זײַן ערשטלינג בוך לידער, אויב איך האָב נישט קיין טעות, „גראָזן־שטענגלעך", געשריבן: „ווער ס'רירט אָן דאָס בוך רירט אָן אַ מענטש". דער זאָג בעט זיך פּאַראַפראַזירן אויף מער ווי איין לידערבוך פון דוד האָפּשטיין. מענטש. אין קליינעם ספרל, וואָס פּייגע האָפּשטיין האָט מיט עטלעכע יאָרן צוריק אַרויסגעגעבן וועגן לעבן פון איר גרויסן מאַן און גרויסן פּאָעט, זאָגט זי צווישן אַנדערן: „דוד האָפּשטיין האָט ליב געהאַט מענטשן. מענטשן האָבן געפילט זײַן גוטהאַרציקייט און געענטפערט מיט דעם זעלבן."

ניין. זי האָט נישט איבערגעטריבן.

האָפּשטיין האָט געזוכט און געפונען סטעשקעס, וועגן ווי אַזוי ברענגען צום אויסדרוק די מיסטעריע פון דער ייִדישער עקסיס־טענץ אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט: ייִדישער קיום, ייִדישער טרויער און טרייסט, קאָשמאַרן, באַגײַסטערונג, האָפענונג אין אַ נישט־ייִדישער וועלט. כמעט אין אַלע לידער אַזוי: פאַרגעפיל, מוראַ, עמאָציע — זאָגן זינגענדיק און זינגען זאָגנדיק און נישט פעלשן דעם אמת און די שיינקייט פון ליד. איינצײַטיק וועבט זיך אין זײַנע לידער אַ געדאַנק, אַ געפיל פון אומפאַרמײַדלעכער פאַר־מישפטקייט.

מרדכי צאַנין

גערַאנגל פאַר קיום

1

אַ לעבעדיקער ראָמאַן. טויטע ייִדן. אַן אויסגעהרגעט פאָלק. ניין. עס לעבט. צאַנין בויט זײַן מאָנומענטאַלן ראָמאַן אויף צוויי עמודי־התּווך, צוויי הויפּטזײַלן. צוויי לעגענדאַרע נצח־ייִדן: רבי נפתּלי דער סגי־נהור און דער אַטעיִסטיש־געשטימטער ד"ר אַרטאַ־פּאַנוס. דאָך, ערגעץ ווו, איבער די ספערן און ספירות, טרעפן זיי זיך, די צוויי געשטאַלטן. עפּעס בשותּפותדיקס, גײַסטיק־טראַדיציאָנעלס דערנענטערט זיי.

אַ ראָמאַן פון פיר הונדערט זײַטן, גרויסער פאָרמאַט, פון לאָגישער אָרדענונג און קינסטלערישער פּלאַנירונג.

עבר, הווה, וואָס וועט אַוודאי זײַן אַנאַלאָגיש אין עתיד.

אַן אויסשפּילן פון ראַלעס, פון פּערסאָנאַזשן — באַזונדער און צוזאַמענדיק. אָרגאַנישער אויסבונד, שײַכות, אַנטוויקלונג פון געשעענישן און סיטואַציעס: אַרײַנגעוואַקסן און אַרויסגעוואַקסן אין אַלגעמיינעם געוועב פון עפּישער און לירישער אינעווייניקסטער בילדערישקייט, פּסיכישער ענערגיע.

איז גרויס די רבותא, מחמת דאָ רעדט זיך פון אַ שטייגער־ראָמאַן אויף חורבן־טעמאַטיק — אַנאָמאַליע און אומשטייגער.

אַלע פיגורן, אויך די צווייטראַנגיקע, אַחוץ קלענערע, זײַטיקע מענטשן, פּיאָנקעס אויפן שאָכברעט פון ראָמאַן — טיפּן מיט ברייטע „פּלייצעס", אויף וועלכע מ'קאָן אַרויפלייגן פּעק און זעק אידעיִש באַוווסטזײַן, פילאָסאָפישע מעדיטאַציעס, תּורות, טעאָ־

ריעס: דעטערמיניזם, אינדעטערמיניזם, „אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט" און איינציַיטיק — אַנשי־מעשׂה.

אַריסטאָקראַטישע משפּחות; ד"ר מאַרגאָליעס, די גאָלדבערגס, זין און טעכטער — סטודענטן, סטודענטקעס: אַ הויפּט־שוועסטער, יאַנינאַ, אין קליניק פון ד"ר אַרטאַפּאַנוס — הויכער שטאַנד און לעבנס־סטאַנדאַרט. אויך מענטשן ווינציק־אינטעליגענטע, אַ גוטע גויע, מאַריאַ, און מענטשן פון נידעריקן קלאַס — פּראָדל מזיק, ווי בריַינדל אין פּריִערדיקן ראָמאַן, „ליבשאַפט אין געוויטער". אַ יאַנקל מעטאַלניק און אַנדערע ייִדן, פּשוטע אָבער נישט קיין פאַרגרעבטע מענטשן. שטויביקע, גלוביקע ייִדן, גרויס אין זייער רחמים און מענטשלעכקייט. אַנאָנימע איינסן פון אַ רבים, פון אַ יש, אַ וואַלד, וואָס מחמת דער געדיכטקייט, זעט מען אָפט נישט דעם בוים.

אַן אינטעליגענט, קולטיווירט לשון און אויך — אַ נאַקעטע, ברוטאַלע שפּראַך: די שפּראַך פון דער ציַיט.

אַ גרויס עפּיש לייַוונט. רויע, גרויליקע גורלדיקע רעאַליע, ווי דאָס אַבסורדאַלע, אומלאָגישע איז אמת און אַל דאָס אמתדיקע איז אומלאָגיש.

מאָרד און יוסטיצמאָרד.

אַן אַפּאָקאַליפּטיש־שווידערלעך, טראַגיש־טרויעריק בילד. רוצ־חים און משרתים: גראַנאַטענע פּאָליציי, פּאָליאַקן, אוקראַיִנער, לעטן, קאָלאַבאָראַטאָרן, אונטערוועלט און סתּם פאַרברעכערס.

גאַנצע בילדער מיט קלענערע און גרעסערע ניואַנסירונגען — גאַנץ אין זייער צעריסנקייט. יעדער ייִד קאָן זיך דאָרטן זען ווי אין אַ שפּיגל: זיך, זיַינע נאָענטע און וויַיטע ביזן סאַמע אָנהייב פון זיַין אַרויסקומען אויף דער אַרענע פון דער וועלט־געשיכטע.

תּוכיקע, בראָכיקע בילדער פון ייִדיש לעבן און אומלעבן: עקשנות און גבורה פון פּאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד, כּוח און געדויַ.

*

דער מחבר האָט באַדאַרפט מלביש־ערומים זײַן אַ נאַקעטע רעאַליע, וואָס לאָזט זיך נישט אָנטאָן, פּאַסט זיך נישט אַרײַן אין קיין שום ליטעראַריש־קינסטלערישן בגד.

צאַנין האָט געזען פֿאַר זיך אָט די סכּנה. געפֿירט פֿון אַ לאָגי־שער אינטויִציע, האָט ער געוווּסט ווי אַזוי און וואָס צו נעמען און וואָס אָפּוואַרפֿן. סעגרעגירט און סאָרטירט. אַ סאָרטיראָווקע פֿון אַן עכטן שרײַבער: ס'רעדל פֿון דער דרעשמאַשין דרייט זיך און דער ווינט — דעם קינסטלערס אָטעם — וואַרפֿט אָפּ, יאָגט אָפּ די קער־נער באַזונדער און באַזונדער די פּלעווע.

אויך דאָס נאַטירלעכע, עכטע וואָרט דאָביוועט ער בײַ צײַטנס; דערפֿילט זײַן ריח און קלאַנג, עלעהיי אַ קעמל דערשמעקט פֿריִער, פֿאַרן רײַטער, דעם ריח פֿון אַ פֿרישן קוואַל, וואָס שלאָגט ערגעץ אין מידבר. זײַן וואָרט־אוצר — אַנטיקלדיק־פֿאָלקסטימלעך און קינסטלעריש־קולטיווירט. דאָרטן ווו מע דאַרף, שרײַבט ער אויך מיט אַ „גערעדט לשון", לויטן דיאַלעקט און געגנט און אָרטשאַפֿט, ביז אויטענטישקייט און לאָקאַליזמען: וואַרשעווער „יאַר", „מיִאַ", „עץ", „ענק".

נישט צו פֿיל און נישט צו אָפֿט באַנוצט ער זיך מיט דעם אַ לשון, מחמת ער ווייס ווויל, אַז אַ צו פֿזרנותדיקער באַניץ מיט אַזעלכע „אָריגינאַלן" — מאַכט פֿון אַ חן־פֿעפֿערל אַ בראַדעווקע.

אין אַלע בילדער — דאָס געוויין פֿון טאָל. אויפֿגעריסענע פֿײַערן פֿון אַ פֿורעניות־באַרג, הריגה־באַרג, וואָס דער וועזוווויוס איז קעגן אים אַ שפּילעכל. עד־היום שפּײַט דער באַרג מיט פֿײַער־לאַווע. אַן אָפֿענער קראַטער, וואָס רײַסט פֿון זיך אַליין שטיקער.

און אַ ווײַט־נאָענטער עכאָ טראָגט זיך: „זעט, איך ברענג אַרײַן אין אײַך אַן אָטעם, און איר וועט לעבעדיק ווערן". (יחזקאל לז, ה).

דער פּראָזאַיִקער מרדכי צאַנין האָט נישט קיין צײַט און האָט נישט קיין מורא צו האָבן. ער וואַרט נישט אויף צײַטדיסטאַנץ

ביז דער הייסער חומר וועט זיך אָפּקילן און זיך גיסן אין די פאַר־גרייטע קינסטלער־כּלים.

ער שטייט אין צענטער, אין מיטן פון די צוויי זײַלן, די נצח־ייִדן — ד"ר אַרטאַפּאַנוס און רב נפתּלי.

אַוודאי צוזאַמען מיט זיי געשטאַנען בײַם הר סיני, בײַ מתּן־תּורה און נאָך פריִער — בײַם ברית בין הבתרים.

אומגעקומען און אויפגעשטאַנען תּחית־המתים, כּדי צו דער־ציילן (אַרטאַפּאַנוס) זײַן ווײַב לאה „דעם המשך פון מישפּט". לאה כאַפּט זיך נישט און פרעגט איבער: „וועגן וואָס פאַר אַ מישפּט רעדסטו?"

און ער ענטפערט:

„געדענקסט וואָס יאַנינאַ האָט געזאָגט, אַז ס'איז גאָטס מישפּט?"

2

פון פריִערדיקן „נישט פאַרענדיקטן מישפּט" — צום איצטיקן הריגה־באַרג און טאָל פון געוויין: טאָל פון נאָך ווײַט נישט קיין „טרוקענע ביינער..."

צאַנין איז נישט קיין היסטאָריקער. און דאָס איז די מעלה פון ראָמאַן. זײַן ראָמאַן מאַכט היסטאָריע: ליטעראַטור־געשיכטע. ער רעדט צום פאָלק פון אַלע שיכטן: אינטעלעקטואַל, ליטעראַ־טור־מפונק און ייִד פון אַ גאַנץ יאָר. רעדט מיט דעם לשון, וואָס האָט „געפײַערט" אויף די שײַטער־הויפנס צוזאַמען מיט זײַנע זין און טעכטער, זקנים און קינדער פון די „הויכע פענצטער" ביז די נידעריקסטע קעלערן און בוידעמשטובן.

✶

מ'דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז נאָכן חורבן האָבן נאָך געלעבט און געשאַפן גרויסע פּראָזע־מײַסטערס: שלום אַש, דוד בערגעלסאָן,

זלמן שניאור, יוסף אָפּאַטאָשו. קיינער וויל, חלילה, נישט אָפּפרעגן זייער גרויסקייט. שלום אַש, למשל, האָט אָפּגעגאָלטן. זײַן קינסטלעריש אינדיווידואַליטעט איז זיך צונויפגעפאַלן און האַרמאָניזירט מיט דער קאָלעקטיווער פּסיכאָלאָגיע פון זײַן צײַט, וואָס האָט געשטרעבט, געבענקט צו סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. „דער תּהילים־ייִד", „קידוש־השם", „משיחס־צײַטן".

זענען אָבער געקומען היטלער־צײַטן. זײַנע, אַשס ייִדן, זענען געגאַנגען בפועל־ממש אויף קידוש־השם.

נישטאָ. נישטאָ דאָס „שטעטל". אָפּגעמעקט געוואָרן. ייִדיש לעבן איז אומקום־דראַמע. וואָס האָט דער ריז אין דער ייִדישער ליטעראַטור, שלום אַש, געהאַט צו זאָגן? — קדיש.

ס׳איז אָנצונעמען, אַז אַלע פּראָזע־מײַסטערס וואָס האָבן פיזיש רעם חורבן אויסגעמיטן, איז דער חורבן אַרײַן אין זיי: אין זייערע שרײַבערישע געמיטער.

מרדכי צאַנין האָט אויך „אָפּגעגאָלטן". ער איז געקומען צו זײַנע שעפערישע כּוחות — אויף קבר־אָבות... האָבן די אויסגעהרגעטע ייִדן אים קינסטלעריש געבראַכט צום לעבן. סטימולירט פון אַ קונסטגעפיל און אַן עסטעטישן דאָרשט, האָבן אים די „פליענדיקע" ייִדן צום הימל, דורך די געדיכטע רויכוואָלקנס פון די גאַזאויוונס — אָנגעטאָן פליגל.

ער האָט מיט זיי געלעבט און געדײַעט און איז אַצינד זייער פירשפּרעכער.

איז פאַר אים, דעם פּראָזאַיִקער, די „אומקום־דראַמע" נישט קיין סוף־פּסוק. זי איז אַ כוואַליע. כוואַליעס יאָגן, שלאָגן אָן אין ברעג — אין ברעג פון לעבן — לויפן אַוועק און קומען צוריק. כוואַליעס? אפשר וואַסעררינגען נאָכן וואַרפן אַ שטיין.

מען זעט דאָס באַשײַמפּערלעך אין זײַן אַהין־און־צוריק־גאַנג. אַ שפּאַנען איבער מרחקים און מרחבים, תּקופות אין ייִדישן לעבן, פון אָנהייב ביזן לעצטן חורבן: אינעם אויפשליסן און אָפּשליסן

עפּאָכעס — געזען מיט היסטאָרישע אויגן, אַסאָציאַטיוו־פּענצטער, פּענצטערלעך און טירן, וואָס פירן אַריַין און אַרויס.

מען זעט דאָס און מען הערט דאָס אין די רייד און אין די מעשׂים פון זיַינע מענטשן, בעיקר — פון די צוויי נצח־יידן, וואָס ער לאָזט נישט אַרויס פון אויג.

זאָגט נפתּלי: „דער מישפּט פון וואָיעוואָדע האָט זיך נישט אָנגעהויבן מיט מיר: מיט מיר איז דער המשך פונעם מישפּט". (ז' 33).

זענען, בכן, די „כוואַליעס" צי „רינגען" — איין קייט פון געשעענישן.

„שעלט גאָט און שטאַרב" — זאָגט צאַנין דורכן מויל פון ר' נפתּלי.

און וואָס טוט ד"ר אַרטאַפּאַנוס? ער ציט אַרויף אַ הויט, אַ לעבעדיקע הויט, אויפן נישטדאָיִק־דאָיִקן געביין פון תּחית־המתימ־דיקן רבי נפתּלי און זעצט אים אַוועק ביַי אַ טיש איבער אַ ספר. מיט אויסגעשטאָכענע אויגן (פון נישט־פאַרענדיקטן מישפּט ביַים וואָיעוואָדע) און מיט די קנאָכיקע, בראָכיקע הענט „דערטאַפּט" רבי נפתּלי די אותיות און קרעכצט אויף די מיתה־משונות אויף זיַין פאָלק — דעם ניַיעם איוב: קאָלעקטיווער איוב.

אָט די המצאה פון מחיה־מתים זיַין דאָס לעגענדאַרע געשטאַלט, אַריַינפירן אים אין געטאָ — איז גאָר אַן עכטער שריַיבערישער אויפטו.

דער מחבר דערלאַנגט דאָ, ווי אין פּריִערדיקן בוך, „דער ירדן פאַלט אַריַין אין ים־המלח", — צאַפּלדיק לעבן, אַקטואַליע פון אומקום און אויפקום. איןביידע ראָמאַנען שטיַיגט די רעאַליע אַריבער דעם דמיון לטוב ולרע.

מ'זעט דאָס בהדרגהדיקע צעפאַלן זיך פון תּוכנס און פאָרמען, ווי דאָס צעפאַלן זיך פון אַ לעבעדיקן אָרגאַניזם. איינציַיטיק — אַ פּרווון און אַ בפועל־ממשדיק צוגרייטן זיך צו אונטערערדישער אַרבעט. מען אָרגאַניזירט זיך אין „דריַילינגען". יונגע בחורים און

מיידלעך, אַפּילו קינדער — בערעלע, פּראַדלס עלטער יינגעלע, וועגן וועמען ס'וועט נאָך אויסקומען צו רעדן, רפאל און נחמה — זון און טאָכטער פון אַרטאַפּאַנוס, שולמית — די טאָכטער פון בערנאַרד מאַרגאָליעס. אַגב, די שפּעטערדיקע געליבטע פון רפאלן. יאַנקל מעטאַלניק.

„די זין פון אליעזר אַרטאַפּאַנוס וועלן נישט זיין קיין פּחדנים און זיי וועלן זייערע פּלייצעס נישט בייגן פאַר לומפּן" — זאָגט דער מחבר אין זיין פריערדיקן בוך „ליבשאַפט אין געוויטער".

דאַרף מען, בכן, זען אין דער קאָנספּיראַטיווער אַרבעט אין וואַרשעווער געטאָ אַ המשך פון: „זיי וועלן זייערע פּלייצעס נישט בייגן פאַר לומפּן".

אויך אויפן אויסגעהויקערטן, צעבראָכענעם עקאָנאָמישן געביט איז מען נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. אַ קיך פאַר ביליקע מיטאָגן, געהיימע שולן פאַר קינדער. אַרטאַפּאַנוס לאָזט פון האַנט נישט אַרויס זיין דאָקטעריש רענצל.

אַ נייַעם סאָרט מענטש טרעפט מען אין געטאָ. ער איז פּאַראַ־ניק. מ'דאַרף אים זען. צאַנין זעט אים אין זיין ביטערן גראַנגל פאַר קיום און אין זיין אומגעשראָקנקייט.

אַ שאָד, וואָס אַזוי ווינציק זעט מען דאָ די אַפּאָקאַליפּטיק פון שווידערלעכן טראַגיזם. צענדליקער, הונדערטער טויזנטער ייִדן אין זייער שטיקנדיקער קאָמפּאַקטקייט אונטער געשלאָסענע, באַוואַכטע טויערן. שטעכלדראַט־צוימען. סעלעקציעס. געיעג נאָך קינדער פון באַהעלטענישן און — פון מאַמעס הענט, וואַרפן זיי אין לאַסט־אויטאָס. אַקציעס. אומשלאַגפּלאַץ. אַ טרייַבן המונים ייִדן אין די בהמה־וואַגאָנען, פאַרפּלאָמבטע, אָפּשיקן טראַנספּאָרטנווייַז אין באַוווּסט־אומבאַוווּסטע ערטער, פון וואַנען קיינער איז נישט צוריק־געקומען. טויטמאַרשן. מאַסן־דערשיסונגען ביי אָפענע קברים, לויטן מוסטער פון באַבי־יאַר. און, די הפסקה־שטילקייטן צווישן איין אַקציע און דער צווייטער: דאָס פאַרסמען די הערצער, נשמות און מוחות מיט געניאַל־פאַרברעכערישע שקרים, נאַרערייַען, וואָס די

קרבנות האָבן פון רעזיגנאַציע און אַפּאַטיע אָנגענומען פּאַר אמת.

די בהדרגהדיקע גײַסטיקע און פיזישע גסיסה פון יחידים און מאַסן. דאָס פּאַרטיליקן פון אַ פאָלקס־אָרגאַניזם.

צוריקגעשמועסט: עבטער, ווירקעוודיקער, עפעקטיווער איז דאָס דערלאַנגען אַפּאָקאַליפּטיק מיטן גיין פון פּרט, פון איינצל־בילד צום כּלל־בילד, צו דער מאַסן־סצענע.

אַ לאַסטאויטאָ מיט קינדער „זאָגט" ווינציקער, ווי ס'שילדערן דעם טויט־פּחד אין די אייגעלעך פון אַ קינד, אויפן פּנים פון אַ מאַמען בײַם אַרויסרײַסן ס'קינד פון אירע הענט.

אַזעלכע, ענלעכע בילדער, שטעלן, טרעפט מען אויף אַ סך זײַטן פון „גזר־דין", ווי למשל, לאה אַרטאָפּאַנוס' פּחדים בעת אַנפּאָרן פון די עסעס־לײַט אויף די לאַסט־אויטאָס „איידער ס'איז טאָג געוואָרן". (ז' 63).

דעסט גלײַכן: ס'קרעכצן פון רבי נפתּלי: „שעלט גאָט און שטאַרב" — איז דאָס נישט קאָלעקטיווער יִיאוש, צער און צאָרן, אָנגעלאָדן שווײַגן פון אַ רבים, וואָס רײַסט אויף די הערצער?

הײַנט ס'בילד פון יאַנוש קאָרטשאַק מיט די קינדער, וואָס ד"ר אַרטאָפּאַנוס זעט דורכן פענצטער? (ז' 200).

סימבאָליזירן נישט די אַ טיפּן, יחידים — דעם רבים? צימצום ביז סימבאָל איז דאָך אייגנטלעך די כּוונה און דער כּיוון פון דער קונסט און דעם קינסטלער.

סימבאָל מיינט אויך ס'אַרײַנפּירן אין געטאָ אַ משוגענעם מיט אַ יללהדיק זינגען. ס'מיינט: אָט דער משוגענער ווייסט וואָס ער רעדט. ער איז בײַם נאָרמאַלן שׂכל. די נאָרמאַלע זענען משוגע. אַנישט — וואָלטן זיי דאָך נישט געגלייבט אין די שקרים, נישט געלאָזט זיך אַרײַננאַרן אין די טויט־לאַגערן, גאַזאויוונס.

מערקווערדיק, אויך אין פּראָזעבוך „דאָרטן, ווו עס נעכטיקן די שטערן", פון אַברהם סוצקעווער, איז פאַראַן אַ משוגענער, כּעמע: ער ווייסט, זאָגט ער, „משוגע מאַכן דעם שׂונא און אַלעמען ראַטע־ווען". און נאָך זאָגט כּעמע: „בלויז דאָס ניט־מעגלעכע האָט נאָך

אַ זינען". (אַגב, אויך דער הויקער איז אַ פּיזישער סימבאָל פון די אויסגעקרימטקייטן פון יענעם לעבן). אַ סברה, אַז צו פאַרשטיין גאָטס און דעם שטנס וועגן — דאַרף מען זײַן משוגע.
זינגט צאַנינס משוגענער :

יידן, פאַרשלאָפט נישט! משיח קומט נישט.
ער האָט געמאַכט פּליטה, האָט ער געמאַכט,
ווערט זשע, יידן, אײַער אייגענער משיח,
דעם דײַטש זאָל נעמען אַ וויסטער רוח.

3

מרדכי צאַנין אַקערט, צעאַקערט יידישן באָדן, אין דער טיף, אין דער ברייט, מיט דער פען פון אַ נאָנקאָנפאָרמיסט. אַזוי אַ שפּאַנט ער עקשנותדיק, אַנגאַזשירט, צוזאַמען מיט רבי נפתּלי, מיט אַרטאַ־פּאַנוסן, רפאל, שולמית, נחמה, יאַנקל מעטאַלניק, דעם צוועלף־יעריקן בערעלע — די פאַרקערפּערונג פון יונגן דור און נאַכוווקס.

ער, אַרטאַפּאַנוס, רבי נפתּלי, די אייביקע יידן — שפּאַנען אַזוי קנאַפּע פיר טויזנט יאָר איבער לענדער, מדינות : אַ גאַלעריע קיניגן, פּריסטערס, פּריצים, וואַיעוואָדעס, גאָט־לעסטערערס און גאָט־פּריידיקערס פון קריסטלעכן און מחמדאַנישן גלויבן.

בײַ שאַגאַלן גייט אַ ייד איבער דעכער. בײַ צאַנינען גייט אַ ייד איבער בערג בראָך; שווימט איבער ימען פּײַן און פּורעניות : מיט און אָן גאָט אין האַרצן. אָבער תּמיד מיט ליבשאַפט צום מענטש און לעבן, צום ייד אין זײַן בלוטיקן, מוטיקן וואָגל און וואַקלוועג.

דער שונא — זאָגט דער מחבר דורכן מויל פון רבי נפתּלי — האָט נישט געקענט „און וויל נישט קענען — נישט אונדזערע מידות, נישט אונדזער אמת : נישט אונדזער תּורה און נישט אונדזער חלום צו גאולה". (ז' 33).

צאַנין איז נישט קיין היסטאָריקער, אָבער דער היסטאָריקער וואָס וועט קומען, וועט פון „דער גזר־דין" שעפּן פולע הענט געטאָ־שטייגער; וועט מיט זײַן אָטעם אויפטײַען דעם פאַרגליווערטן טײַך פון יידישן צער און צאָרן, אַנגסט און בלוט.

געטאָ־שטייגער. פּסיכאָלאָגישער אַרײַנדרינג פון טויטשרעק. און דאָס לעבן — וויל לעבן. עוועלינאַ, די מאַמע פון צוויי „איבער־געבליטע" טעכטער, בענקט צו מאַן און מין. זי האָט ליב רפאלן. רפאל האָט אַ געליבטע און עוועלינאַ האָט אַ מאַן, וואָס זי „האָט קיין מאָל נישט פאַרראַטן און... נישט צו פיל ליב געהאַט".

נישט נאָר אַ לינקע ליבע, אויך אַ רעכטע, גערעכטע ליבע, אַ נאָרמאַלע אין יענעם אומנאָרמאַלן שטייגער: די שיינע שולמית, די טאָכטער פון דער משפחה מאַרגאָליעס, האָט ליב רפאלן. אַ מוטיקער, שטאַלטנער, שיינער יונגער־מאַן. זי איז צוזאַמען מיט אים אַנגאַזשירט אין דער אונטערערדישער אַרבעט. אמת, סם־המוות דרינגט אַרײַן אין די יונגע געמיטער, אין די געזונטע אָרגאַניזמען. אָבער דער סם־החיים איז שטאַרקער. דווקא אָט די געהיימע און אָפענע כּוחות פון טויט־סכּנה, שטאַרקט די ליבע־געפילן, די סעק־סועלע באַדערפענישן.

מענטשלעכע ליבע מיט אַלע יונגע אימפּולסן, אומשולדיקייטן פון דער שיינער שולמית: נאַטירלעכע געפילן און עראָטישע רייצונ־גען האָבן דאָך און פּאָרט „געפּײַערט" זייער נצחון איבער דער שרעק און טויט־סכּנה.

אויב ס'איז אין יעדער ליבע דאָ אַ טראָפּן טרויער, איז אין דער טרויעריקער ליבע פאַראַן אַ טראָפּן גליק — זאָגט דער מחבר.

צאַנין שטעלט אַוועק דעם נײַעם ייִד — נישט געקוקט און אפשר טאַקע מחמת זײַן אייגן־מיניקייט צווישן פעלקער — אַזוי ווי ער וויל אים זען, זעט אים, פון אוניווערסאַל־ייִדישן קוקווינקל.

די אוניווערסאַלקייט פון זײַן פּראָזע באַשטייט דווקא אין זען מענטש און סביבה מיט ייִדישע אויגן.

אָט האָבן מיר אַ שטעל, ווי אַזוי אַ האַלב אָדער גאַנץ־אַסי־

מילירטער ייִד — ראַטושעווסקי — זעט דעם ייִדישן פּסח. אויב נישט ווי אַ מסורה, באַדײַ ווי אַ שיינעם נאַטור־פענאָמען: „ווערדליק אים איז דאָס שענסטע בײַ ייִדן געווען דער פּסח־סדר. אין אים זענען פאַרקערפּערט דאָס שענסטע און דערהויבנסטע פון מענטש־לעכן מין. דער יום־טוב פאַלט אויס אין פרילינג, די פעלדער און וועלדער קומען אויף צו אַ באַנײַט לעבן, אין די פּרוכטן־סעדער קוועלן אָן די קנאָספּן פון דעם נײַעם געבלי אויף די ביימער. די בושלען קומען דעמאָלט צו פליִען פון די ווײַטע, וואַרעמע לענדער און דערמיט גיבן זיי דאָס געפיל, אַז די גאַנצע וועלט איז אומעטום די זעלבע, איבער גרענעצן, איבער לשונות — גאָטס מלכות. אַפילו די פריש־געבאַקענע מצות שמעקן ערב־פּסח ווי זיי וואָלטן פלו־צעם זיך אַרויסגעריסן פון די נאָר־וואָס צעגרינטע פעלדער. אין דער הגדה דערציילט זיך וועגן פרײַהייט". (ז' 95).

פּסח. מצות. הגדה. גאָט. נאַטור. מ'זעט, מ'הערט רעדן אַ קולטיווירטן ייִד: דאָס פאַרייִדישן די נאַטור, דעם הימל מיט דער גורלדיקייט פון ייִדן אין געטאָ. איז מיר שוין אַ קנאַפּע נפקא־מינה וואָס עס זעט אַזוי, ראַטושעווסקי, צי צאַנין. דער אמת איז אין פּערסאָניפיצירן די נאַטור און „נאַטוראַליזירן" דעם געטאָ־ייִד.

אַזוי אויך אין שילדערן דעם פּוילישן האַרבסט:

„דער באַזונדערער פּוילישער האַרבסט, מיט אַ הימל וואָס פילט אָן מענטשלעכע הערצער אי מיט זיסער זינלעכער בענקשאַפט און אי מיט טרויער נאָך עפּעס וואָס איז געווען טײַער און איז אַוועק — דער פּוילישער האַרבסט האָט אויסגעמיטן דעם געטאָ. בלויז דער ביטערלעכער ריח פון פוילנדיקע קאַשטאַנבלעטער, דער באַגלייט־ריח פונעם פּוילישן האַרבסט, האָט געווינטשיקט איבער די כמעט ליידיקע גאַסן — — גראָ און איינטאָניק, ווי די שטיינער און טראָטואַרן וואָלטן געווען פון בלײַ; די זעלטן פאַרבײַלויפנדיקע מענטשן מיט פּחד אין די אויגן, האָבן געהאַט בלײַענע פּנימער". (ז' 228).

כאָטש „אויסגעמיטן" ווי דער מחבר זאָגט — שפּירט מען אין

דער לופט, אין דער אַטמאָספער, דעם טרויער פון האַרבסט. דאָס בליַי אויף די פּנימער פון די מענטשן, אויף די טראָטואַרן און שטיינער. גראָע, שווערע געטאָפּאַרב. אין אָט דער גראָקייט אויף די כּמעט ליידיקע גאַסן — ווערט דיר פּינצטער־קלאָר די אומבאַ־האָלפנקייט, די בראָכיקייט פון געפּלאָגטן ייִד.

4

צאַנינס גרונטיק וויסן — ייִדישס און וועלטלעבכס — ווערט קלוג און אויף עבטקינסטלערישע אופנים אַריַינגעוועבט אין די טעקסטן, אין די גרויסע פּראָזע־געמעלן. דעסט גליַיכן — דאָס אויסבינדן, אַנטוויקלען סיטואַציעס, געשטאַלטיקן פּערסאָנאַזשן: אויסשפּילן די ראָלעס אין צייַט און אָרט: פאַרגעסט נישט אויס־בינדן די „פּעדעם" אַזוי, מען זאָל נישט זען די „קניפּן".

הײַנט די גאַלעריע קינדער, וואָס ער דערמאָנט אינעם בוך: קינדער מיט „גרויסע קלוגע אויגן און אויסגעבלייכטע געטאָ־פּנימ־לעך" בײַ דער זײַט פון די גרויסע. פאַרלאָזטע, אָפּגעריסענע פון טאַטע־מאַמע, משפּחה, קרובים.

רעדט מען שוין פון קינדער: ווי קאָן מען פאַרגעסן דעם שוידערלעכן „מאַרש", וואָס ד"ר אַרטאַפּאַנוס זעט דורכן פּענצטער פון אַ הויז אויף דזשיקע־גאַס? אויף אָט דער גאַס האָט זײַן קאָבי־נעט געהאַט דער דאָקטער לודוויג זאַמענהאָף, „דער טרוימער און שעפער פון אַ שפּראַך, וואָס זאָל מאַכן, אַז אַלע פעלקער אויף דער וועלט זאָלן זיך פאַרשטיין".

אַ צוג פון זינגענדיקע קינדער — זעט ער. דער הימל איז סעפּטעמבערדיק: דער קינדערצוג — עלעהיי אַן עקסקורסיע אין אַ טאָג פון ל"ג בעומר. פאָרויס — יאַנוש קאָרטשאַק. בײַ די זײַטן — די רוצחים.

קינדער זינגען. די גאַס אויפן נאָמען פון זאַמענהאָף זינקט אין

טויטשרעק. געלאָדענע ביקסן — אַ שטייגער זיי גייען אין וואַלד אויף געיעג. דאָס געזאַנג פון די קינדער — הערט זיך העכער, העכער: מאַכט מאַוימדיקער די געלאָדענע שטילקייט.

אָט די קאָנטראַסטן אין פּייסאַזש, אין פּערסאָנאַזש — מאַכן גליווערן ס׳בלוט אין אָדער. אַזאַ אינעווייניקסטע פּײַנלעכע גע־שלאָסנקייט פון ווידעראַנאַנדן, פון דיסהאַרמאָניע...

און דערלאַנגט ווערט דאָס דורך אַ שויב פון אַ שטוב, ווו ס׳ליגט אַ קראַנקער ייִד אין הויכן פיבער. אין האַלוצינאַציע, פאַרן אויסלעשן זיך, זאָלן זיך צו אים האָבן דערטראָגן מוזיקקלאַנגען. „ס׳קומט אויף מיר אַ געזאַנג" — זאָגט דער קראַנקער מער מיטן גלי אין די אויגן, ווי מיטן מויל צום ד״ר אַרטאַפּאַנוס, וואָס איז אים געקומען היילן.

✶

פּאַראַפּסיכאָלאָגיע? אַ געזונט־מענטשלעך פּאַרגעפיל פון אַ טויט־קראַנקן?

הײַנט דער הינטערגרונט פון בליד. די מאָלערישקייט פון „מאַרש" און די באַגלייטערס: דאָס מײַסטערשע אַרײַנוועבן דינע שפּירעוודיקייט, קאָליריקע, לירישע געדאַנקלעכקייט אין אָט די בילדער־בראָכטיילן פון גרויסן בראַך.

דאָס עצם אַרויסהייבן, אויפהייבן די גרויליקע נידעריקייטן פון די רוצחים צו די העכסטע שפּיצן פון געפאַלנקייט מיטן כּוח פון וואָרט־פענאָמען — איז אי שטאַרק, אי באַגלייביק.

געטאָקינדער. קינדער־זקנים. זייער אײַנפאַלערישקייט. זייער אײַנשטעלערישקייט. דאָס אַרײַנשמוגלען מיט סכּנהדיקע וועגן און אומוועגן אַ ביסל פּראָוויאַנט אין די הונגעריקע היימען. די ראָלע פון בערעלען אין בונקער, אין געטאָ און „אויף יענער זײַט". זײַן קעמפן בײַ דער זײַט פון די גרויסע בעתן וואַרשעווער געטאָ־אויפ־שטאַנד. גוט, וואָס די גרויסע קעמפערס, די גיבורים, רופט דער

מחבר אָן בײַ די אמתע נעמען: מרדכי אַנילעוויטש, אַנטעק צוקער־מאַן, צביה לובעטקין.

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, וואָס עס ווערט נישט דערמאָנט דער גרויסער מקונן יצחק קאַצענעלסאָן, זײַן איובישער ווייטיק און דער־ווערגן געוויין אויפן אויסגעהרגעטן ייִדישן פֿאָלק; דער נאָבעלער פּאָעט־פֿילאָסאָף — הלל צייטלין; דער גרויסער ביבליאָגראַף און היסטאָריקער, דער בויער פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין פּוילן, מאיר באַלאַבאַן; דער פּאָעט ישׂראל שטערן. דאָס זענען בלויז איינצלנע נעמען — סימבאָלן פֿון אַ רײַכער גאַלעריע אינטעלעק־טועלע געשטאַלטן, גײַסטיקע מנהיגים פֿון פּוילישן ייִדנטום.

אָבער דאָ רעדט זיך וועגן אַ ראָמאַן און נישט וועגן מעמואַ־ריסטיק, ביבליאָגראַפֿיע. און צי איז דער בונקער, „נחס תּיבה", נישט קיין סימבאָל? די מענטשן אינעווייניק — יחידים פֿון פֿאַרשיי־דענעם שטאַנד, כאַראַקטער, מענטאַליטעט, וועלט און לעבנס־באַנעם: פֿילאָסאָפֿיע פֿון קיום. ד״ר אַרטאַפּאַנוס, ד״ר מאַרגאָליעס. זייערע ווײַבער: די טעכטער, וואָס זענען אי אינעווייניק אי אין דרויסן: די קליינע רחלע און דודל — די קינדער פֿון אַרטאַפּאַנוס. אַ פֿינף־יעריק מיידעלע, ליבעלע — נאָכן אומקום פֿון אירע עלטערן. ד״ר יצחק שיפּער. שׂמחה־בונים פֿאַריסאָווער — אַ געוועזענער לעדער־סוחר: נתן פּשאָדעק — אַ פֿאַבריקאַנט פֿון שעלקעס און זאָקן־בענדלער. פֿישל צוויבעק — אַ שנײַדער און דער אָפּטער גאַסט אין בונקער — בערעלע.

✶

בונקער — אַ מין פּיטשינקער געטאָ: מ׳טיילט זיך מיט „נאַ־קעטע" פּענעצלעך ברויט. קליינוואַרג דערכאַפּן זיך די הערצעלעך — עלעהיי זויגקינדער — מיטן זייגן אַ שטיקל צוקער דורך אַ שמאַטקעלע אָדער — מיט אַ דין הײַטעלע מאַרמעלאַד אויפֿן פּענעצל ברויט. אַ טונקלקייט פֿון נישט־טאָג־נישט־נאַכט. אַן ענג־שאַפֿט. אַ שטיקנדיקע לופֿט, קוים דעם אָטעם צו כאַפּן. הונגער־

קלעם, טויטשרעק און — אַ וויכּוח: אַ מין איבערשמועס וועגן: וועגן וואָס רעדן ייִדן? — אַן אויסלייזער, אַ משיח.

ד״ר שיפּער האַלט, אַז באַגערן צו אַ משיח דאַרף מען. ד״ר אַרטאַפּאַנוס דערווידערט: „אויף צו מאָרגנס נאָכן קומען פון משיח, איז קאַטאַסטראָפאַלע אַנטוישונג״. ווערטער. באַגריפן. טעאָריעס. אַקסיאָמעס: קאָמוניזם. בונדישער סאָציאַליזם. טעריטאָריאַליזם. אַ סוף, אַ ביטערער סוף צו אַלע „איזמען״ — דער סם־החיים פון פּוילישן, אייראָפּעיִשן ייִדנטום.

אַ לעבעדיקער וויכּוח פון ייִדן אונטער דער ערד: ייִדן פון העכערע און נידעריקע שיכטן, קלאַסן. אַ פאָלק בזעיר־אַנפּין, גע־בונדן פיזיש און גײַסטיק צו איין גורל און גורלדיקייט. „וואָס וועט זײַן דער סוף״ — פרעגט איינער דעם צווייטן אויף שטום־לשון.

דרויסנדיק פון בונקער גרייט דער שׂטן־משיח צו דעם גיכן סוף — „לעצטע לייזונג״.

5

בערעלע, דאָס באַיאָווע ייִנגעלע — אַ וויכטיקער פאַקטאָר, מיט זײַנע אויפטועון אין געטאָ, אין אונטערערד. בעת די קאַמפּן נישט אַרויסגעלאָזט פון זײַנע קליינע, שוואַכע הענטלעך אַ צינד־פלאַש, אַ ביקס. אָט דאָס ייִנגעלע, פאַרהאַרטעוועט, ווי אָפּגעקיל־טער שטאָל, האָט צום ערשטן מאָל נאָך חדשים, אפשר יאָרן, זיך ביטער צעוויינט. ערשט אין די טרערן האָט מען אין אים געזען דאָס קינד. „די טרערן האָבן זיך אים אַליין געגאָסן און פאַרפלייצט זײַן פּנימל״. ער האָט ביטער געוויינט אויפן טויט פון לאה, אַרטאַפּאַ־נוסעס ווײַב, וואָס האָט מיט ציאַנקאַלי אַ סוף געמאַכט צו איר לעבן.

הייסע טרערן פון אַ ייִנגעלע. אַ טרייסטן זיך פון אַ מאַן, וואָס

זײַן װײַב איז געקומען „צו קבר־ישׂראל און נישט צו קבר־טרעב־לינקע״. מ׳האָט דעם מת געטאָן זײַן רעכט, אַפילו זיך פֿאַרבונדן מיט דעם סאַניטאַר־אָפּטײל בײַם יודענראַט. אױסגעגראָבן אַ קבר אין בונקער און זי באַגראָבן. מיטן „נאַטירלעכן״ טויט פֿון לאה אַרטאַפּאַנוס איז דערהויבן געוואָרן די קדושה פֿון לעבן און דער כּבוד־המת. און װען? אין שעהען פֿון פֿאַרביסענע קאַמפֿן פֿון געציילטע גיבורים, בחורים, מיידלעך און עלטערע אויף וויפֿל די כּוחות האָבן געסטײַעט: בלוטיקע קאַמפֿן פֿון איינציקע, מוטיקע ייִדן מיט ביקסן, צינדפֿלעשער אין די הענט, קעגן פֿאַרפּאַנצערטע עסעס־קאָמאַנדעס.

די אויפשטענדלערס פֿאַלן, ווי ברענענדיקע שטורקאַצן פֿון פֿענצטער, פֿון הויכע שטאָקן פֿון ברענענדיקע הײַזער. אויך אַ רויטע פֿאָן און אַ ווײַס־בלויע פֿאָן ברענט — נקמה און האָפֿענונג. ברע־נענדיקע, בלוטנדיקע ייִדן, מענטשן זענען „געלאָפֿן און געפֿאַלן, זיך אויפֿגעהויבן און ווידער געלאָפֿן און ווידער געפֿאַלן. ווייניק האָבן זיך לסוף אויפֿגעהויבן. — — זייערע פֿלאַמען האָבן ווי שטיקער פֿון פֿאַלנדיקע מעטעאָרן אויסגעברענט אויף די טראָטואַרן״. (ז׳ 361).

*

מען קאָן נישט רעדן װעגן „דער גזר־דין״ און נישט דערמאָ־נען דעם „דער ירדן פֿאַלט אַרײַן אין ים־המלח״. צוויי גרויסע אויפֿטוען אין ביידע ביכער: א. ווידערגעבורט פֿון לאַנג־דערוואַרטן שטייגער־ראָמאַן און — אויף חורבן־טעמאַטיק. ב. ראָמאַן פֿון היגן לעבן ערב און זינט דעם אויפֿקום פֿון מדינת־ישׂראל.

שטייגער־ראָמאַן, וואָס איז צווישן ביידע וועלט־מלחמות, און פֿריִער, געווען אַ ווירקנדיקער כּוח אין גײַסטיק־מאָראַלישן לעבן און וואָס זאָל האָבן די עטלעכע צענדליק יאָר נאָך דער מלחמה — „אָפּגעשפּילט די ראָלע״.

אויף קנאַפּע טויזנט זײַטן, אין ביידע ביכער, קענטיקט זיך

שטאַרק דאָס אידענטיפיצירן זיך פון מחבר מיט די העלדן און אַנטיהעלדן, מיט זייערע מחשבות און מעשׂים.

מער ווי אַנדערע שרײַבערס, וואָס גיבן אין זייערע ראָמאַנען אַן אידעאַליזם וואָס זיי אַליין האָבן אים נישט — גיט צאַנין זײַן סאָציאַל־נאַציאָנאַלן באַוווּסטזײַן און מסורהדיקייט. איןביידע ראָמאַנען — אַ ויתרוצו פון אַ דור, פון צוויי דורות, אויף דער שוועל פון דאָ און דאָרטן: צווישן נעכטן, אייערנעכטן, הײַנט און מאָרגן.

אין ביידע ביכער — גרויסע היסטאָרישע געשעענישן פון דיאַמעטראַלן, אפשר רעקאָמפּענסירנדיקן כאַראַקטער און רעזול־טאַטן. מען דאַרף נישט, מען טאָר נישט פאַרגעסן: אַלץ געשעט פאַר די אויגן פון מחבר — אַ קינד פון אומגליקלער־גליקלעכן דור פון חורבן, גלות און — גאולה.

דעם פּראָזאַאיקער מרדכי צאַנין איז געראָטן אין אַט דעם טאָפּ־עלן כאָאָס — צעשטערערישן און בויענדיקן — אַרײַנברענגען קינסטלערישע אָרדענונג. נײַע מאָסן, מוסטערן. נײַע נאָרמעס בײַם געשטאַלטיקן לעבן, טויט, אומקום, אויפקום. דאָס איז אַ נײַע דער־שײַנונג אין דער ייִדישער, אויך נישט־ייִדישער, ליטעראַטור: נײַע פּראָזע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.

פון יענער זײַט צײַט

צען דערציילונגען. הגם יעדע דערציילונג פליסט אין איר אַרביטע און איז, ווי עס דאַרף צו זײַן, אַ ראָמאַן בזעיר־אַנפּין, מיט אַן אָנהייב, מיטן און אַ סוף, — קאָן מען רעדן וועגן אַלע צוזאַמען, מחמת איין הויפּטגעדאַנק, איין אייגן־מיניקער שרײַבערישער מאַניר, מעטאָד פון דערציילן און שילדערן כּאַראַקטעריזירט זיי, און לייענען זיך ווי אַ גאַנצקייט. אין אַלע אָן אויסנאַם דאָמינירט: ייִד, מענטש, גאָט, טײַוול, וואָס צאַנין רופט סאַטאַן, גוטס און שלעכטס, מסורה, ייִדישער פונדאַמענטאַליזם, סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע, אַלטע היים, וואַגלוועג, ישׂראל.

איבער אַלע דערציילונגען — אַ הייסער בעלעטריסטישער אָטעם און אַ דערצייל־כּוח, וואָס אינטערעסירט, אינטריגירט, איז באַגערנדיק און ווײַלנדיק.

די ערשטע דערציילונג „פּאָרט אַ ייִד קיין ארץ ישׂראל", „אַ מעשׂה שהיה", ווי דער מחבר גיט אָן, לייענט זיך באמת ווי אַ פּשוטע מעשׂה אַלאַ עגנון אין זין פון ייִדישן גײַסט און וויל־קענערײַ: פֿאָלקסטימלעכקייט געמישט מיט אייראָפּעיִשן, ליטעראַרישן שאַרם און טעם. הומאָר און איראָניע, ווי צוויי איידלשטיינער לײַכטן אַרויס פון די זײַטלעך פּראָזע, כּאָטש — און אפשר מחמת — עס זענען אין זיי פּאַראַן ספקות, סקעפּטישע אָנצוהערענישן, סאַפּיסטיק און טענות צו ייִד, צו מענטש. דאָ איז ניכּר מרדכי צאַנינס פולער שרײַבערישער שיעור־קומה. ער איז, אַז איר ווילט, דער העלד־אַנטי־העלד רב ר' הירש אָן דער שיינער שוואַרצער באָרד, האַרטן קאַפּעלוש, דרײַפּערטלדיקער קאַפּאָטע, אָן אַדער מיטן שטעקן (וואַנדער־שטעקן) מיטן זילבערנעם הענטל. ער איז,

ווי ר׳ הירש אַ צעהאַלבטער, אַ צעצווייטער, ווי זאָגט מען — על טהרת עברית — אישיות מפוצלת. איז דען נישט דער וועג פון בּרך וואַרשע צי סאָקאַלאָוו (דעם מחברס „רעזידענץ״) דורך אַלע שטרויכלונגען ביז זײַן קומען קיין ישׂראל, נישט דער וועג פון ר׳ הירש ?

זאָגט דאָך צאַנין באַלד אין אָנהייב : „דער נאָמען הירש איז אַ צוגעטראַכטער, ווײַל די געשיכטע איז אַן אויטענטישע״. איז אָנצונעמען, אַז אויך די באָרד, דער סטרוי פון ר׳ הירש זענען צוגעטראַכטע. וואָלט מרדכי צאַנין נישט דורכגעמאַכט דעם וועג איבער ימען און יבשות פון ווײַטן מיזרח — אינדיע, כינע, בורמאַ, סומאַטראַ, סינגאַפּור, זיך נישט געטראָפן מיט מאַלײַער ייִדן אין באָמביי און מיט ייִדן־אינדוסן אין דער עקזאָטישער שטאָט מאַנילאַ, ייִדן אין האָנג־קאָנג, האַלב־אינדישע נזירים, באַגדאַדער ייִדן, וואָלט ער דאָס אַלץ נישט געזען מיט די אייגענע אויגן, אַליין בגוף ונפש אַדורכגעמאַכט, — וואָלט דאָס אַזוי טראַגיש־שיין און אויטענטיש־אָריגינעל נישט צום אויסדרוק געקומען.

הײַנט די באַגעגענישן פון ר׳ הירש מיטן ד״ר אַלשוואַגער, אַ גרײַזעווער פון פוילן, וואָס זעט אויס „ווי אַן אינדישער אַריסטאָ־קראַט״ ; און די לײדי דזשײַקאָפּ, די באַזיצערין פון פּאָרט סינגאַ־פּור, און די לײדי ששׂון, וואָס איז ״אַ גוטהאַרציקע פרײַנדין פון ייִדן און האָט ליב די בני־ישׂראל״, צו ווען דער מחבר האָט געהאַט די זכיה אָנצוקומען און געפירט ווערן אין זייערע פּאַלאַצן פון באַ־דינערס — „הויכע, שלאַנקע סריסים אין ווײַסע קיטלען ביז די סאַנדאַלן זייערע״ ; בכלל קומען אין קאָנטאַקט מיט די־אָ ממש לעגענדאַרע געשטאַלטן אין מאָדנע סטרויען ; אַ געמיש פון לשונות, אַ פּלאָנטערן זיך אין די גאַסן און געסלעך, ווו ס׳לעבן „האַלב ווילדע שבטים און גאַנץ ווילדע חיות״ — אָרטשאַפטן און וועלט־ווינקלען, וואָס מ׳זעט קוים אָדער אין גאַנצן נישט אויף דער מאַפּע ; זײַן אַן עדות פון קאָמיש־טראַגישע סיטואַציעס, פון אַ מערדערלעך שלאָגן, דערלאַנגען קלעפּ פון סיקישע יונגען (אַ קריגעריש פאָלק)

אַרעמע, הונגעריקע כינעזער און „באַקומען אַ קורצן און אינטענ־סיוון קורס וועגן פעלקער־ און קלאַסן־באַציונגען, וועגן אוממענטש אינעם מענטש —״ אַט דאָס אַלץ, וואָס לכאורה שמעקט מיט רעפּאָרטאַזש, באַקומט בײַ מרדכי צאַנין דעם פּראָזאַיקער הויך־קינסטלערישן אויסדרוק.

איז מיר שוין אַ קנאַפּע נפקא־מינה, צי ר׳ הירש צי מרדכי צאַנין רעדט: „אַ ייִד דערקענט מען אין פּנים. איך דערקען אַ ייִד אויף אַ מײַל. די גוייִם האָבן אויסגעטראַכט אַ מאַגנעט, אַ וואַזשנע זאַך! אַ מאַגנעט! אַז איין ייִד שטייט פון איין זײַט וועלט און אַ צווייטער ייִד שטייט פון דער צווייטער זײַט וועלט, וועלן זיי זיך אַנטקעגנגיין. בפרט ווען ייִדן געפינען זיך אין איין שטאָט״. (זייט 23).

אין אַט די בילדער, אין די שילדערונגען פון מקומות, לאַנד־שאַפטן און לאַנדשאַפט פון מענטש, דערגייט מרדכי צאַנין דער רעאַליסט־ראָמאַנטיקער צו מדרגות פון קלאַסישער פּראָזע. מ׳דאַרף דערבײַ נעמען אין באַטראַכט, אַז דאָ רעדט זיך נישט וועגן שטעטל און שטעטל־סביבה, נאָר וועגן אַ ווײַטער און ווילדפרעמדער טיפּן־גאַלעריע פון פאַרשיידענעם מעמד, קלאַסן און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער פּראָבלעמאַטיק. אייגנטלעך — אַ כראָניק אויפן פּאַן פון מענטשן־ און פעלקער־וואָגל אין מלחמה־צײַט. אויף אַ סך שטעלן טרעפן מיר שילדערונגען, וואָס רופן זיך איבער מיט די באַשרײַבונגען פון איליאַ ערענבורג בשעת זײַן ווײַלן אין שפּאַניע אין די יאָרן פון בירגערקריג.

אויך אין דער צווייטער דערציילונג, וואָס דער מחבר באַטיטלט „די נישט פאַרענדיקטע נאָוועלע״, הגם זי איז טעמאַטיש פון גאָר אַן אַנדער, אַזוי צו זאָגן, שניט, ווערן באַרירט פּראָבלעמען פון אייביקער מיסטעריע אין דער מענטשלעכער נשמה: גורל, גורל־דיקייט, ליבע, פאַרראַט — אַן אַלטע אייביק יונגע פּראָבלעמאַטיק. און ווײַל די טעמע פון דער נאָוועלע איז אפשר טאַקע „אַ באַנאַלע״, ווי דער מחבר זאָגט אויף זײַט 51 און גיט צו: „ווי עס איז באַנאַל

די ווירקלעכקייט", „די אייביקע געאָמעטרישע פיגור פון דעם דריַיעק", — ווערט גרעסער די רבותא, ווען אַזאַ טעמע קומט אַריַין אין די הענט פון אַ קינסטלער־דערציילער.

סיַי דער קאָמפּאַקטער סטיל, סיַי דער תּוכן און בעיקר די אידעע פירט דעם לייענער תּיכּף אַרויף אויף דער לופטיקער בריק, וווּ ס'טרעפן זיך דער מחבר און דער מיַיסטער פון דער קורצער דערציילונג, דער פראַנצייזישער קלאַסיקער מאָפּאַסאַן. דאָס בולטס־טע, וואָס איז ניכּר ביַי ביידע, איז די פּוענטע, אויך דער שטילער הומאָר, די איראָניע, דער ערנסט און דאָס שפּילעוודיק־וויַילנדיקע, וואָס דער מחבר האָט זיך צוגעאייגנט און איז אַזוי נאַטירלעך אין זיַין דערציילקונסט, הגם עס געשעט אויפן פאָן פון אַן אַנדער ווירקלעכקייט, ביַי אַנדערע ספּעציפיש אָרטיקע באַדינגונגען און טראָגט אָפּט אַן אַנדער כאַראַקטער.

פאַראַן אויך אַן ענלעכקייט אין איבערראַשנדיקן ווענד, אין דער אומדערוואַרטקייט פון דער האַנדלונג אָבער אויך מיט אַ „הגם": ביַי מאָפּאַסאַנען איז דער פאַרראַט, אויב מ'מעג זאָגן, כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס ער איז אין דער נאַטור פון זיַינע העלדינס, דער פראַנצייזישער פרוי, און עס איז קינסטלעריש באַגלייביק. ביַי מרדכי צאַנין אין דער דאָזיקער נאָוועלע איז דער פאַרראַט אויך דאָמינאַנט, אָבער, להיפּוך, — אַ צופעליקע אָדער פאַרביַילויפיקע, פּיקאַנטע געשעעניש, און איבערראַשט לטובת דער פאַררעטערין. דאָס מאָראַליש־פונדאַמענטאַל־מסורהדיקע אין דער יִידישער פרוי האָט די אויבערהאַנט. די גימנאַזיסטין, וואָס איז משוגע פאַרליבט אין איר לערער, אַ צד אין „דריַיעק", דווקא נאָכן דערוויסן זיך וועגן אומקום פון איר מאַן שיַיקע, — „אַ טיפּ פון אַ קיבוצניק מיט קיין מאָל נישט פאַרקעמטע האָר, מיט אַ האַרט לשון", — ווען זי קאָן אומגעשטערט ממשיך זיַין דעם ראָמאַן מיטן לערער, האָט דעם געוואַלדיקן כּוח אויסצושרייען: „פאַרשווינד, איך וויל דיך מער נישט זען!"

נעמט זיך נישט דער דאָזיקער כּוח פון דער ספּאָנטאַנקייט פון

איר ערשטער ליבע צום לערער? איז אַזאַ האַנדלונג נישט כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַ סאַברע? און וואַרפט דערביַי אויך אַ ליכט אויף דער אייגנאַרטיקייט פון דור „תוצרת הארץ״, גיַיסטיק־פסיכאָלאָגישן נשמה־לאַנדשאַפט פון אַ ניַיעם דור, וואָס האַלט דאָ אין וואַקסן און ווערן אויפן פאָן פון היגן ניַיעם שטייגער, וואָס האַלט אויך אין ווערן.

די אידעע, פּוענטע, ערשטער אויפהעל אין דמיון פון שריַיבער, וואָס איז דער תּוך צו שאַפן, בויען די נאָוועלע, נעמט אויף זיך הויט און ביין און קינסטלעריש „פלייש״: ליבוש, סיוזשעט, האַנדלונג און פינאַל, וואָס ציט אַוודאי יניקה פון דער אידעע, ערשטן אויפהעל. וועגן דער אידעע גופא, וואָס אין איר זכות לעבט קינסטלעריש די נאָוועלע — איז גענוג צו ברענגען וואָס דער מחבר זאָגט אויף זיַיט 44: „צוויי יונגע מענטשן לעבן אויס אַ לעבן, וואָס איך האָב פאַרוועבט אין מיַין דמיון״. משמע, אַז ווען דער סיפּור־המעשׂה וואָלט נישט געשען אין דער „באַנאַלערווירקלעכקייט״, וואָלט אים דער מחבר אויסגעדמיונט, באַשאַפן.

איז, בכן, די „נישט פאַרענדיקטע נאָוועלע״, פאַרקערט, מיַיסטערהאַפט פאַרענדיקט, פאַררונדיקט און פאַרשלאָסן, ווי דער קריַיז פון אַ זייגער.

„די מלכּה פאַטמאַ״ איז אַ דערציילונג על טהרת ישׂראל־טעמאַטיק: היגער לאַנדשאַפט, קלימאַט, לעבנס־שטייגער פון די בעדויִנער און דערמיט שוין אַ נאָוועלע אין דער היגער, אַוודאי אויך דער נישט היגער, ייִדישער ליטעראַטור. עס לייענט זיך ווי אַ מעשׂהלע פון „טויזנט און איין נאַכט״. מידבר, געצעלטן, שוואַרצע און גראָע שאָף און קעמלפעלן — שוואַרצע פליאַמעס אויפן וויַיסן זאַמד. מידבר. שיינע, אויסגעשטערנטע נעכט. הייסע טעג אונטער „נידעריקע הימלען״. אַ כאַוואַדזשאַ, אַ שיין בעדויִנער מיידל, מיידלקינד אין די רייַפקייט־יאָרן. חלומות וועגן אַ מלך אָדער בן־מלך, וואָס וועט זי אויף אַ וויַיס פערד נעמען צו זיך אין קייזער־לעכן פּאַלאַץ. ריח פון פאַשעפעלד און קעמלמיסט. אַ וואַסערקוואַל,

וואָס דורשטיקע קעמלען, שעפּסן־סטאַדעס דערשמעקן דעם ריח פון קילאָמעטערס ווייַט.

מיט אַ קאָנפּוואָרטיקייט דערלאַנגט אונדז דער מחבר אָט די פּאַרביקע שילדערונגען, דעם סטעפּ־קאָלאָריט, סטעפּ־געשטאַלטן, סטעפּ־מינהגים און מנהיגים פון שבטים, די בעדויִנער פרוי אין שוואַרצע טיכער, פּאַראַנדזשעס איבער די פּנימער. פּרימיטיווקייט און לעבנס־חכמה. צעשפּילטע פאַנטאַזיע פון גרויסע קינדער, אַכזריות פון בעדויִנער און אַ מכניס־אורחים אויפן שטייגער פון אורפאָטער אברהם אבינו.

די טעמע איז אַ באַקאַנטע, הגם ניַי פאַר אַ ייִדישן שרייַבער, איז זי פאַר מרדכי צאַנין נישט קיין ניַיעס. האַלט ער דערפאַר דעם סיפּור־המעשׂה אין אַן אָריענטאַלישן טאָן. פּאַמעלעך, ווי דער שטייגער פון די מיזרח־מענטשן, ווי דאָס אויפגיין און פאַרגיין פון דער זון, גייט אויף פאַר אונדזערע אויגן דער מידבר־אימאַזש, כאָטש איינציקע צענדליק מעטער אָדער אייניקע קילאָמעטערס טיילן דעם נגב אָפּ פון שטאָט, פון מידבר־כּרך באר־שבע.

קלאָר ווי דער לויטערער וואַסערקוואַל און פאַרנעפּלט ווי דער הימל אין אַ חמסין־טאָג גייט אויף די בענקשאַפט אין האַרץ פון בעדויִנער מיידלקינד. אַן עלטערער מאַן פון שכנותדיקן גע־צעלט איסמאַיל כאַלד איבן סאַיד ווערט אַן אָפּטער אורח אין איר טאַטנס געצעלט. דערציילט מעשׂיות, וויל מיט זיי ווייכער מאַכן ס'האַרץ פון פאָטער, וואָס חלומט פאַר אַ לייַטישן מאַהאַר פאַרקנסן זייַן טאָכטער און פאַרגרעסערן זייַן שעפּסן־סטאַדע.

דאָס מעשׂהלע לייענט זיך פליסיק, ווי דער ליכטיקער שטראָם פון קוואַלוואַסער אין מידבר און מיט אַן אימפּעט פון רייַטנדיקן מלך, וואָס איַילט צו פאַטמאַ איר ברענגען אין זייַן שאַנקעדיקן פּאַלאַץ. אַ לעבנס־מעשׂהלע פון אַ בעדויִנער מיידל, וואָס פּירט אַ סטאַדע שעפּסן אויף דער פּאַשע. אַ קאַלב־כּלב־הונט באַגלייט איר און זי אָטעמט מיט דער לופט פון וואַדיס און פאַשעפּעלד און — אַ מלך.

ערשט אַז דער טאַטע האָט פּאַטמאַ אין שטאָט אַרײַן געגומען קויפן שיך, האָט זי זעענדיק הויכע הײַזער, מענטשן, מענטשן־געזעמלען, שטייענדיקע, גייענדיקע און פּאַלנדיקע, זיך שטאַרק געוווּנדערט, ווי אַזוי די לעמער האָבן אַנגענומען ס׳געשטאַלט פון מענטשן, אָדער מענטשן — ס׳געשטאַלט פון גרויסע לעמער. געזען, ווי זיי שטופּן זיך „גאַס־אַראָפּ ווי עס שטופּט זיך אַ סטאַדע ווען זי איז דורשטיק און דערפילט די נאָענטקייט פון אַ קוואַל, אָדער ווען זי איז אין אַ סכּנה״. אויך האָט זי געזען „לײַט אין מונדירן און מיט שטעקנס״ (געווען אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס די פּאָליציי האָט צעיאָגט). האָט זי צעעפנט אירע תּמימותדיקע אויגן מיט אַ שאלה צום טאַטן און דער טאַטע האָט געענטפערט: „געדענקסט, וואָס עס האָט דערציילט דער אַלטער איסמאַיִל כאַלד איבן סאַיד וועגן מלך? אַ מלך הערשט איבער זײַן סטאַדע אָבער ער היט זי נישט. ער מעלקט זי, ער שערט זי און ער שלאָגט זי״. (זײַט 87).

אויך אין דער קורצער דערציילונג — עלף זײַטלעך סך־הכּל — דערקענסטו צאַנינס „פינגער־אָפּדרוקן״ אין פינאַל, וואָס איז אַוודאי אין אָנהייב צוגעטראַכט געוואָרן (אידעע) און וואָס גיט עקסיס־טענץ־באַרעכטיקונג דער גאַנצער דערציילונג. פון דאַנעט דער קינסטלערישער ווערט פון דער דערציילונג, וואָס ברענגט תּמיד עפּעס נײַס, איבערראַשנדיקס, טרעפלעכס, יסודותדיקס און סודעס־דיקס. אָט די אונטערשטע שורה, ווי מ׳זאָגט, זענען נישט נאָר צאַנינס „פינגער־אָפּדרוקן״, אַלאַ — נשמה־אָפּדרוקן. עס איז צאַנינס מע־סעדזש.

די גאַנצע דערציילונג קאָן אויך זײַן — אַלעגאָריע. איז נישט דאָס מיידלקינד דער סימבאָל פון פּשוטן פאָלקסמענטש, פאָלקס־כאַראַקטער? דער גלויביקער, שטויביקער מענטש, וואָס איז שוין נישט אַזוי פּשוט אין זײַנע גלייבענישן, פאַרלאַנגען, חלומות? דער חלום אויף דער וואָר פון בעדווינער מיידלקינד, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ מלכּה און איז געבליבן „דערווײַל בלויז די מלכּה פון די לעמער״?

איך האָב איבערגעהיפּערט די דערציילונג „דער דיקטאַטאָר“, מחמת די פינפטע דערציילונג „מעסיע סאַטאַן“ איז אין דער אידעע, אינהאַלט, אין סוזשעט, אין קינסטלערישן געשטאַלטיקן די טיפּן ענלעך צו „דער דיקטאַטאָר“. אַז דו ווילסט זענען ביידע אויסגעטראַכטע געשטאַלטן, וואָס דאָס לעבן ליפערט בשפע, אַ יאַנוס־פּנים פון איינעם. אַלעגאָרישע טיפּן — איבער צײַט און אָרט — און מ׳קאָן אַוועקזעצן אויפן אָרט פון איינעם — דעם צווייטן. ביידע — ציניקער, אַפּחוזיקער, הכּל־יכולניקעס. ביידע האָבן די זעלבע טײַוולאָנישע נשמות אָדער זענען נשמהלאָז. ביידע, וואָס זענען איינס, זענען די צווייטע זײַט פון דער מטבע — מענטש.

„זײַן עקסצעלענץ דער דיקטאַטאָר האָט נישט דעם מינדסטן כּבוד פאַר די לײַט וואָס רינגלען אים אַרום און העלפן אים הערשן“ (זײַט 58). מעסיע סאַטאַן איז „דער ערשטער ליבעראַל אויף דער וועלט“ (זײַט 91). „די וועלט איז נישט הפקר“ (זײַט 91). „וואָס מעבטיקער דער הערשער, אַלץ מער לויערן אויף אים פאַרשווערער, טעראָריסטן, אַנאַרכיסטן און אַנדערע אורקעס און ער, זײַן עקסצעלענץ, איז מעבטיק“. (זײַט 59).

ווער זאָגט אָט די לעצטע ווערטער? זענען דאָס נישט קיין רייד, אַרויסגענומענע פון מעסיע סאַטאַנס מויל? ניין. דאָ רעדט זיך וועגן „דער דיקטאַטאָר“, און דאָס זאָגט ער. אין די צוויי דערציי־לונגען דאָמינירט אויך איין הויפּט־מחשבה, איין אידעע, וואָס ווערט דערלאַנגט מיט אַן אויסעראָרדנטלעכן דערצייל־כּוח, מיט שיינקייט פון וואָרט, קלאָרקייט פון געדאַנק און וואַרעמקייט פון האַרץ מיט דין־דינע פּסיכאָלאָגישע ניואַנסירונגען. יאָ, הומאָר, האָבן מיר געזאָגט. שוין איין מאָל אַ הומאָר!

„יאַדוויגאַ“. איך וועל אָנהייבן פון סוף, מחמת איך וויל אין אָנהייב זאָגן, אַז די טעמע חורבן, מלחמה, פּליטים, נע־ונד, רוסישע לאַגערן זאָגן אַ סך און זאָגן שוין באַלד גאָרנישט. מ׳קאָן די איבערלעבונגען, איבערשטאַרבונגען, ווי אַנדערשדיק און נײַ זיי

זאָלן נישט זײַן, טרעפֿן אין אַ סך ביכער, מלחמה־כראָניק, אַפּילו אין קינסטלערישער כראָניק. אויב זיי זענען נישט סטערעאָטיפּיש, זענען זיי דאָך און אָבער אין מערסטן טייל באַקאַנט. דער מחבר ווייסט עס און אויב ער האָט אויף דער טעמע אָנגעשריבן איין און צוואָנציק זײַטן, וואָס לייענען זיך מיט שפּאַנונג און אין איין אָטעם — האָט ער געוווּסט, וואָס און פֿאַר וואָס ער טוט עס.

די לעצטע פֿופֿצן־צוואָנציק שורות פֿון דער דערציילונג זענען דער פֿונדאַמענט און דער דאַך פֿון אָט דעם אויסגעפֿורעמטן און אויסגעפּײַנטן בנין, „דעקן" דאָס געזאָגטע און געשילדערטע און „ענטפֿערן" אויף אַלע שאלות, וואָס דער לייענער פֿרעגט: וואָס האָט אַזוינס געצויגן דעם שיינעם יידישן יונגן־מאַן, וואָס זעט אויס ווי אַ גוי צו יאַדוויגאַן? ערשט דער סוף פֿינאַליזירט, קלאָרט אויף, זאָגט אויס דעם סוד. דער סוד איז גוט פֿאַרטראַכט פֿון אָנהייב ביזן סוף און אָרגאַניש אויסגעבונדן. ערשט די לעצטע עטלעכע שורות פֿינאַליזירן און איבערראַשן. זעסט באַשײַמפּעלעך, אַז נישט אין צעלייגן אויף טעלערלעך און מיט אַלע פּיטשעווקעס די בעט־תּענו־גים גייט צאַניען, נישט צוליב פּיקאַנטעריע פֿון דעם מין, וואָס איז שוין גאָרנישט נײַ אין דער נישט־ייִדישער און אויך אין דער ייִדישער פּראָזע פֿון די לעצטע פֿופֿציק יאָר. דאָס וואָלט דער דערציילונג געטאָן נאָר אַ בערישע טובה. דער מאי־קא־משמע־לן פֿון מחבר איז די ייִדישע טאָכטער, וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פֿון אַ יאַדוויגאַ, אַ קריסטין, פֿאַרן גראַף פּאָטאָצקי דעם שייגעץ, בײַ וועלכן זי וועט אפשר געפֿינען שוץ אין יענע פֿינצטערע טעג, און נישט אָן מורא, אַז דער גוי זאָל איר צוריקצאָלן מיט שאַנטאַזש פֿאַר איר ייִדישקייט.

אפשר, ניין — זיכער האָט דאָס פֿינטעלע ייִד געצויגן דעם ייִדישן יונגער־מאַן צום ייִדישן מיידל. דער סוד איז דאָס ניסתּר־דיקע, דאָס אמתע געפֿיל — ייִדישע גורלדיקייט, וואָס האָט געצויגן און פֿאַרבונדן ביידע. פֿון דאַנעט אויך די הצלחה פֿון קענען אויס־שפּילן די ראָלעס פֿון ביידע ביזן גליקלעכן סוף.

יאַדוויגאַ הייסט צפורה ראָזען. גראַף פּאָטאָצקי איז נישט קיין אַנדערער, ווי אברהם־יהשוע העשל. ביידע ווינען אין ישׂראל.

אַ שיינע מעשׂה, האָבן געזאָגט אונדזערע מאַמעס, אָבער אַ שאָד — אַ קורצע.

די דערציילונג „גאַז H×4" איז איינע פון דריַי, וואָס קומען אַריַין אין דער צווייטער טייל פון בוך „פון יענער זיַיט צייַט"; די דערציילונג „דריַי טעג רעגן", וואָס אינהאַלטלעך און לויט די ביאָגראַפישע עלעמענטן, וועלכע זענען דאָרט ניכּר, וואָלט, מיין איך, אויך באַדאַרפט אַריַינקומען אין דער צווייטער טייל מיט די לעצטע צוויי „אין איינעם אַ פאַרנאַכט" און „די וואָלפן־נאַרע". וועלן מיר דעריבער באַהאַנדלען אַלע צוזאַמען.

אין אַלע דערציילונגען, וואָס כאַפּן אַ שטח מער ווי אַ העלפט פון בוך, רעדט זיך בעיקר וועגן ייִדישן לעבן, ייִדישער הווי און וויי אין די יאָרן פון ערב און סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און צווישן דער ערשטער און צווייטער וועלט־מלחמה. די דערציילונג „אין איינעם אַ פאַרנאַכט" איז דאַטירט: 1932. שטעטל, שטייגער, עמק הבכא. די טעמע, די מילע איז צו יענער צייַט און עד היום, די הויפּט־טעמע פון אַ גאַנצער פלעיאַדע פּראָזאַיקער, וואָס זענען שוין נישטאָ: דער איידעלער יהשוע פערלע, שלמה בערלינסקי, אפרים קאַגאַנאָווסקי, שוין אָפּגערעדט פון איטשע־מאיר וויַיסנבערג, שלום אַש. איך האָב דאָ אויסגערעכנט די מער אָנזעעוודיקע, ווירקעוודיקע שרײַבערס, וואָס זייערע ווערק האָבן געהאַט און האָבן אַ גרויסע השפּעה אויפן גאַנג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מרדכי צאַנין — אויף צו לאַנגע יאָרן — איז דער מיט־און־נאָכגייער פון אָט דער פלעיאַדע.

מיט זיַין דינאַמישן לשון, מיט זיַין אָבסערוואַציע־כּוח, מיטן קרעפטיקן וואָרט, מאָדערנעם סטיל ברענגט צאַנין אַריַין נײַעם אָטעם אין אָט דער שטייגער־פּראָזע, ווו עס ווערט אויך באַרירט סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמאַטיק („אין איינעם אַ פאַרנאַכט"). זיַין לעבן און זיַין שאַפן וואָרצלט דאָרט און איז זיך דאָ־הי צע־

וואַקסן און צעבליט. דרײַ און צוואַנציק ביכער זענען אַרויס פון אונטער זײַן פּען, צווישן זיי דער מאָנומענטאַלער אַכטבענדיקער „יידישער ראָמאַן", איבערגעזעצט אין עברית, אין ענגליש, בקרוב — אין פראַנצייזיש. זײַנע ווערק מאַניפעסטירן הומאַניזם, סאָציאַלע רעכט, הויך־קינסטלערישן ניוואָ, פאָלקס־פּסיכאָלאָגיע און פאָלקס־באַגער.

כּדי צו באַאמתן דאָס דאָ געזאָגטע, האָב איך איבערגעלאָזט צום סוף די באַהאַנדלונג פון דער דערציילונג „גאַז H×4", ווו בולטער ווי אין די פריערדיקע דערציילונגען קומט צום אויסדרוק דאָס הומאַנישע, עכט מענטשלעכע, דאָס יצר לב אדם טוב מנעוריו קעגן דער פאַרדאָרבנקייט, וואָס צעפרעסט די בעסטע חלקים אין מענטש. אינזשעניר כּעמיקער עמנואל העלדענזאַנג (אויך דער נאָמען זאָגט דרשנו וועגן זײַנע „העלדישקייטן"...), אַן אייגנטי־מער פון אַ פּאַטענט אויף אַ סינטעטיש מיטל צו פאַרשענערן דעם מענטשלעכן מין, געפינט אויס אַ גאַז, וואָס זאָל אויפן פראָנט סוף ערשטער וועלט־מלחמה טויטן וואָס שנעלער און עפעקטיווער. ער שטעלט זיך און זײַן לאַבאָראַטאָריע און זײַן קאָסמעטיק פאַבריק אין דינסט פון זײַן מאַיעסטעט דעם קייזער און הויפּט־גענעראַל פאָן קלאַודענבורגס און זײַנע (דע)גענעראַלן פאַר זייער זיג און פאַר זײַן וועלטרום. אַ רויִקער, באַזאַכטער פאַרשוין איז דאָס, עקספּערימענטירט „מיט גלעזערנע פּיפּעטן און פאָרצעלײַענע שי־סעלעך". ער אַרבעט איבער אַ סיורפּריז פאַר זײַן ווילגעבוירן.

גרויסע בקיאות און געניטשאַפט, וויסנשאַפטלעכע טערמינאָ־לאָגיע אין כעמישע שטאָפן, זייער כּוח, ווירקונג ווערדליק דאָזעס און קוואַנטומס ביז די קלענסטע פּרטי־פּרטים אין די מישונגען — ווײַזט אַרויס דער מחבר.

מיט איראָניע וואָס גייט דאָ איבער אין סאַרקאַזם שילדערט ער דעם פאַרשוין אין זײַן קריכן צום שפּיצבאַרג פון גליק מיטן שטופּנווײַזן דערגיין צום „גאַז H×4", וואָס דאַרף נושׂא־חן זײַן אין די אויגן פון ווילגעבוירענעם און זײַנע פאַרקאָרומפּירטע

גענעראַלן. דער דאָזיקער גאַז דאַרף זײַן די העכסטע דערגרייכונג פון דער וויסנשאַפט, ווײַל מיטן עפעקטיוון טויטאורטייל פאַרן שׂו־נאס זעלנער וועט „פאַרשענערט ווערן דער מענטשלעכער מין". אַגב, אָט די פאַרברעכערישע חכמהלאָגיע גייט אויך הײַנט אָן פאַר די אויגן פון דער ציוויליזירטער וועלט און איז גורם שרעק און ווײ און ווינד.

אָט דער „וויסנשאַפט־מאַן", וואָס מרדכי צאַנין שילדערט מיט אַזאַ מײַסטערהאַפטער פען, מיט דינעם הומאָר און איראָניע, אַזוי איבערצײַגנדיק און קינסטלעריש אמתדיק, איז איינער פון אַ סך, וואָס זענען, צום טיפן באַדויערן, אויך הײַנט צו טאָג טעטיק אין דער „וויסנשאַפט".

דאָס איז די פאַרלעצטע דערציילונג אין בוך, וואָס האַלט צוויי הונדערט און צוואַנציק זײַטן, אָנגעפּיקעוועטע צו אַכט און דרײַסיק שורות אַ זײַט און מאַכט אַ שטאַרקן רושם מיט דער קנאַפּ־וואָרטיקייט און פילזאָגעוודיקייט, איז געשריבן לויט דער בעסטער טראַדיציע פון שטייגער־פּראָזע פּלוס מאָדערניסטישער גוט פאַר־דײַטער אופן פון דערציילן, שילדערן, מאָלן און זאָגן אַן אייגן וואָרט.

אברהם סוצקעווער

דער יורש פון רעגן

זיבעציק לידער, לידער־ציקלען צווישן צוויי דינע, גראָע טע־וועלער. אַ קליינפאָרמאַטיק ביכל און אַזאַ מענגע נײַע שיינקייט, אַ שיינקייט ביז ווייטיק.

וואָס איז אייגנטלעך דער סוד פון סוצקעווערס ליד? עס איז אַ זען אַן אָביעקט, אַ בוים, אַ מענטש אָדער אַ דומם מיט די אויגן פון גוף און נשמה, אַ פילן, אַ באַנעמען מיטן חוש, מיט אַלע חושים צו מאָל — איידער דעם דערגיין צום באַוווסטזײַן — דאָס געזעענע, דאָס געשעענע אין ליניעס, פאַרבן, קלאַנגען, מאָסן, ריטמען און מאָלן, געשטאַלטיקן עס אין ריכטיקע פּראָפּאָרציעס.

עבטער טאַלאַנט, זאָגט ערגעץ דוד פרישמאַן, מיינט אייביקע יוגנט. איך וואָלט צוגעגעבן: אומשטערבלעכקייט, מחמת עס איז אוממעגלעך, אַז די נשמה, השארת־הנפש פון אַ קינסטלער, בפרט פון אַזאַ מדרגה, זאָל זיך פאַרענדיקן מיט דער עקסיסטענץ פון גוף. עבטקייט איז נאַטירלעך און במילא — נאַטור־דערשײַנונג. גאָר־נישט גייט אין דער נאַטור פאַרלוירן. עס איז בלויז אומבײַט פון זאַכן, פאָרעם, געשטאַלט.

דער בוים ברענט, ווײַל פאַראַן אין אים ברענשטאָף. דער ברענשטאָף גייט נישט אין ניוועץ.

דער קינסטלער שאַפט, ווײַל פאַראַן אין אים דער ניצוץ — מתת ממרומים:

„— — — אַז אַ רעגן וועט באַדעקן אונדז מיט זײַנע פליגל,
וועט אויפגיין אין די וואָרצלען פון דער פינצטערניש
אַ רעגנבויגן —"

זאָגט זיך אין די לעצטע צוויי און אַ האַלבע שורה פון ערשטן ליד „שיר־השירימדיק" (ז׳ 7), משמע: אַ טויטן ס׳פּנים פון זאַכן. נאָכן רעגן קומט, בכן, וואָס קומט נאָך אים? ווער האָט אים געירשנט? דער רעגנבויגן.

היינט, אויב עס גייט וועגן מענטשלעך־דיכטערישן צער, טרויער און באַדויער אויפן טויט פון אַ שטוב־חיה, אַ קאַץ — אַ קרבן פון אַ פאַרביי־פאַרנדיקן אויטאָ, „לזכר מיין סיאַמער קאַץ" — וועל איך בלויז ציטירן דריי שורהלעך:

„דער אויסלעשער פון לעבנס האָט זיך אָנגעטאָן ביי צייטנס
אין רעדער גומענע
און ס׳איז מיין קאַץ געבליבן אויפן גאַס אַן אומגעקומענע".
(ז׳ 9).

אויך אַ טויט פון אַ קאַץ קען אַרויסרופן אַ דין־דינע שפּירעוודיקייט, אַפילו ווען אַן אויטאָ מיט לעבעדיקע מענטשן ווערט בכּוונה באַשאָסן, אונטערגעצונדן; אַפילו ווען אַצינד, דאָ, און נישט נאָר דאָ, שאַלטעוועט טעראָר, ברודערמאָרד, שוין אָפּגערעדט פון קלענערע און גרעסערע מלחמות, וואָס זענען גורם אומגליק.

מענטשלעכער צער אויפן טויט פון אַ בעל־חי, אַרויסגעברענגט אין אַ ליד פון ניינצן שורות אַזוי שוידערלעך און שיין, אַזש דו פילסט ס׳אַריינשטעכן זיך אין דיין פלייש־ און גייסט־געוועב פון נאָדעלער, לויטן אַלטן־מאָדערניסטישן כינעזישן היילמעטאָד: נאָדעלער פון היילנדיקן ווייטיק.

אויף זייט 21 אין אַ לידער־ציקל פון א ביז ד („אינעווייניק") — דאַנקווערטער צו צוויי יונגע קאָלעגן, אַ מאַן און אַ פרוי, זעט דער דיכטער — אַליין אַן אוד מוצל מאש —

„יענע אוצרות, וואָס די לעצטע פינצטערניש
האָט געזוכט אין פינצטערניש,
נישט געקאָנט אין פינצטערניש געפינען."

דרײַ מאָל ווערט באַנוצט דאָס וואָרט פּינצטערניש אין פינף שורות. איז עס ביַי אַזאַ וואָרטמײַסטער ווי סוצקעווער אַוודאי נישט קיין צופעליקייט. עס איז בכּוונה דערמאָנט, כּדי קלאָרער מאַכן ס׳ליכט, ווי עס זאָגט זיך אויף אַ זייטל פריער,

„— — — אויף אַ מסיבה
ווו די וווּנדערמענטשן, מײַנע פרײַנד, און זייער ליבע,
האָבן מיר געשאָנקען זייער אָטעם, אַ מינוט
איידער כ׳האָב פאַרלוירן מײַנעם צווישן בײַטש און רוט.״ (ז׳ 20)

וואַרעמהאַרציקע דאַנקווערטער. זיי פליסן מיטן צווייערלייִיקן בלוט — פון אָדער און פון די בלוט־אַרטעריעס אין די מסוגלדיקע פינגער פון פּאָעט און גיסן זיך אַרײַן אין די פּרעציזירטע שורות מיט אַ מעלאָדיע, וואָס פאַראייניקט אַלע ריסן פון אַ האַרץ. זאָגט דאָך ערגעץ דער בערדיטשעווער: „אַלץ אין דער וועלט האָט אַ ניגון. מען דאַרף בלויז צולייגן אַן אויער און זיך איינהערן״.

אין נאָך אַ ציקל לידער פון א ביז יוד („דערמאָנונגען״) רעדט זיך אויך וועגן מענטש:

„אדם
ווען ס׳איז חוה
געווען די פרוי די איינציקע אין עדן
און ער — דער מאַן דער איינציקער פאַרביידן״. (ז׳ 27)

עס רעדט זיך בכלל וועגן מענטש, זײַן געבוירן און עלטערן זיך ביז:

„געיאָוועט זיך פלוצעם אַ מאָלער, ווער האָט אים געבעטן,
— — — באַמאָלן דײַן שטײַף אָנגעצויגענעם לײַוונט פון פּנים
און האָט נאָך זײַן שמייכל געלאָזן דעם שפּיגל
צו ירשענען?״ (ז׳ 29)

איז דאָס אַ זיס־ביטער שמייכעלע, אַ צאָרן־געזאַנג, אַן פּרע־טענזיע צו דער נאַטור און אירע כּוחות פון געבערן און צעשטערן, אַ תּיל און תּל מאַכן פון אייגענעם באַשאַף — דעם מענטש; אַ יאָמער־געזאַנג צום „מאָלער", וואָס „יאַוועט" זיך אומגעבעטן און טוט זײַן צעשטערערישע מלאכה בהדרגה, ביז

„ווען ס׳פאַלט אויף אים אַ גרודע נאָך אַ גרודע". (ז׳ 30)

און ווידער צער און באַדויער אויפן מענטש. בענקשאַפט און קרענקשאַפט צום בן־אדם פונעם וויגל, פון און איידער זײַן געבוירן ביזן פאַלן „אויף אים אַ גרודע נאָך אַ גרודע", ביזן פאַרוואַנדלען זיך אין „לעבעדיקע שטויבן". אַ בענקשאַפט און אַ פּחד, וואָס באַגלייט דעם מענטש:

„אַטאָמען ראַנגלען זיך מיט הארצאַטאַקן
און קיינער ווייס נישט ווער ס׳איז ווען גובר". (ז׳ 32)

אַ יאָמער־געזאַנג אויף אַן עולם ומלואו. ווערטער וואָס הייבן זיך מיט נאַטירלעכער לופטיקייט איבער און אַריבער לעבן און טויט. רעמיניסצענצן. טראַכטונגען, וואָס זענען אייגנטלעך, מעג מען זאָגן, די מנת חלקו פון יעדן בן־אדם. נאָר ווייניקע, אייניקע, אַן איין־און־איינציקער איז בכּוח אויף אַזאַ אייגנמיניקן דין־שפּי־רעוודיקן אופן אַזוי ווונדערלעך־ווונדיק שיין עס אַרויסברענגען.
סוקעסוועס וואָרט איז געלאַדן מיט אומפאַרמײַדלעכער אַרײַנ־דרינגלעכקייט. מער ווי דו באַגרײַפסט עס בוכשטעבלעך ביסטו עס תּופס אין טיפערן זין. זײַן וואָרט געפינט טרייסט אין יסורים, האָפע־נונג אויפן העכסטן שטאַפּל פון מאָראַלישער און פיזישער דער־נידעריקונג, טראַגעדיע.

פאַראַן בכלל אין זײַן יחידישן דרך אַ פאַרקניפטקייט פון וויזיע, מיסטעריע און רעאַליע, פון אינדיווידועלן און פאָלקישן גורל. גורל

פון מענטש אין זײַן צעריסנקייט, אומבאַהאָלפנקייט און באַדרענג, אין זײַן עקשנותדיקן זוכן סײַ זײַן אָרט סײַ זײַן תּיקון אין דער בריאה. אַזוי זינגט דעם מענטשנס „קלײַבן זיך געבוירן ווערן", וואַקסן און געשטאַלטיקן זיך אויך אין ווידערשפּעניקן ווען ער ווערט, חלילה, קראַנק כּחומר ביד (הרופאים) היוצר. דאָס איז אַן אַלטע אייביק יונגע טעמע, לעבנס־אמתן פון אייביקן כּאַראַקטער זענען דאָס, מיט אַ פּאַרויסקוק און

„צוריק אַ נעבטן, אייערנעכטן, אייעראייערנעכטן". (ז' 8)

דער דיכטער זעט דאָס, ברענגט עס אַרויס אויף זײַן שטייגער, לעבט עס און שטאַרבט עס איבער. פון דאַנעט דאָס זען זיך — און בצדק — ווי אַ דיכטער אַ יחיד במינו, איינער וואָס איז אַ סך, זאָגט און זינגט אויפן משקל פון פּוילישן קלאַסיקער אַדאַם מיצקע־וויטש („איך בין אַ מיליאָן").

„איך אַליין בין מײַן פאָלק און איך טראָג זיך אַליין אויפן אַקסל,
מיר'ן אָנהייבןביידע אַ ווידערגעבוירענע שטילקייט,
לכבוד אַ לשון וואָס טוט שוין אַ וואַרעמען פאָכע". (ז' 36)

ניין. נישט קיין פּאַטאָס, פּאַטעטיק. עס איז הויכע פּאָעטיק: וואָרטמוזיק, וואָרט־קאָניוגאַציע, אַ פאַרביקע קלאַנגיקייט, אַ פיל־פאַכיקע, וואָס דערטראָגט זיך צום געהער, ווי גליטשיקע גלאָסאַנ־דאָס. פּאָעטישע לעקסיק, אַן אויסגעקנאָטענע, אַן אויסגעגלעטע. ווי אַ טעפּער קנעט, ער גלעט אויס דאָס וואָרט ווי מ'קנעט אויס רוי לײַם און געשטאַלטיקט עס אין נײַע, נוצלעכע כּלים. ער איז מחיה־נפש מיט יונגן אָטעם די שורה, דעם פרײַען און געצאַמטן פערז. פרײַע און געצאַמטע שורות און שורהלעך. אין זיי און צווישן זיי — אַ וואַרעמע, האַרציקע אַטמאָספער. וויפל אָט די סוצקעווערישע וואַלאָרן זאָלן דיר נישט באַקאַנט זײַן, וואַקסט אין דיר פון ליד צו

ליד די רבותא. אוודאי בעטן זיך נאָך און נאָך ציטאַטן און מען מוז זיך באַגרענעצן. און בלײַבסט אָנגעשטעקט מיט אַ הונגער צום לעבן און צו שיינקייט לייענענדיק אויף זײַט 45 אַזעלכע שורות:

„אַ זעונגען, איר ברויט פאַר מײַנע הונגעריקע אויגן,
דערנענטערט זיך. אַניט — פון זעונג־הונגער וועל איך אויסגײַן״.

✶

זיבעציק לידער מיט אַ צולאָג פון אַ לידער־ציקל „פּנימער אין זומפּן״ מיט פאַקסימיליעס פון די ערשטע פינף לידער פון דאָזיקן ציקל ליגן אין אַ צעבראָכענעם קוימען,* אין אַ פינצטערער צײַט ווען דאָס פיזישע לעבן פון מחבר, ייִדיש לעבן בכלל איז אויפן שוועל פון אַפּגרונט. אַ לעבן, וואָס האָט געלאָזט נאָך זיך שיריים. און שרײַבן וועגן אַזעלכע שירהשירימדיקע לידער קאָן מען נישט, נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויפן ציקל לידער פון א־ט „פּנימער אין זומפּן״.

אַ פרוי גייט צו קינד:

„אונטן, אויף אַ בערגל, צווישן ווייכע טאַבאַק־בלומען
קאָרטשעט זיך אַ פרוי אין ווײ־און־וווּנדער פון געבויר.
קינד מײַנס, ניגון פון מײַן ליבשאַפט, שפּיל אין מיר נאָך,
אײַל נישט,
ביסט נישט מער ווי פלייש און חלום און די וואָר איז מאָרד״.
(ז׳ 78)

---

* ווי אַזוי זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן האָט זיך דער מחבר דערוווּסט פון אַ נאָטיץ אין דער צײַטונג „ירושלים דליטא״ נומער 3 (5) מערץ. 1990. אין דער באַמערקונג פון מחבר אויף זײַט 85 זאָגט זיך צווישן אַנדערן: „די נײַן לידער ׳פּנימער אין זומפּן׳ האָב איך געשריבן אין די ערשטע צען טעג, ווען די פעסט האָט אַרײַנמאַרשירט אין ווילנע, אַן ערך פון 25־סטן יוני ביזן 5־טן יולי. געשריבן האָב איך ליגנדיק פאַרשטעקט אין אַ צעבראָכענעם קוימען אין מײַן אַלטער דירה אויף וואָלקאָמירער, 14״.

און:

„פּלוצעם... ווי אַ פּיאַנאָ־שפּיל אין צווישן דונער־האַרדעס,
שנײַדט אַדורך אַ קולכל פון אַ קינד.
— — — און סע רייטלט זיך אין טוי די ליבשאַפט פון דער
וועלט". (ז' 78)

יאָ, ס'פּיטשינקע לעבן, דער געבוירלינג צווישן די טאַבאַק־בלו־מען האָט באַזיגט דעם טויט.

אויף זײַט 76, ס'צווייטע ליד פון ציקל „פּנימער אין זומפּן" — אַ ליד וועגן זעלבסטמאָרד, בלשון סוצקעווער — אַליינמאָרד. דער דיכטער ליגט אין אַ גרוב, דערטאַפּט אַ שטיקל גלאָז, ווען

„אויבן, אין אַ טויטגעפּעכט, מעטאַלענע פּיראַטן
שפּײַען פּײַפּנדיקע פײַלן אין לבנהס האַרץ". (ז' 78)

ליגט דער דיכטער אין „די שלאַנגיקע פינצטערקייט־פּעט־ליעס":

„און כ'צערטל אין גלאָזיקן שאַרף די לבנה:
„דו ווילסט? — כ'גיב מײַן לעבן דיר אַפּ אַ מתּנה"
נאָר ס'לעבן איז הייס, און דאָס גלעזל אַ קאַלטס
און ס'איז מיר אַ שאָד עס צו נעמען צום האַלדז..." (ז' 76)

נו, איז עס נישט אַן עקידת יצחק, ווו אַ גוטער מלאך האָט נישט פאַרשפּעטיקט אָפּהאַלטן (ס'שטיקל גלאָז) ס'שעכטמעסער אין אַברהמס (סוצקעווערס) האַנט? „אל תשלח ידך אל הנער". און

דער נס איז געשען. ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער: אַרויס, אַרויף איבער און אַריבער יענער פאַנטאַסמאַגאָרישער רעאַליע, יענער אַכזריותדיק־דראַמאַטישער מיתה־משונהדיקער וואָרהאַפטיקייט:

„נאָר די וואָר איז צו האַרב
און איז מער פון אַ חלום.״ (ז׳ 83)

אַברהם סוצקעווערס פּראָזע

די מלחמה, געטאָס, קאַצעטן האָבן אַנטפּלעקט דאָס סאַמע ערגסטע, דאָס שלעכטס אין איר העכסטער געפּאַלנקייט. אויך גוטס האָט, ווי אַ בליץ אין אַ פינצטערער נאַכט, ריציק־בליציק אַ שניט געטאָן דעם פאַרוואָלקנטן הימל איבער די קעפּ פון אַל דאָס מענטש־לעכע און בעיקר — יידיש לייַב און לעבן.

אין דרייַ דערציילונגען פון אברהם סוצקעווער קומט דאָס דאָזיקע אויף אַ שוידערלער־שיינעם אופן צום אויסדרוק.

פערציק יאָר נאָך יענער „קאַפּויערדיקער צייַט" זעט דער דיכ־טער מיט אויגן פון אַן „אַלקאַהאָליקער", וואָס טרינקט „די ריינע און שטאַרקע ספּירט פון דער לופט" (ז' 196), אַוודאי פאַרשיכּורט פון יסורים „אונטער דעמאָנישער מוזיק פון קרעכצנדיקע ביינער" — יענע מאווימדיקע בילדער אין זייער אויסעראָרדנטלעכער, אויס־טערלישער אויטענטישקייט, יענעם פּייזאַש און טיפּאַזש.

דאָס איז אַ נייַער מוסטער פּראָזע: רעמיניסצענץ. געמיט. השתפכות הנפש אין פרייַע, פּאָעטישע ריטמען.

אין פלוג, פּשוטע ווערטער. אָבער אין זאַצבוי, אין קאָנטעקסט פון עטלעכע זאַצן אין אָרגאַניש־אידעישער פאַרבינדונג — שאַפן זיי אַ טיף־תּוכיקע בילדערישקייט מיט דערציילערישער סובסטאַנץ.

איז דאָס נייַער בעלעטריסטישער גאַנג אויף אומאויסגעטראָ־טענע וועגן אויף דער יידישער, מ'מעג ריזיקירן זאָגן: אויך נישט יידישער גאַס.

ס'איז כּוח פון פאַנטאַזיע, וועלכע וואַרצלט אין אַ רעאַליטעט, וואָס האָט נישט איר גלייַכן אין לעבן, אין דער ליטעראַטור, ליטע־ראַטור־געשיכטע.

ס'איז כּוח פון וואָרט, וואָרט־באַגריף, אָנגעצונדן מיט שעפע־רישן פלאַם. אין אָפּשײַן פון דאָזיקן פלאַם זעט מען דאָס אמתדיקע פּינצטערע פּנים פון זאַכן, סיטואַציעס, פאַקטן אין זייער אויסטער־לישער אַנדערשקייט.

סימבאָל און מעטאַפאָר באַקומען דאָ אימפּרעסיאָניסטיש־לירישן אויסמעסט, שאַפן אַן אייגנאַרטיק קינסטלערישע רעאַלי־טעט.

קלאָר פאַר יעדן בר־דעת סטאַרטשעט אַרויס די „קאַפּויערדיקע צײַט" פון יענעם לעבן, אומלעבן מיט אַלע מיתה־משונה'ס און — הערלאָזשקייטן, דעטאַליזירט מיט ווייטיקלעכער גרויזאַמער פּינקטלעכ־קייט און אַכזריותדיקער שיינקײַט — באַלאַנסירט „אויף איין טעלער פון דער וואָגשאָל".

אַ לײַכט אָנשאָטן פון הומאָר, איראָניע, גראָטעסק שימערירט מיט פײַערלעכער טראַגישקייט.

הײַנט די קעגנאַנאַנדיקע וואָרט־צירופים, קאָנצענטראַציע פון בילד און געדאַנק, בילדערישע סענטענצן און דאָס קאָליריקע לשון!

✶

אַן אויסטערליש געשען. אומגלייבלעכע פאַקטאָלאָגיע. אַלץ הינטער און פאַר די אויגן פון „היישעריק", „דעם געזאַלבטן ריזן־רשע" און זײַנע שליחים אין „מויזן־גראָע גאַליפע־הויזן" און אין אַנדערע מיתה־משונה צורות.

ד"ר האַראַצי דיק, זײַן און דעם מחברס וויאַ־דאָלאָראָזאַ־מאַרש פון דער פּולווער־בריגאַדע. זײַן קלינישע פּראַקטיק, ווי אַ פּסיכיאַטאָר אין אַ משוגעים־הויז, און „זײַן עקסצעלענץ", דער געטאָ־גורל, זאָגן אים אונטער די אויסטערליש־געוואַגטע „דרשה", וואָס ער האַלט פאַרן שליח פון היישעריק און לסוף די מסקנה:

„בלויז מיטן געבן געזעצט אַ משוגענעם, איז דאָ אַ שאַנס צו אַנטרינען פון זײַנע מעסערס" (ז' 198).

מונקע, וואָס די וואַלדמענטשן האָבן גערופן מונקע פּויטערילע

— אַ חבר־נעורים פון מחבר — בעט דעם מחבר אין אַ בריוו, ער זאָל אים מוחל זײַן און דער מחבר הייבט נישט אָן צו וויסן פאַר וואָס. פאַרקערט. ער דערציילט פון זײַנע העראָישע מעשׂים אין פאַרטיזאַנקע און זײַן געטרײַער חברשאַפט. כיבע זײַן הייליקער צוזאָג צו היטן דאָס ציגײַנערל, וואָס איז נישט מקיים געוואָרן. דעם מחבר איז געגאַנגען „אין לעבן ער (דאָס ציגײַנערל) זאָל דערלעבן דעם נצחון״. „כאָטש דאָס וואָרט 'הייליק' איז אין וואַלד נישט געוואַקסן״. „ראָמע (דאָס ציגײַנערל) איז בײַם היפּערן איבער אַ מינענפעלד גלידערווײַז צעריסן געוואָרן״.

ראָמע, „אַ מענטשל אָן אַ פאָלק״. אַ גרויסע נשמה אין אַ צעפּײַניקטן גוף. אַנטרונען פון אַ הריגה־טאָל. געלעכצט נאָך נקמה אויפן טויט פון זיידן און דרײַ שוועסטערלעך אין אַ פולער בויד מיט ציגײַנער און פערד, וואָס איז „אומגעקומען שטייענדיקערהייט צווישן די האָלאָבליעס פון וואָגן״. געקומען אין פאַרטיזאַנקע „אײַנגעוויקלט״ אין „יריעות פון צעפליקטע ספר־תּורות״. די פאַר־מעטן האָט מען קובר געווען „אונטער דער איינציקער בעריאָזע בײַ דער זעמליאַנקע״. דער מחבר האָט געזאָגט קדיש. „אויך אָנגע־שריבן אייניקע שורות אויף דער קאָרע. אַ בוימישע מצבה״.

דאָס לעבן און דער טויט פון האָרע דעם פּיאָווקעניק. פּיאָווקע — סימבאָל פון בלוטזויגערײַ. בײַ האָרען, פאַרקערט, ווערט גע־בוירן אַ געדאַנק: האָדעווען פּיאָווקעס פון „אַ העבערן יחוס״, באַשאַפן אַזאַ מין פּיאָווקע „זי זאָל אויסזייגן פון אים (דעם מענטש) די רישעות״. „זאָל פאַרוואַנדלען אַ רשע אין אַ צדיק״ (ז׳ 205).

זונדל דער בלינדער מיטן ווײַסן שטעקן. איינער אַליין דאָ־הי, אין כּרם־התּימנים. „מיט מײַנע נאָזלעכער (וואָס) זענען שוין פון לאַנג מײַנע אַמאָליקע אויגן״, „דערשנאָפּט״ ער דעם יוגנט־חבר, דעם מחבר. און שוין זיצן זיי ביידע בײַ אַ טישל אין אַ קאַפעהויז בײַם ברעג ים אין יפו. דערקענען זיך און צערעדן זיך.

אין אייניקע, וויינקע שורות — אַ ביאָגראַפיע פון אָן אוד מוצל מאש. פּרטים פון אַ טראַגיש געשטאַלט, געמאָלן מיט אַ סך ליב־

שאַפט און אינטימיטעט. זונדל ווערט שטאַרק אומרויִק אויפן לאַנגן הייַען זיך אין קאַפעהויז. באַשר זי איז אַליין דאָרט, זייַן איינציקער פרייַנד און וועט „נישט וויסן וואָס איבערצוקלערן" — די קאַץ...

קאָן איך זיך נישט באַגיין אָן ציטירן כאָטשבי צוויי שורות פון אַ נאַטור־פערסאָניפיקאַציע:

דאָ בייַם ים; „די נאַכט — אַ זילבערלעכע פישערנעץ אַרויס־געצויגן פון ים, האָט שימערירט און זיך געטריקנט אין דער צערטלעניש פון אַ וואַרעמען ווינט" (ז' 206). און דאָרטן, „ווען אַ היישעריק איז באַפאַלן מייַן שטאָט", „די ריינע אָנהייב־האַרבסט־טיקע לופט איז געהאָנגען אויף אַ תּליה".

אויך ליבע — די אַלטע און תּמיד יונגע, געטרייַע און אומ־געטרייַע לעבנס־באַגלייטערין פון בן אדם — איז נישט פאַרזען דאָ. „ווער ס'האָט אים (ראָמען) געצערטלט מיט אירע קיצלדיקע וויעס און האָט געפּאַדעט אַרום אים, איז געווען לוסי", די זעלביקע לוסי, וואָס האָט געבוירן אַ וואַלדקינד. און קים זעלעזניאַק, אַ פּאַר־טיזאַנער, וואָס האָט געפונען דעם „קוים־לעבעדיקן ציגייַנערל" און געברענגט אין פאַרטיזאַנקע, האָט אָפּגעביסן דעם נאָפּלשנור בייַ דער מויד לוסי.

„לוסי האָט שטיפעריש פונאַנדערגעהוידעט מיט אירע פינגער די שימערירנדיקע טשופּרינע בייַם ציגיינערל" (ז' 200).

✶

אויף קוים־קוימיקע צוועלף זייַטלעך ווערט דאָס אַלץ דער־לאַנגט. אינטערעסאַנטער טיפּאַזש. גיבורים־אַנטי־גיבורים. אַ לעבן אַ מענטשלעכס אין וואַלד צווישן חיות און מענטשן־חיות, וואָס לויערן פון אַלע זייַטן. אַ לעבן כּחרס הנשבר. דער מחבר מאָנטירט פון די ברוכשטיקער פון אַן אָקערשט געוועזן לעבן פון דורותדיקער פאַרפונדעוועטקייט — אַ גאַנצקייט פון לכאורה עפּיזאָדישע פאַר־לויפעניש, פון שטיקערווירקלעכקייט, פון אַן אַנאָמאַליע — שאַפט ער אַן אָרגאַניש־קינסטלערישע גאַנצקייט, אַ מיסטיש־רעאַליסטישע

און — אַ באַגלייביקע. צו דער באַגלייביקייט זענען אָן שום ספק מוסיף די אויטאָביאָגראַפישע פּרטים, דער איך־טאָן, די אויטענטיש־קייט פון די געשטאַלטן ועל כולם — דער פאַקטישער אמת פון סיפור־המעשׂה, אָדער דער עווענטועל־מעגלעכער אמת, וואָס דער מחבר האָט מער ווי איין מאָל איבערגעלעבט און איבערגעשטאָרבן, מחמת עס האָט אַזוי געקאָנט געשען.

פערציק יאָר נאָך יענער קאַפּויערדיקער צײַט, האָט דער מחבר צונויפגענומען אייניקע, ווייניקע פון יענע פילצאָליקע בילדער, וואָס הערן נישט אויף „גאַלאָפּירן אין וואַלד פון מײַן זכּרון". עפּיזאָ־דישע פאַרלויפענישן, געשטאַלטן, סצענעס, שטימונגען, רעפלעקסן. ער געפינט אויס דאָס בשותּפותדיקע, גורלדיקע, סײַ דאָס הינטער־גרונטיקע, סײַ מעל ומעבר דעם געשעענעם. קאָנסטרוויט, שטעלט צונויף, פאַרבינדט צײַט, אָרט און לאַנדשאַפט. שאַפט אייניקייט — אַן אידעישע תּוכיקע. דאָ ווו די געשעעניש איז, אַזוי צו זאָגן, הויט אוןביין — גיט ער צו קינסטלעריש פלייש. ווו ס'איז פאַראַן בלויז פלייש — בלאָזט ער אַרײַן זינלעכקייט, לעבן.

ער פּרוווט, און ס'געראָט אים, רעסטאַווירן עפּעס פון יענער גאַנצקייט: פאַרמשפּחהט יחידים, אָפּגעריסענע אברים פון אַ פאָלק, וואָס איז, ווי אַ קראַכנדיקער בנין אײַנגעפאַלן פון דער היטלער־ערדציטערניש. אויך אַן עלנט ציגײַנערל — „אַ מענטשל אָן אַ פאָלק" — פאַרהיימישט ער, גיט אַ תּיקון זײַן זכּרון, גיט אים אַ היים אין די דרײַ דערציילונגען „אויף איין טעלער פון דער וואָגשאָל".

הומאָר? ניין. נישט דאָס ריכטיקע וואָרט. גיכער איז עס אַ ווייך, העל שמייכעלע — אַן אינזיכיקס און אויסערזיכיקס — וואָס הייבט אויף דעם דיכטער (אויך דעם קונסט־געניסער) און דיס־טאַנצירט אים. אָן דעם דאָזיקן קאָמפּאָנענט איז נישטאָ קיין עכטע שאַפונג, אַוודאי און אַוודאי נישט שאַפונג פון אַזאַ מדרגה.

רעמיניסצענצן. רעטראָספּעקציע. מוקדם און מאוחר געסדרט, קאָמפּאַקט. אַ תּכליתדיק תּמציתדיק לשון אָן צעשטערן די נאַראַ־ציע. לעבעדיקער דיאַלאָג באַחנט מיט פאָלקס־ווערטלעך און פאָלקס־

חכמה, אַפילו לאָקאַליזמען. שוין אָפּגערעדט פון כאַריזמאַטישע, געדאַנקלעך־פּאָעטישע אַרויסזאָגן, דיגרעסיעס.

אַכזריות, מאָרדיאַדע. טויטגעשפּענסט. טויט בפועל ממש. אָבער נישט טויט, ווי אַ מאָטיוו, — ווי אַ מאָטאָ, ווי אַ מקור פון ענערגיע, פון לעבנסווילקייט. דאָ אין דער ממשלה פון היישעריק, האָט דער טויט אַ העכערע דימענסיע. ער איז פול מיט זינלעכקייט און האַר־מאָניע. דערפאַר רופט ער נישט אַרויס קיין פּחד. אַדרבא: ער וועקט צו מעשים, צו מעשים טובים, צו ממשותדיק לעבן.

איז דאָס שפּאָגל־נײַער אויפטו אין דער קונסט פון דער קור־צער דערציילונג, וואָס גבולט ערגעץ צווישן דער טראַדיציאָנעלער פּאָלקסטימלעכקייט און אולטראַ־מאָדערנער דערציילקונסט.

דאָס וואָס די מחיצה פון פּראָזע און פּאָעזיע איז, אַזוי צו זאָגן, פאַרווישט געוואָרן — עמאָציאָנעל און נישט אומבאַוווסטזיניק — איז לטובתביידע זשאַנערס.

הירשע־דוד מעינקעס

מתנגדישע מעשׂיות

1

נעמען פון שרײַבערס, גרויסע שרײַבערס, שאַפערס, באַשאַפערס און בויערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, פּראָזאַיִקערס, אויך פּאָעטן פון מיט אַ יאָר הונדערט צוריק און געוויסע נאָכקומערס, מיטגייערס און אַליינגייערס זענען מיר יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען אויפן זינען געקומען בעתן לייענען דאָס דאָזיקע בוך.

אויך לייענענדיק די פריִערדיקע צוויי פּראָזעביכער „עלדראַ דאָן" און „דער פלאַכער שפּיץ", וועגן וועלכע איך האָב בשעתו געשריבן, האָב איך געהאַט אַזאַ געפיל, אַפילו דערוועגן עפּעס מרמז געווען.

די דאָזיקע פּראָזע-מײַסטערס מיט זייער באַזונדערקייט אין סטיל, אין מהות, אין מאָטיוו, אין גאַנג אויף די ברייטע שליאַכן פון דער באַדנלאָזער טעריטאָריע פון ייִדנלאַנד, אָן אַ קרקע אונטער די פיס, אָן אַ אייגן שטיקל הימל איבערן קאָפּ — אַליינגייערס אין ערגעצלאַנד, אין די רוימען די ליידיק-פּולע, איבער קאָנטינענטן און ימען פון פּײַן, יסורים, אויסגעוואָרצלטקייט, מיתה-משונות און שטומע, דערשטיקטע געשרייען עד-לב-השמים — טרעפן זיך, רופן זיך איבער און שוועבן צוזאַמענדיק צו אַ נאָענט-ווײַטער אויסגעחלומטער רעאַליע פון צוזאָג, האָפענונג, גאולה. אָט די גרויסע מײַסטערס, די קלאַסיקערס מיט ראַפינירטער פּאָלקס-טימלעכקײַט, מיט לירישער אימפּרעסיע, מיט נאַציאָנאַלער ווערטיקייט, מיט חסד פון אַ ווידערגלויבן, אמונה, מיט ייִדישן שטייגער און דראַמאַטישן תּוך הערן זיך אין דאָזיקן בוך.

מעטעאָרן, שטערן מיט בליאַסק און בליץ אויפֿן ייִדישן הימל.

דורות גייען און דורות קומען. אַ סברא — ניין. ס'איז באַשײַמפּערלעך אַזוי, אַז נאָך דעם, וואָס מענטשן רופֿן „מבול״, זאָל אַ צווייטער, דריטער דור אַרויסגעבן פֿון זיך אַ יחיד־במינו, וואָס זאָל אין זיך אַקומולירן אַן אויסשטראַל, אַ בלענדיקן שפּליטער פֿון יענע טיפֿע, הויכע שיינקייטן, און יענע תּוכיקע ווערטיקייטן. שוין אין דער ערשטער פֿון די צען מעשׂיות, „שומסקער רבנו גרשום״, איז ניכּר — אין שטאָף, שטייגער, אַטמאָספֿער — די השפּעה פֿון יענע מײַסטערס. הירשע־דוד מעינקעס דערלאַנגט עס מיט לירישער פּשטות, מיט אײַנפֿאַל, מיט אַן אייגן לשון, מיט מחשבה און מיט יוגנטלעכער קראַפֿט.

אַ רבותא: אין אייניקע מעשׂיות איז בכלל אָדער כּמעט נישטאָ קיין האַנדלונג, אַקציע, קיין שום געשען. געפֿינט מען דאָס אָבער יאָ אין דעם אייגנמיניקן סטיל, אין אימאַזש, אין געשטאַלטיקן — אויסערלעך און אינערלעך — די פּערזאָנען, אין זייער פּסיכיק, האַרץ, נשמה לויט די בעסטע מוסטערן — אויב אַזעלכעס איז בנמצא — פֿון דער נײַ־ייִדישער אייראָפּעיִשער און ענגליש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור. דאָס איז המשך און אפֿשר אַ טריט פֿאָרויס פֿון מאָדערנער ריטמישער פּראָזע מיט אַ גרויסן אַרומנעמיקן קוק, נאַראַטיוו און מיט עכט ייִדישן הומאָר, מיט געפֿיל. און אין דעם די דינאַמיק, די אַקציע, דאָס געשען.

עטלעכע שורות:

„ס'האָט קיין שעה נישט געדויערט און די זאַך איז בײַ גרשום אין די אויגן קלאָר געוואָרן וואָס קען קלאָרער נישט זײַן. צום ערשטן מאָל זינט ער האָט זיך אומגעקערט פֿון וואַרשע האָט ער בײַ זיך אַ לאַך געטאָן. ער האָט זיך ווילעריש אויסגעפּאַטשט אין ביידע באַקן און אַ צי געטאָן די באָרד־פֿון־אַלע־פֿאַרבן, אַלמאַי ער איז אַלע זײַנע יאָרן געווען אַ נאַר און די זאַך נישט צו רעכט געמאַכט״ (זז' 17־18).

צענדליקער שורות ווײַטער, זײַטן 18־19, לייענען מיר:

„ר׳ גרשום איז פּלוצעם אַראָפּגעלאָפן אונטן מיט אַמאָליקן שפּאַן. דריי־פיר טרעפּ אויף אַ מאָל האָט ער איבערגעהיפּערט. ס׳איז געווען שפּעט ביי נאַכט, נאָר דער גאַנצער פּאַלאַץ האָט זיך אין אַ הרף־עין איבערגעוועקט פון די פריידיקע שפּרונגען פון אויבן אַראָפּ, אַ סימן דער שומסקער רב איז אַרויס פון דער מרה־שחורה און אָט קערט זיך עס אום צום אַלטן״.

סאַראַ ראַפינירט לשון, סאַראַ איראָנישער שמייכל, סאַראַ קראַפט פון לאָגיק, צו מאָל אויך חריפות. הייַנט דער געשטאַלטונגס־כּוח! פּאַטאָס פון רעאַליזם!

אַזוי יעדע מעשׂה פאַר זיך (אוממעגלעך אין אַ קורצן מאמר אויף יעדער באַזונדער זיך אָפּשטעלן) איז פּאַרקייַלעכט אַרויסגעענדיקט, גלייַך נאָך איר קומט מער גאָרנישט, איז אָבער דער געשטאַלטונגס־כּוח, ס׳האַלטן אַלע אין זעלבן סטיל פון ערנסטן הומאָר, דאָ און דאָרט אַ ווערטל, אַ העברעיִשער פּסוק מיט אַ ייִדישן טעם, אַ משל, אַ מעטאַפאָר — דער סינטעז וואָס פאַראייניקט און שאַפט אַ גאַנצקייט, אַ באַשטימטע איינהייַטלעכקייט פון אַלע צען מעשׂיות.

אָט אַזאַ זאַג, למשל:

„פון די שטיבער און קראָמען זענען די אַדוטשער אין גאַס אַרויס ווי שוועמלעך נאָך אַ לאַנגן דערפרישנדיקן רעגן״.

נאָך אַ זאַג: „נאָך דער קריג [אין דער מעשׂה „דרייַצנטער רומפּל״ ווען עס רעדט זיך אין אַ קריג צווישן מאַן און ווייַב] האָט זיך גראַדע אומגעקערט די נאַכטיקע תּאווה עלעהיי צו גלוסטעניש פון גלידער רעכנט זיך אָנגעקליבענער כּעס פאַר פּלאַמיקסטן צינדהאָלץ״ (ז׳ 119).

אָדער אַזאַ נאַטורבילד:

„זאַלבע פערט האָט מען זיך צוגעהאָרכט צו די רווישיקע וואַסערן וואָס האָבן אַרומגעהובלט פלאַכיקע שטיינער. אַלץ רייינערע שטיינדלעך האָבן זיך צוגעהערט שטייניק־פאַרשטווינטע ווי מענטשעלעך פאַרפלאָנטערן זיך אַלץ טיפער״ (ז׳ 140).

2

ס'וואָרט אָקציע האָבן מיר אויבן דערמאָנט. דאָס טרעפט מען לרוב אין דער מעשׂה „דרײַצנטער רומפּל" — ביז גאָר טשיקאַווע און דראַמאַטיש. די מעשׂה איז אַרכיטעקטאָניש אויסגעבויט און לייענט זיך שפּאַנענדיק. דער מחבר זעט רענטגעניש, מעג מען זאָגן, דעם יחיד און זײַן סביבה, זײַן גײַסטיק־פּסיכאָלאָגישע פיזיאָנאָמיע מיטן באַוווסטזײַן פון אַ הײַנטצײַטיקן פּראָזאַיִקער. מיט אַ שאַרפן בליק און פּקחותדיקע אַרויסזאָגן זעט ער אים. זײַן שילדערונג — אַ וואָרט אַ בילד. אָט למשל: „ביימער שטייען ווי אונטערשמשים" (ז' 201), אָדער אַזאַ זאָג: „תּרגום־ווערטער וואָס אין דער הפטורה ניטאָ" (ז' 200).

הירשע־דוד מעינקעס איז אויך אַ בקי אין דומם: „ערגעץ אין מיטן שבט. מיט די אײַזליכטלעך ט'מען אַ כאַפּטע קאָזאַקן געקענט אַוועקלייגן" (ז' 199). דאָס איז אויך, קען מען זאָגן — אַ וואָרט אַ בילד. אָדער אַזאַ שטעל: „וואָס פאַר אַ מלאך? אַהבאַל־המלאך רופט מען עם. ער איז דער מלאך פון לינקע ליבעס: זקנות מיט בחורימלעך, זקנים מיט בתולות, ייִדן מיט גויִים, אשת־אישניקעס מיט אשת־אישניצעס, גלאַט אַ שידוך וואָס עלטערן שטייען צו, אַז בשום־אופן וועט דאָס נישט זײַן" (ז' 202).

אַז דער מחבר איז אַ קענער אין די קליינע אותיות איז שוין קיין נײַס נישט. ער איז אויך אַ מומחה אין תּנך, אַגדה, מדרש, סתרי־תּורה, קבלה, שוין אָפּגערעדט פון וועלטלעך וויסן — לינגוויסטיק, פילאָלאָגיע. אָט דאָס ציט זיך ווי אַ חוט השני, אַ רויטער פאָדעם אין אַלע מעשׂיות.

הײַנט דאָס אויטענטישע אָדער כּמעט אויטענטישע לשון! פאַר־געסט צו מאָל ווער עס רעדט, דער מחבר אָדער זײַנע פּאַרשוינען. דו זעסט זיי לעבעדיק אַזוי ווי זיי שטייען און גייען. זעסט זייערע העוויות, תּנועות, כאַראַקטער און פּנים־קנייטשן. לעבעדיקע, באַ־

וועגלעכע, רירעוודיקע, ריידעוודיקע מענטשן. אַגב, זייערע קורצע, קנאַפּוואָרטיקע דיאַלאָגן — אַלאַ בערגעלסאָן.

אַזוי אויך די דריטע מעשה „דער משפּט פון מלאך־המוות", וואָס לייענט זיך ווי אַ פאַבל.

רעדן רעדט זיך וועגן מלאך־המוות און זיינע שליחים, חלאָות, טויט, „אויסגעלייטערטע נשמות" און — שמייכלסט. עס ווילט דיך. רק ס'קומט דיר אויס, אַז אַלץ פראַוועט לצישע שטיק. אָ, ניין. דאָ רעדט זיך גראָד וועגן יידן יראי־שמים, וואָס כאַטש זיי פאַסטן אָפּ טעג, מעת־לעתן, „חוץ שבת, וואָס זיי דערהאַלטן די נשמה מיט אַ גלאָז וואַסער... זענען זיי פלינק און זשוואַווע. אין שבתדיקע שמוע־סן — אַן אימפּעריאַל אַ וואָרט". אַזוי אָ „איז מען רזי־עולם דער־גאַנגען סודות וואָס גלימערן אין מעשה־מרכּבה, אין ספירות און אויף הימלען" (ז' 36).

אַזוי אַ פאַוואָלינקע קומען מיר צו דער פערטער מעשה, „די קמיע". גאַנצע דרייסיק זייטן האַלט די מעשה. אַן מי, אָן מינדסטן אָנשטרענג מיט הנאה און מיט שפּאַנונג, מעג מען זאָגן, לייענסטו די מעשה. אַוודאי ווילט זיך נאָך און נאָך ציטירן, אָבער מיר האַלטן ערשט ביי זייט 79 און דאָס בוך ציילט 204 זייטן. וועלן מיר זיך באַגנוגענען כאָטש מיט אַ קלוגן זאָג: „וואָס ביי אַן אָרעמאַן קען זיך פאַרוואַלגערן וועסטו ביי קיין גביר נישט געפינען" (ז' 199).

אַגב, איז יעדער ציטאַט אַרויסגעריסן, ווי אַן אבר־מן־החי.

איז, בכן, כּדאַי ברייטער אָפּשטעלן זיך אויף דער מעשה „דער דרייצנטער רומפּל", וואָס מיר האָבן אויבן דערמאָנט און ציטירט (ז' 119). דאָס איז די זיבעטע מעשה.

„די מרה־שחורה האָט זיך פלוצטהאַלבן פונאַנדערגעפלאַצט ווי ביי אַן אייטערדיקן בייל וואָס מיט אַ נאָדל אַדורך" — — — „ער האָט אַריינגעקוקט אין פענצטער איבערן מאַרק. ס'איז געווען אַ לבנה־נאַכט. געזען האָט ער ווי אַ וווּנדער־מיידל פון אַ ווייטן לאַנד שוועבט איבערן מאַרק און רייצט אים מיט שוואַרצע צעפּ ווי פליגל, און אונטערטעניקע אויגן ווי ביי אַ בת־מלכּה וואָס איז מיט

אַ מלאך, אַ רואה־ואינו־נראה, צוגעפֿלויגן זיך אָפּגעבן איר באַ־שערטן. ווי מאַרמלשטיין גלאַנציק איז זי געווען. שוואַרץ־חנעוודיק ווי די מלכּה שבֿאָ און רופֿן רופֿט מען איר מאַרמעל״ (זז׳ 108־109).

און ענדיקן ענדיקט זיך די מעשׂה, אַז מאַרמעל ווערט אַ כּלה. אויף די עלטערע יאָרן — אַ מאַמע פֿון דרײַ קינדער — אַ שדכנטע, אַ פֿרומע גלייביקע פֿרוי פֿון אַ מאַן... אָבער אַ פֿרוי איז קודם־כּל אַ פֿרוי. איר אייפֿערזוכט, קנאה צום מאַן דערפֿירט איר ביז אַ גאַר טשיקאַווען, פּיקאַנטן סוף, וואָס זאָגט דרשנו...

נאָך מער: ס׳איז אַ מעשׂה פֿון אַ פֿרוי — צוויי פֿרויען — פּאַר־ראַטענע, באַליידיקטע, דערנידעריקטע. נישט קיין נקמה־אַקט. דאָס איז דער כּוח פֿון קנאה און אפֿשר טאַקע אויב נישט נאָך העכער — אַן ערשטע ליבע, אַן אומשולדיקע, אַן אָפּגענאַרטע; אַ פּראָטעסט, אַ שטומער פּראָטעסט קעגן אַזעלכע מעשׂים פֿון אַ זון פֿון איינעם פֿון די „שיינע ייִדן״, אַ גבֿיר, אַ נגיד אַ „בעל־טובֿה״ און בעל־תּאווה, איינער פֿון מענדעלעס בעלי־טאַקסע־ייִדן.

און אויך דאָ פֿעלט נישט קיין ערנסטער הומאָר, סאַטירע, שרײַבערישע חכמה. הערסטו זיך שוין אויף וווּנדערן אויף הירשע־דוד מעינקעס בקיאות אין היגע און יענוועלטיקע עולמות. זעסט באַשײַמפּערלעך, אַז די מעשׂה איז נישט אַזוי פּשוט ווי עס רעדט זיך. דאָס איז די הויכע פּשטות, וואָס נישט אַזוי פּשוט קומט מען צו איר. דאָס איז די פּשטות אַן אָרגאַניש פֿאַרוואַרצלטע אינעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן אויסדרוק, אין דער אַלטער ייִדישער פֿרומ־קייט. הײַנט די וואָרטגעפֿינסן, לכאורה פֿאַרגעסענע, פֿאַרעלטערטע ווערטער קומען דאָ אַרויס טאַנאַליש און תּוכיק — נײַ אָפּגעווישט פֿון היסטאָרישן שטויב, אָפּגעראַטעוועטע פֿון דער שיכחה און נײַ געשטאַלטיקט. נײַ אָפּגעשפּיגלט די אַספּעקטן — לטובֿ־ולרע — און דעם גײַסט פֿון ייִדישן לעבן פֿון יענער צײַט און בעיקר — המשך, פֿאַרויסיק, אַנדערשדיק און אַן דערווײַטערן זיי פֿון פֿאַלקישקייט.

ערשט אַז דו מישסט איבער אַ זײַטל ווו עס וואַרט אַ צווייטע מעשׂה, לאָזט דיך נישט אָפּ ס׳נאָכטראַכטן און אַרײַנטראַכטן. ניין,

ס'איז נישט קיין גלאָריפיצירן פאָלקסטימלעכע אַלטערטימלעכע פּרימיטיווקייט. דאָס איז אייגנטלעך דאָס עכט־נאַציאָנאַלע און ס'ווערט דאָ דערהויבן מיטן רײַכן וויסיקן און געוויסנדיקן וואָרט, מיט אינערלעכער שטאַרקער ריטמישער קאָנצענטרירטער בילדע־רישקייט. עס ווערט אַזוי אַרום אַ טייל פון דער אוניווערסאַלער וועלט־קולטור, פון וועלטשאַפן. די הויפּט־מעלה איז דאָ נישט נאָר דער „וואָס״, אלא אויך — אפשר דער עיקר — דער „ווי אַזוי״. הירשע־דוד מעינקעס וואָס האָט אין זיך, ווי געזאָגט, אַקומולירט די ווערטן און שיינקייטן פון די גרויסע פּראָזע־מײַסטערס און נאָכ־קומערס, איז מיט זײַן „ווי אַזוי״ לחלוטין נײַ אין דער ייִדישער ליטע־ראַטור, אַוודאי און אַוודאי נאָך די פופציק־זעכציק יאָר נאָך דעם, וואָס מענטשן רופן מבול. עס איז נײַע ווערסיפיקאַציע — אפשר אויך וואָרטיפיקאַציע — פון קלאַסישער פּראָזע. עס איז אַ פאַרויס־גאַנג מיט היסטאָרישער סובסטאַנץ, מחמת ס'איז נישטאָ קיין פאָרויס אָן אַ בליק אויף צוריק. דאָס איז פּראָזע מיט רעזאָנאַנסן פון געשיכטלעכן גאַנג אין ייִדישן לעבן.

דער מחבר שעפּט פולע זשמעניעס שטייגער און שפּאַנט מיט יונגע טריט, מיט אַ גוט געמיט און אַחריותדיק געפיל איבער און אַריבער צײַט און אָרט.

די אַלטע און פאַרעלטערטע טעמאַטיק באַנײַט דאָ דער יונגער, הויך טאַלאַנטירטער פּראָזאַיִקער און גייט אויפן ברייטן שליאַך פון האַריזאָנטאַלער פּראָזע.

האָלט מען שוין היפּש נאָענט פון און איבער די הונדערט זײַטן, מעג מען זיך שוין פאַרגינען לענגער און פּרטימדיקער זיך אָפּשטעלן און אינטערפּרעטירן די צוויי קורצע, אויב נישט פאַנ־טאַסמאַגאָרישע מעשׂיות „נח־אַנשל פון יענערוועלט״ און „אויב נישט נאָך קליגער״. נח־אַנשל, אַ תּחית־המתימדיקער ייִד אין שטעטל. אַן אויסטערלישער פאַרשוין. אַ שד, אַ טײַוול, אַ לץ, אַ בייז וווּנדער. זײַן התנהגות, זײַן מאָדנער ייִדיש לשון מיט אַ לשון־קודש פאַרמישט, רופט אַרויס אַ בהלה, יאָגט אָן אַ פּחד. פאַרטרײַבן

דאַרף מען אים מיט שופר בלאָזן. לייענסט עלעהיי אַ באַשעוויס־מעשׂה מיט רוחות און שדים, מיט אַלע פּיטשעווקעס. אָבער ניין, נישט, חלילה, קיין נאָכמאַכונג. אַדרבא: עס איז גאָר אַן אַנדער תּוכן, אַן אַנדער אופן דערציילן, אַן אַנדער אימאַזש, סטיל, אַן אַלט־ניַי ייִדיש לשון. דאָס איז דאָך דאָס באַזונדערע, דאָס אויסגעמלעכע וואָס ווערט מיט גאָר אָריגינעלער שרײַבערישער חכמה, מיט אַ געניט תּורה לשון־השווה לכל־נפש דערלאַנגט. און דו הערסט אַלץ נישט אויף צו שמייכלען פון טשיקאַוועס. און די קורצע צוועלפזײַטיקע מעשׂה האַלט דיך אין אַ ווײַלנדיקער אַטמאָספער.

דאָס גלײַכן „אויב נישט נאָך קליגער", — ניין, נישט י. ל. פּרץ. און ווידער אַן „אָבער": עס איז אַן אַנדער גאַנג, אַן אַנדער מילע, אַן אייגענער פּירוש־המילות, אַ באַנײַטער ייִדיש מיט אַ קלאַנג פון עברי־טײַטש, כאָטש געשעפּט פון די זעלבע קוואַלן ווי י. ל. פּרץ: פון די אַלטע מקורים און פון אַ געניטן אַרײַנטײַטשער און אַרויסטײַטשער. ייִדישע פּראָזע פון אַ ייִד, אַ יונגן־מאַן אַ תּלמיד־חכם, אַ שרײַבער פון מעשׂיות, נאָוועלן, אַ מועט מחזיק את המרובה, אַ פּראָזע פון טויזנט ניַין הונדערט פינף און נײַנציק (אָנגעגעבן 96), העכער פופציק יאָר נאָך אַלעמען...

אַ פּראָזע פון אַ יונגן־מאַן, געבוירן „נאָך אַלעמען" מעבר־לים, ווײַט פון אָרט און צײַט און פון אַלץ וואָס דאָרט איז געשען.

ווילט זיך כ'לעבן אויסבאָרגן בײַם מחבר די לעצטע האַלבע שורה — זײַט 88 — פון דער מעשׂה און מיט איר פאַרענדיקן און איבערחזרן: „אויב נישט נאָך קליגער".

די לעצטע דרײַ מעשׂיות „דער געצן־דינער", „די לבנהדיקע שטאָט", „דער מלאך פון מאַרציבאַל" — און אויב האָב איך איבערגעהיפּערט אַ מעשׂה — קאָן מען אַלע נעמען „עם כל הנערים", ווי שׂמחת־תּורה אונטער איין טלית: אַ „טלית שכּולה — מעג מען זאָגן, תּכלת".

✶

דער פּראָזאַיִקער ברענגט דאָ ייִדן פון אַלע מדרגות: רבנים, בני־תּורה, סתּם לערנער, פּרומע, חסידים און מתנגדים, אויך פּור־מאַנעס, עמך פון ווילנער גובערניע, פון רײַסן, פון וואַרשע און דרום־פּוילן, טאַרנאָפּאָל, באַרדיטשעוו, לעמבערג, גאַליציע. אין אַלע ייִדן ס'פּינטעלע ייִד. ייִדן שומרי־מצוות, בעלי־תּשובה און בעלי־תּאווה אַהבת שׂמחת בשׂרים. קיינער איז נישט פּטור בלא כּלום פון קנאה, זינד, לשון־הרע און קרומקייטן.

איבער אַלע און „אַלציקערדינג" אַ ראַיעלע מתנגדישע ייִדיש־קייט, אַ קלאָרער גראָטעסקער שמייכל, אַ קלוגער מוסר־השׂכּל, וואָס נאָר הירשע־דוד מעינקעס איז דערויף אַ בריה.

ה. בנימין

טאַקע אויף טשיקאַוועס

1

אַ באַנד לידער, ייִדישע לידער, פון ה. בנימין (פּראָפ׳ הרו־שאָווסקי — הרשב), באַוווסטער פאָרשער פון העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, טעאָרעטיקער פון סעמיאָטיק און מחבר פון אַ סך ביכער אויף די אַ געביטן.

אַ בוך פון 170 זײַטן נײַע לידער און פּאָעמעס און „אַ בינטל געבליבענע" לידער (געשריבן אין די יאָרן 1941—48 אין דײַטש־לאַנד). „אייגנטלעך בין איך דאָך געווען נאָך אַ ייִנגל — צו 23 יאָר האָב איך אויפגעהערט שרײַבן אויף ייִדיש" — זאָגט זיך אין אַ וואָרט פריער אין „ייִדישע לידער" פון מחבר.

האָב איך אויף טשיקאַוועס אָנגעהויבן לייענען די נײַ־געשרי־בענע און „געבליבענע", ווי דער מחבר רופט זיי, לידער נישט אָן רבותא: לידער עכט יחידיש־ליריש, אינדיווידועלע, מאָדערנע מיט אַלע פאָלקס־חנען, קנייטשן און קנייטשלעך, און וואָרצלען וואָרצ־לען זיי ערגעץ אין דער קלאַסישער ייִדישער פּאָעזיע.

טראָץ דעם ערלעכן ווילן פון מחבר „אויפצובויען וועלטלעכע קולטור און געזעלשאַפט אין ישראל, און דאָס איז מעגלעך נאָר אין העברעיִש" — האָט ה. בנימינען פון דעסטוועגן „אַוועקגעצויגן" צוריק צו ייִדיש. אַ פּאָעט, אַ שפּראַכן־קענער, אַ פּראָפעסאָר און פאָרשער, האָט זיך דאָך אין אים אַ וועק געטאָן ס׳מאַמע־לשון און ס׳זענען געבוירן געוואָרן ייִדישע לידער אין השתפכות־הנפשדיקן געזאַנג פון הויכער קינסטלערישער מדרגה. אַוודאי וועט דער לייע־

נער „באַסמאַקעווען״ — איז דער מחבר זיכער — פון זייער „אידיאַ־מאַטישער ריַיכקייט״. וואָדען? אַז אַזאַ ריַיך מאַמע־לשון לאַכט און וויינט אַרויס, קונדעסעוועט, אין ערנסטן זין פון וואָרט, אין די לידער, טיף־תּוכיקע אין אַלט־ניַיע פאָרמען, פאָרמולעס. לידער צוזאַמענגעזונגענע, צוזאַמענגעסודעטע, איַינגעסדרטע און ניַי אויס־געמיַיסטערטע וויַיט און ברייט איבער און אַריבער 1937, „ווי די יידישע פּאָעזיע האָט זיך אָפּגעשטעלט״.

וואָס מער ער האָט זיך דערוויַיטערט פון יידיש, איז יידיש אים אַקעגנגעקומען. יידיש האָט אים ליב. יידיש איז אַ מאַמע, וואָס נעמט אַרום מיט אָפענע אָרעמס אַ זון אַ צוריקגעקומענעם פון אַ וויַיטער לאַנגער נסיעה.

לייענסט און באַוווּנדערסט די שלמותדיקע יכולת פון אויסדרוק פונעם קענער און קאָנער פון פּאָעזיע אין אַ סך לשונות און פון אַלע מדרגות ביז די לעצטע, מאָדערניסטן און כּמו־מאָדערניסטן, וואָס פעלן אויך נישט אין ישׂראל (נישט אין יידיש). נישט וויניק פּאָעטן „מאָדערניסטן״, וואָס דיכטן אויף אַבסטראַקטע טעמעס און זענען מבשׂר דורך מוטנע וואַסער, פּאַרטונקלט, ס׳זאָל אויסזען טיף, וויסן נישט, ווילן נישט וויסן, אַז אמתע פּאָעזיע קען און מעג אויך זיַין קאָנקרעט. מ׳קען שריַיבן אַ שלעכט ליד אויף אַ גאָר געהויבענער ערנסטער טעמע און אַ גוט ליד וועגן אַ פּאַרבײַשוועבנדיק וואָלקנדל, וועגן אַ שמייכל פון אַ קינד. אָט דער רעאַליזם — אַגב איז עס אַזוי איבערציַיגנדיק אין דעם באַנד לידער — האָט אין זיך אַלע אייביקייט־אַטריבוטן און איז במילא מאָדערן. נישט די טעמע מאַכט דעם קינסטלער גרויס, מאָדערן, אלא — די קינסטלע־רישע יכולת פון פּאָעט.

זענען דאָס אָריגינעלע לידער אין סטיל, אין פאָרעם, אין מהות. היַינט די אידיאָמאַטיק, די פאָלקסווערטלער, גליַיכווערטלער, זאָגעכצן, וואָס האָבן נישט קיין עקוויוואַלענט אין קיין אַנדער שפּראַך, און אַזאַ מיַיסטערשאַפט פון צונויפזינגען, פּאַרזיווגן, וואָס פּאַרפּישופן די לידער אין אַזאַ פּאָעטישער תּוכיקייט!

אמת, פֿאַראַן אייניקע, ווייניקע, לכאורה, אומפֿאַרשטענדלעכע לידער: שווער, אַזוי צו זאָגן, צו געפֿינען דעם שייכות צווישן די שורות, פֿראַזעס, זאַצן. הגם יעדעס וואָרט, זאָג, איז סײַ בילדעריש, סײַ טשיקאַווע, באַנעמסטו נישט וואָס דער מחבר איז אויסן. לייענסטו זיך אַרײַן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל אין די שורות, ערשט דעמלט כאַפּסטו זיך און קומסט צום טעם. ווי אין דער מוזיק, אַזוי אין דער פּאָעזיע: מיטן כּוח פֿון ראַפֿינירטע קינסטלערישע מיטלען, וויטאַליטעט פֿון וואָרט, אויסדרוק, טיפֿע לעבנס־אמתן, מוזיקאַלישע געלײַטערטקייט אַרײַנגעהאָרכטע אין די שורות, דערגרייכט דער דיכטער די האַרמאָניע פֿון ליד. ליד פֿון הויכן ניוואָ.

וואָס שייך דער אַזוי גערופֿענער אומפֿאַרשטענדלעכקייט פֿון אייניקע שורות, לידער, ווילט זיך צוגעבן: א. פֿאַרשטענדלעכקייט אין ליד איז נישט דווקא און נישט תּמיד דער סימן פֿון עכטער פּאָעזיע. ב. דאָ ווילט זיך באַנוצן אַ זאָג פֿון יעקב גלאַטשטיין, אַז: אַ קלאָרקייט, וואָס אַפֿילו ווען איך באַנעם זי נישט, האָב איך הנאה פֿון דעם צוזאַמענשטעל פֿון וואָרט און שורה, פֿון קלאַנג, געזאַנג און געזאָג (ציטירט פֿון זכּרון).

און ווײַל דער פּאָעט איז גאַנץ מיט זיך — גאַנץ אין זײַן צעריסנקייט — איז ער אין זײַנע טאַלאַנטירטע קונדעסוואַטע פּאָעטישע טראַיעקטאָריעס...

כּדאַי, אויף טשיקאַוועס, ציטירן עטלעכע שורות פֿון אַ ליד אויף, אַזוי צו זאָגן, „אַלטער" אויסגענוצטער, אויסגעמוטשעטער טעמע: „ממעמקים".

מיר, אויסגעמאַטערט שטומע,
מיר, אויסגעהונגערט טויבע,
אויף גלידער ווי צענומען,
אויף תּליות קלאָג פֿאַרהויבן.

מיר, אויסברוקירטע טויבן,
אַ זומפּיק־ענגע מערצאַל —
וואָס בלוטיקן אויף שויבן
פון דורכזיכטיקע הערצער —

מיר ווערן נישט צערונען
אין יאָרצײַטיקע טרערן.
אין פיבערן פון דונער
מיר פילן אײַך נישט מערער...

מיט מדברדיקן גומען,
מיט שטעכל־דראָט אין בליקן —
ווי חורבות וועל'מיר קומען
די רו פון שטעט דערשטיקן. (ז' 111)

דאָס איז סײַ אַ געהעמט סײַ אַ גבורהדיק געזאַנג. אַ זינגענדיק־זאַגנדיק מעלאָדישע פאַרבענקטקייט. אומעט, טרויער, באַדויער, השתפכות־נפשדיקער זיסער אַנונג (נישט נאָסטאַלגיע), אַ ניגון פון וויי, אַ וווּנדיק־ווונדערלעכער. הײַנט די גײַסטיקע דערהויבנקייט, דאָס שטאַרקע אוממיטלדיקע געפיל, די געדאַנקלעכקייט!

2

אַלע לידער זענען פּאָעטיש באַהויכט מיט אַ ריטמיש געזאַנג און אַ פאַרביקער קלאַנגיקייט. מיר געפינען דאָ נישט נאָר אויסדרוק פון קינסטלערס געפילן, אלא — מיר זעען באַשײַמפּערלעך, אַז די פּאָעזיע איז אין מחבר גופא, כּדי אויסצודריקן די געפילן, די שטימונגען. קונסט איז אַ מיטל פון אינדיווידועלן אויסדרוק. ה. בנימין איז דער מײַסטער פון אַזאַ אויסדרוק, וואָס איז סײַ ליריש, סײַ עפּיש, סײַ עלעגיש.

דאָס גלײַכן דער סאָנעטן־רינג „אין שפּעלטל צווישן קאָסקע און דער ערד" (דאַטירט 1948—51), ווען דער מחבר איז, ווי אויבן געזאָגט, נאָך אַ יינגל געווען. אַזוי אויך די פּאָעטישע דיסציפּלין אין די ישׂראל־טריאָלעטן אויף זײַט 97. 9 זײַטן כאַפּט דער סאָנעטן־רינג (112—120). אויסגעהאַמערטע, ברייטע, קאָמפּאַקטע, פיר־ און דרײַ־שורהדיקע סטראָפעס, תּמציתדיק פאַרזיגלטע אין אַ גאַנצקייט.

אַזאַ ברייטע אומאויסשעפּלעכע טעמאַטיק, גרויס אין שטח און אין צײַט, ביז אויף צוריק צו זײַנע „געבליבענע לידער" („שטויבן", 1948, מינכען) — אַ רעגנבויגן, אַ געוועב פון מוזיקאַלישע אינטאָנאַציעס: רעמינעסצענצן, עקספּרעסיע, וואָרטשפּיל אין גוטן, נאַטירלעכן זין פון וואָרט, אַזאַ יונגע לעבנסווילקע טראַציקייט, אַזאַ סענסיטיווקייט צום לעבן. פון דאַנעט די ערלעכקייט צו זײַן ליד, צו דער מוזיק פון זײַן געמיט, צו זײַן פאָלק, ווען אַפילו דער דיכטער האַלט זיך פאַר אַן אוניווערסאַליסט.

פון דאַנעט די סטימולירנדיקע שעפערישקייט, די שיינקייט און דער אמת אין אַלע פּאָעטישע וואַריאַציעס פון זײַן ליד און גורל. „רוסישע ווינטערס", „ס׳סאָלדאַטעווען אויף ישׂראלדיקע פראָנטן" און ס׳חיילעווען אויף מאַנעווערעס, מידבר, סדומער קלימאַט, אַ פײַערדיקער הימל איבער לײַב און לעבן און לעבעדיק פײַער אין קאַמף מיט אַראַבישע מיליטערישע כּוחות.

פון דאַנעט דער מהות פון פּאָעטס שאַפן. אַ פּאָעט וואָס קאָן נישט און וויל אפשר נישט זיך באַפרײַען פון הויקער — ייִדישער גורל, וואָס שלעפּט זיך אים נאָך ווי אַ שאָטן פון אַ זינגפויגל איבערן גרינעם פעלד פון לעבן.

דאָס איז אַ מענעריש געזאַנג פון אַ רײַפן הײַנטצײַטיקן מאָדערנעם פּאָעט. בײַ אַלע מעלות־טובות אין תּוך און אין טאָן, אין דער אַנדערשקייט פון זײַן הויכגראַדיקער פּאָעזיע, איז דאָך און פּאַרט אין נישט ווייניק לידער אויפגעהיט דער מינאָרער ניגון פון פּאָעטס

אינערלעך געמיט. ווי אַ דוגמא איז כּדאי צו ברענגען אַ ציטאַט — איין סטראָפע כאָטש פון אַ זעקססטראָפיק ליד אויף זײַט 83:

„דאָס גרינע ליד

עס טרעפט: ס׳איז אַ זעלטענע קלאָרקייט פאַראַן
אַ מאָל צווישן רעגן און רעגן.
עס טראָגט מיר דער ווינטער אַנטקעגן
זײַן דופּטיקן גרינעם דיוואַן.״

אויך דאָס ליד „מײַן אָרעמע בעריאָזקע״ אויף זײַט 136 בעט זיך — ביידע לידער בעטן זיך — גאַנצערהייט ציטירן. כ׳וועל ציטירן כאָטש בלויז איין סטראָפע פון די זיבן סטראָפעס:

„מיין ווײַסע בעריאָזקע האָט געלזוכט געקראָגן
פון קוקן, אין ווײַטקייט פאַרבענקט, אין פאַרטאָגן —
מיט גרינע אויגן אויף גרויער וועלט.
האָט זי, ווי אַ בעטלער — אַ צווײַג אויסגעצויגן,
אין שפּינוועבס פאַרוועבט אירע טויאיקע אויגן,
און מיר זיך אין פענצטער געשטעלט.״

3

גוט האָט געטאָן דער פּראָפעסאָר הרשב מיטן צונויפזאַמלען די „געבליבענע״ און נײַ־געשריבענע לידער אין איין אַכסניא, מחמת אַלע זענען פון ריינסטער ראַסע פּאָעזיע, וואָס וויקלט פונאַנדער פאַרן לייענער — קורץ, קלאָר און פּשוט, וואָס נישט אַזוי פּשוט קומט מען דערצו — דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע פון כלערליי ה. בנימינס נשמה־צושטאַנדן און געשטאַלטיקט זיי אין אימפּעדיקן

לויף פון געשעענישן אויף אַ צײַטאָפּשניט פון אַ קנאַפּן יובל יאָרן. דערבײַ איז ממש צו באַוווּנדערן די פּלאַנמעסיקע קאָנסטרוקציע פון יעדן ליד באַזונדער און פון דער גאַנצער זאַמלונג. אַגב, אַלע, אָדער כּמעט אַלע לידער זענען פון אַזאַ מעטאַל, וואָס וואָס מער פּאָרעם־ברעכערישקייט, בויגעוודיקייט, אַלץ שטאַרקער און גאַנ־צער זענען זיי.

אויף נאָך עפּעס, גאָר וויכטיקס, איז כּדאַי זיך אָפּצושטעלן.

דאָס שטײַגן אויפֿן לייטער פון קינסטלערישער קוואַליטעט אין אינהאַלט און אין אויסדרוק־כּוח האָט דעם פּאָעט נישט געשטערט געטרײַ צו בלײַבן צום שורש פון זײַן שאַפן אין די יוגנט־יאָרן. לייענסט איינס פון די „געבליבענע" לידער — אַ מהלך פון העכער פערציק יאָר — האָסטו דעם רושם, אַז דאָס ליד איז אָקערשט געשריבן געוואָרן. ס'מיינט: שוין זײַנע ערשטלינג־לידער האָבן געאָטעמט מיט דער לופט פון שפּעטערדיקן רײַפן אייגנמיניקן פּאָעט.

איז געבענטשט אַזאַ קריקוועג צו ייִדיש נישט נאָר ווײַל „ייִדישע ווערטער האָבן זיך (אים) געבאָמבלט אונטער דער צונג". אויך נישט צוליב „די רעזאָנאַנסן פונעם ליד" אָדער, ווײַל ס'האָט אים (דער מחבר) געצויגן צו די „מוזיקאַלישע מעטערס פון דער פּאָעזיע". און אויך נישט צוליב — אפשר מחמת — דער ייִדישער שפּראַכפאָרשונג פון פּראָפעסאָר הרשב, זײַן שטודיע איבער די „פרײַע ריטמען אין דער ייִדישער פּאָעזיע", וואָס האָבן אים נאָכן באַוווּסטזיניקן, אפשר אומבאַוווּסטזיניקן, דערוויַיטערן זיך פון ייִדיש צוריקגעקערט צו ייִדיש און ייִדיש־טראַדיציאָנעלער פאַרוואָרצלט־קייט, אידענטיפיקאַציע מיט דער געשיכטע און היסטאָרישן זכרון פון ייִדיש; ייִדיש, די נאַטירלעכע שוועסטער פון העברעיִש, וואָס שטייט נאָך אַלץ כּעני בפּתח אין היכל פון דער העברעיִשער ליטע־ראַטור אין מדינת ישׂראל.

איז אַוודאי נישט קיין צופאַל ס'דערשײַנען פון דאָזיקן באַנד לידער: אַ פּראַכט־טיפּאָגראַפיע, גרויסער פאָרמאַט, 170 זײַטן,

האַרטע טאָוולען, גלאַט־כראָם־פּאַפּיר מיט צייכענונגען פון באַוווסטן ישׂראלדיקן קינסטלער מ. קופּפערמאַן.

איז גוט און ברכהדיק אַזאַ צוריקקער צום ייִדיש־מקור, וואָס איז סײַ פֿאַרן דיכטער, סײַ פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור, פּאָעזיע אַ גרויס געווינס.

לעוו בערינסקי

לעוו בערינסקי און זײַן לידערוועלט

בערינסקיס לידער לאָזן זיך נישט אַרײַנרייען אין אָנגענומענע דעפיניציעס און זשאַנערס. ער איז צו קיינעם נישט ענלעך. אין וועלכער ראַם מ׳וועט אים וועלן אַרײַנראַמען, וועט ער אַרויסשטאַרטשען. בערינסקי שעפּט פון אייגענעם אינספּיראַציע־קרײַז, פון פּאָעטיש־באַחנטן אַרײַנוועב פון פּראָזאַיִשע — אויך נישט ייִדישע — ווערטער און אויסדרוקן. נישט דאָס מינערט, נאָר פאַרקערט — יאָגט אָן אַ נײַעם טאָן, אַ פּאָעטישן טאָן אויך אין זײַנע פּראָזאַיִשע שורות.

ווער ס׳וועט יאָ וועלן זוכן ענלעכקייטן, השפּעות פון נאָענטע און ווײַטע עלטערע און יונגע פּאָעטן, וועט טאָן אַ בערישע טובה דעם מחבר און זײַנע כּתבים.

זייער ריכטיק זאָגט מ. צאַנין אין זײַן פאָרוואָרט צום דאָזיקן בוך: „די מיליע, וואָס עס האָט נאָך געהאַט אַ איציק מאַנגער, יעקב פרידמאַן און ישׂראל שטערן, האָט בערינסקי נישט געהאַט״. בעט זיך באַלד אין אָנהייב צוגעבן: ער איז דערווײַל אַליין אין זײַן שעפערישער מערכה סײַ אין דער מיליע, סײַ אין תּוכן. ער איז אייגן אין זײַן אויסדרוק־פאָרעם, מאָדערן אין בעסטן זין פון דאָזיקן באַגריף. זײַן ייִדיש, ייִדישקייט איז פון דער היים, טאַטע־מאַמע, דורותדיקער מסורה און פאָלקסטימלעכקייט. דאָס דאָזיקע און זײַן רײַך־קאָליריק הויך־אינטעליגענט לשון שאַפט אָן אייגענע אַטמאָספער, אַ קלאַנגיקייט, וואָס וועקט אַ רבותא.

עס רעדט זיך וועגן אַ פאַרהעלטענישמעסיק יונגן מענטש, געבוירן מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין סאָמעראָדנעם חורבן, אומקום פון ייִד און ייִדיש לעבן. לייענסט און

עס בליצט אויף אַ געדאַנק ווי אַ זונשטראַל אויף אַ שפּיץ מעסער:
איז עס נישט אַ היסטאָרישער מוז דאָס געבוירן ווערן, דער אויפקום פון אַזאַ שעפערישער פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל פּרווון — און עס געלינגט אים — געבן פּאָעטישן אולטראַמאָדערנעם אויסדרוק פון דעם, וואָס איז געשען מיט „זײַן אויסגעהרגעטן יידישן פּאָלק", אויף דעם הוויי און וויי פון פאַר דער מלחמה?

איך זאָג דאָס, אָן, חלילה, פאַרמינערן וואָס איז ביז איצט אויף אָט דער טעמע דערלאַנגט געוואָרן אין פּאָעזיע און פּראָזע פון וויניקע, איינציקע פּראָמינענטע פּאָעטן, פּראָזאַיקער אויף אַ ביז גאָר הויכן און אָריגינעלן אופן, — איז נאָך אַלץ פון דעסטוועגן ברינסקיס דערגרייכונג אויף דעם געביט אומפאַרגלײַכלעך אין זײַן אייגנמינקייט.

עס איז שוין נישט איין מאָל געזאָגט געוואָרן, אַז דאָס, וואָס איז געשען מיט ייִד און מענטש בעתן חורבן, לאָזט זיך נישט אויסדריקן אין וואָרט, אין ביז איצטיקן מענטשלעכן לשון. און דאָס איז דאָך כּולו אמת.

פון דאַנעט די רבותא. לעוו ברינסקין איז יאָ געלונגען אַ דאַנק זײַן נײַעם, נאָוואַטאָרישן, מעג מען זאָגן, מעטאָד באַרירן אָט די טעמע נישט אָפּווײַכנדיק פון די נישט און יאָ געשריבענע פּאָע-טישע כּללים. באַרירן און געבן אַן אייגענעם אויסדרוק געפינענדיק דאָס וואָרט, דעם סוד פון אייגענעם וואָרט, דעם אימאַזש, וואָס דערנענטערט דעם אמת, יענעם פינצטערן אמת, מיטן אמת פון קונסט. דעם אמת פון לעבן און אומלעבן מיטן אמת פון פּאָע-טישן וואָרט.

די סקאַלע פון ברינסקיס געזאַנג-לייטמאָטיוו און לײַדמאָטיוו איז אַן איינהײַטלעכע אין דער וווּנדערלעכער רײַכקייט פון מאָדע-לירונג און וואַריאַציע. דאָס איז ניכּר פון ערשטן עפּיש-לירישן ליד „צו דער קוואַנט-טעאָריע: ליכט" בײַם עפענען דאָס בוך ביז דער לעצטער זײַט פון דער פילפאַרביקער, פילפאַרעמדיקער תּוכיקער פּראָזעליד (אייגנטלעך פּאָעמע) „שיק מיר אַ בשורה" אויף העבער

פערציק זײַטן (151—191), וואָס צייכנט זיך אויס מיט קאָסמישע קלאַג־ און טרייסט־סימנים, מיט אינטראָספּעקציע און געמיטלעכ־קייט:

„סוועטלאַנאַ, כ׳בין אַלט, כ׳בין אַלט, אַזוי אַלט ווי דער ווײַ
בײַ דעם מענטשן
און עלטער קאָן זײַן פון דעם באָדן אויף וועלכן מיר ליגן
אין זאַמד, בײַ די סאָסנעס, אויפן אַמאָליקן דנאָ
פונעם ים
און עלטער, געוויס, פון דײַן סלאַווישן נאָמען — סוועטלאַנאַ".
(ז' 153)

אַזעלכע און ענלעכע שורות, שילדערונגען פון גראַציע און נאַטור־בילדער פירן אַרויס דעם לייענער פון זײַן באַגרענעצטן עמפּירישן אַרביט, דערנענטערן אים צו דער אומענדלעכקייט.

אויך דאָס פּובליציסטישע וואָרט, די האַלבע און פערטל שורה, דאָס נישט־יידישע וואָרט, וואָס ווערט אָפּט, צו מאָל צו אָפּט, באַנוצט, און דאָך און פּאַרט אויף אַ גוטער קרקע, ווערט דיכטעריש דיסטילירט און סטיליזירט.

יאָ, די צײַט וואָס האָט צײַט, האָט זיך דערוואָרט אויף אַ פּאָעט מיט דערוואַגטקייט און יכולת צורירן זיך צו דער מוראדיקער טעמע און נישט אָפּבריען זיך די פינגער.

דאָס טרויעריק־טראַגישע, אומגלייביקע, וואָס דער שׂכל, די מענטשלעכע לאָגיק איז נישט משׂיג, הייבט אָן נעמען אויף זיך קינסטלערישע פלייש, הויט און ביין, ווערט באַגלייביק און מן־הסתם בלײַביק אין געשריבענעם וואָרט.

אמת, נישט גרינג אויפצונעמען, באַנעמען, פאַרשטיין אַזאַ שירה. אָבער ווער זאָגט, אַז מ׳דאַרף פאַרשטיין אַ ליד? פאַר־שטענדלעכע לידער — אויב זיי זענען לידער — האָבן אַ ברירה צו זײַן נאָך נידעריקער פון מיטלמעסיק. אַ ליד דאַרף מען אויפנעמען

אַטמאָספעריש מיט געפיל, מיט נשמה. פון אַ ליד קאָן מען הנאה האָבן איידער מ׳פאַרשטייט עס. האָט דאָך געזאָגט דער פראַנצייזישער דיכטער זשעראַר דע נערוואַל: „ווען מ׳זאָל מײַן פּאָעזיע דערקלערן — אויב דאָס וואָלט געווען מעגלעך — וואָלט זי דורך דער דערקלערונג פאַרלאָרן דעם גאַנצן חן״. (מ. ליטווין, פראַנצייזישע פּאָעזיע, באַנד 2, 1986). ווען מיר זאָגן, ווי אויבן דערמאָנט, הנאה האָבן, מיינט עס אַוודאי און זיכער נישט חורבן־טעמאַטיק. עס מיינט געמיטלעכע, גײַסטיקע, עסטעטישע הנאה, וואָס עכטע קונסט שענקט דעם לייענער. אָבער אויך פון לייענער פאָדערט זיך אַ באַשטימטע אינטעליגענץ מיט אַן אייגענעם טעם און געשמאַק, אַ דין־הערעוודיק אויער, אַן אינערלעכער אויג פון פּאָעזיע־געניסער. ערשט דעמאָלט קענסטו אַרויסשלאָגן אַ באַלדיקע הנאה. ערשט דעמאָלט טוט זיך בעריסנקיס ליד אָן אויף דיר, ווי אַ כּישוף־רייף. דאָס איז אויך חל אויפן, אַזוי צו זאָגן, פּשוטן לייענער, דעם ייִד פון אַ גאַנץ יאָר. אין סך־הכּל איז אויך דער נישט־אינטעליגענט אין דער פּאָטענץ פון אַן אויפנעמער און אָפּנעמער פון עכטער קונסט. ווי זאָגט זיך ערגעץ: גאָט דענקט אין פילאָסאָף, חלומט אין פּאָעט און דרימלט אין יעדן צווייטן מענטש.

בערינסקיס ליד סײַ אין ברייטע פרײַע שורות, סײַ אין שמאָלע, קורצע, קאָמפּאַקטע שורות האָט אין זיך די צוזאַמענגעסודותקייט, דעם צוזאַמענזינג פון ווערטער אין באַהעפט פון שורות. ליד איז אַ וועלט פאַר זיך, וואָס לעבט, דאַרף לעבן מיט אַן אייגן לעבן, אַ וועלט, וואָס הענגט על בלימה און איז סײַ סוד, סײַ מיסטעריע, סײַ רעאַליע. פון דאַנען דאָס נישט תּמיד דערגיין צום אויער בײַם ערשטן מאָל לייענען בערינסקיס ליד. דאַרפסט עס לייענען נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, ווי עס טרעפט אָפט בעתן הערן אַ גוט מוזיקשטיק.

אויב ס׳איז פאָרט דאָ — און עס איז זיכער פאַראַן — אַן אונטערשייד אין אויפנעם־פעיִקייט פון דיכטער און פון פּשוטן בשׂר־ודם איז דאָס, וואָס דער דיכטער שפּירט בכּוח הניחוש די

שטימונגען פון מענטש, פון שטיל לעבן, פון נאַטור־דערשײַנונגען, לטוב ולרע, אַ סך פריער ווי ער באַנעמט זיי מיטן שׂכל. ער ווערט געבוירן מיט דער שפּירונג. ערשט שפּעטער קומט דאָס וואָרט. דאָס וואָרט איז דער לבֿוש. דיווירקלעכקייט איז אַ שאָטן (אפשר אַן אָפּשאָטן) פון דער אינערלעכער וועלט, וואָס דער דיכטער טראָגט אין זיך. ערשט אין ליכט פון „זײַן" וועלט — און אַ דאַנק זײַן לעבנס־נסיון — זעט ער דאָס אויסערלעכע, די וועלט און סבֿיבֿה, וואָס רינגלט אים אַרום.

עס בעטן זיך ציטאַטן פון בוך פון פולע 200 זײַטן אין פאַרשייד־נאַרטיקער פאָרעם, תּוכן, קאָנטעקסטן, אין ברייט־האָריזאָנטיקער טעמאַטיק וואַרייִרט אין לידער און פּאָעמעס.

געלויבט איז דער, בעט זיך זאָגן, וואָס גייט אַן אייגענעם וועג. געלויבט איז דער, וואָס בלאָנדזשעט — זאָגט זיך אַ ווערטל. ווער עס בלאָנדזשעט — זוכט, ווער עס זוכט — געפינט.

ווען האָט בערינסקי געבלאָנדזשעט, געזוכט, זעט מען נישט אין זײַנע לידער. אַז ער האָט געפונען — זעט מען.

אַלע, כּמעט אַלע זײַנע לידער אין פרײַע פּראָזאַאיִשע שורות אויף האַלבע און גאַנצע זײַטן, אויך די קליינע דרײַ־פיר־שורהדיקע און איינוואָרטיקע לידער, וואָס ווערן צו מאָל געהאַלטן אין אַ קיל שמייכעלע, אין אַן איראָנישן, אויך מאַקאַברישן הומאָר — זינגען זאָגנדיק און זאָגן זינגענדיק.

צוליבן מאַנגל אין אָרט און צוליב דער גרויס פון די לידער און פּאָעמעס לאָזט זיך קיין סך נישט ציטירן. אָבער פּטור בלי כּלום — גייט נישט.

ווען מיר זיך באַגנוגענען כּאָטשבי מיט אַ כּזית־ליד, 15 שורות פון אַ ציקל לידער:

„אָפּגעווײנט און פריילעך אָפּגעזונגען
אויף אייראָפּעס חורבות —
איז פאַרברענט

מײַן שטעטל
מיט זײַן לאַנד־און־וועלט
צוזאַמען.
אמן״.

„יתגדל...
און דאָס איז געבליבן
אין גרויסע הויפטשטעט, אויף די מערק,
אין די פיזיק־קאַטעדרעס... שעף אין באַנק און אָפיס
אויף אַ נײַעם ברעג
— — — דאָס איז
מער קיין פאָלק נישט:
דאָס איז דרעק.״

נאָך נײַן שורות:

„לייגט מען די זון אויף די רעלסן — דער צוג פאָרט זי איבער
ווי אַ לוזשע — ביז די הויכע טרײַבשטאַנגען אין שײַן.

לייגט מען די נאַכט אויף די רעלסן — דער צוג פאָרט אַרײַן
ווי אַ יום־טובדיקע סובמאַרין — אין אַן אייביקן
ניט־זײַן.

לייגט מען דעם ייִד אויף די רעלסן — דער צוג שפּאַרט זיך אָן
אין זײַן אַקסל און קני — און צעשרײַט זיך,
שפּרינגט אונטער און קלאַפּט
ווי אַ גאַנער
מיט די פליגל
און דער ייִד הייבט זיך אויף מיט אַ שמייכל:
„נו פאָר זיך שוין... פאָר...״

יאָ, האָבן מיר דאָ אַ ברייטן פרײַען פערז. פרײַע, כמעט פּראָזאַ־
ישע שורות, אויף אַנטיפּאָדישע קאָמפּאָנענטן — ליריש־אינדיווי־

דועלע, חורבן, ייִדישער מהות, תּוכן, ייִדיש־היסטאָרישער זכּרון לויט אַן אייגענעם מאָדעל: שווערמוטיקער ערנסט און ערנסטע איראָניע.

לייענענדיק די לידער קומען מיר נישט איין מאָל אויפֿן זינען די „יונגע", די אינזיכיסטן, וואָס האָבן אין זייַנער צייַט אין די 20־ער יאָרן געטענהט בעל־פּה ובעל־פּען, אַז... „דער פרייַער פערז", אויך „פּראָזאַיש־טאָגטעגלעכע ווערטער און באַגריפֿן האָבן דאָס רעכט צו ווערן אַ טייל פֿון ליד"... „דער פרייַער פערז (איז) פאַרגליכן צו אַ נייַער ברייטער וועלט, פֿול מיט נאָך נישט אַנט־פּלעקטע לענדער". (אברהם נאָווערשטערן, „די גאָלדענע קייט" נומער 131, זייַט 156). און נאָך זאָגט זיך אויף דער זעלבער זייַט און אַריבער אויף זייַט 157: „ס'זענען נייטיק נייַע לענדער, כּדי צו 'דעקן' די אויסגעוואַקסענע באַגריפֿן, די פֿאַרברייטערטע געפֿילן און געדאַנקען".

הייַנט, דרייַ דורות זינט דעמאָלט, העכער פֿופֿציק יאָר נאָכן חורבן, נאָכן אויסהרגענען ייִדיש לעבן, טויטן ייִדישע ליטעראַטור, קולטור און זייערע שעפֿערס, הערט זיך, בכן, זעט זיך אין בערינס־קיס לידער און פּאָעמעס — אין זייַן גאַנג, אין טאָן, אין תּוכן אַ שפּראַץ פֿון אַ ווידערגעבורט פֿון אַן אולטראַמאָדערנעם אינזיכיזם.

אולטראַמאָדערניזם איז בשום אופֿן נישט רעוואָלט קעגן אַלטן. אַדרבא: אויפֿהייבן, אַרויסהייבן דאָס אַלטע, תּוכיקע, בראָכיקע מיט נייַע און באַנייַטע קינסטלערישע מיטלען, מיט נייַע און אויף נייַע וועגן.

אַוודאי בעט זיך נאָך און נאָך אַרייַנטראַכטן, שטודירן. אָבער דאָס לאָזט זיך נישט מאַכן אויף איין מאָל. דאָס 200־זייַטיקע בוך לידער און פּאָעמעס פֿאָדערט אַ ברייטע אַרבעט.

מוז מען, צי מען וויל יאָ צי נישט, זאָגן עד כּאן און שטעלן אַ פּינטעלע.

מאָטיוון פון דער זשורי פונעם מאַנגער־פּריַיז

שוין אין אָנהויב, בעת ער איז באַקאַנט געוואָרן פון זיַינע ראָמאַנען „ברויט" און „זאַמד", איז געווען קלאָר, אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אַ שריַיבער וואָס אין זיַין רעספּעקט וועט ער באַריַיכערן אונדזער ליטעראַטור. אויך זיַין פּאָעזיע, ווי, למשל, זיַין לידער־געזאַמל „דאָ גייט אויף די זון" האָט פּאָרויסגעזאָגט גוטס. די זאַמלונג דערציילונגען און נאָוועלן „הי" האָט אים דערפירט צו הויכפּונקטן אין זיַין שאַפן. די דערציילונגען ברענגען צונויף אויף אַ גאָר געלונגענעם אופן און מיט ערלעכע און נישט־ליטעראַריזירטע מיטלען דורות און ציַיטן. מיר האָבן דאָ אַ שפע פון באַגעגענישן, איבערלעבענישן, דערמאָנונגען פונעם עבר און אַסאָציאַציעס מיטן הייַנט, געשריבן קוואַליק, מיט טעמפּעראַמענט, איבער דעם אַרט שריַיבן צו וועלכן מיר זענען הי געוווינט. אונדזערע באַאַמטע, די פּקידים, ווערן דורך דעם שריַיבער אַרויסגעבראַכט אַזוי טרעפלעך אמתדיק, ווי טרעפלעך און געניט עס זענען זיַינע פּסיכאָלאָגישע אַריַינטראַכטונגען און נאַטור־געמעלן.

זיַין ערשטע זאַמלונג עסייען און אָפּהאַנדלונגען א. נ. „אַזוי צו זאָגן" וויַיזט אונדז ווי שנעל, ערנסט און עכט שלמה וואָרזאָגער האָט זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער ייִדישער מאמריסטיק. ער האָט אין זיַין כּסדרדיקן זוכן געפונען דאָס

מלכות פון עסיי און קריטיק. ער האָט אַ נעם געטאָן אַ גאַנצע שרײַבערוועלט — זיבעציק מחברים — בײַ דער טשופּרינע און זיי אַרײַנגעפּירט אין איין געצעלט. מיט נישט־געמאַכטער פּשטות זאָגט ער אונדז דורך דעם בוך: לייענט און זעט ווי אַזוי איך, וואָס לעב זיך אויס אינעם ראָמאַן, אינעם ליד, זע אונדזערע שאַפערס. לייענט און איר וועט זען, אַז אין אָט די קריטישע טעג איז פאַראַן בײַ אונדז וואָס און וועמען צו לייענען.

מיט זײַן גאַנצן ביז איצטיקן שאַפן אין ליד, אין דער נאָוועלע און אין דער עסייִסטיק, פּרעזענטירט זיך שלמה וואַרזאַגער ווי אַ רײַפער קינסטלער, וואָס טראָגט אַרײַן אין דער ייִדישער ליטעראַטור זײַן אייגענעם אָטעם. זײַן שאַפן באַשטעטיקט נאָך אַ מאָל, אַז „יונג־ישׂראל״ איז נישט בלויז אַ נאָמען, נאָר אַ ווער־טיקער אינהאַלט פאַר ייִדיש־שאַפונג אין ישׂראל.

נעמענדיק אין באַטראַכט זײַן גאַנץ שאַפן האָט די זשורי פונעם מאַנגער־פרײַז איינשטימיק באַשלאָסן צוטיילן דעם פרײַז פאַרן יאָר תּשמ״ו—1986 דעם דיכטער און פּראָזאַיקער שלמה וואַרזאַגער.

אינהאַלט

דערציילונגען

11 פרידע
33 סאָניע
59 צילע
87 שיינדל
103 מרים
117 דער יונגער זקן
137 דאָס שוועבעלע

עסייען

147 דוד בערגעלסאָן
149 דוד בערגעלסאָן
161 דוד האָפּשטיין
163 דוד האָפּשטיין דער ליריקער
169 מרדכי צאַנין
171 געראַנגל פאַר קיום (מרדכי צאַנין, „דער גזר־דין — אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים״, ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 1985)
188 פון יענער זײַט צײַט (מרדכי צאַנין, „פון יענער זײַט צײַט״. ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 1988)

201 אברהם סוצקעווער

203 דער יורש פון רעגן (אברהם סוצקעווער, „דער יורש פון רעגן״, פאַרלאַג „די גאָלדענע קייט״, תל־אביב 1992)

211 אברהם סוצקעווערס פּראָזע (אברהם סוצקעווער, „אויף איין טעלער פון דער וואָגשאָל״, „די גאָלדענע קייט״, נומער 119)

217 הירשע־דוד מעינקעס

219 מתנגדישע מעשׂיות (הירשע־דוד מעינקעס, „מתנגדישע מעשׂיות״, ירושלים 1996)

229 ה. בנימין

231 טאָקע אויף טשיקאַוועס (ה. בנימין, „טאָקע אויף טשיקאַוועס״, פאַרלאַג „דרײַ שוועסטער״, ענגלאַנד 1994)

239 לעוו בערינסקי

241 לעוו בערינסקי און זײַן לידערוועלט (לעוו בערינסקי, „פישפאַנג אין ווענעציע״, ה. לייוויק־פאַרלאַג, תל־אביב 1996)

פון זעלביקן מחבר:

זײַן, לידער, פֿאַרלאַג „פֿרײַהייט", מינכען 1948

ברויט, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1960

זאַמד, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1963

גורלות, ראָמאַן, פֿאַרלאַג „המנורה", תּל־אביב 1967

יאָרן, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1973

דאָ גייט אויף די זון, לידער, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1975

הי, ראָמאַן, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1985

אַזוי צו זאָגן, עסייען, פֿאַרלאַג י. ל. פּרץ, תּל־אביב 1985

יאָמערגעזאַנג, פּאָעמע, „ישׂראל־בוך", תּל־אביב 1987

יוני 1941, נאָוועלע, „ישׂראל־בוך", תּל־אביב 1988

האַלינא, ראָמאַן, „ישׂראל־בוך", תּל־אביב 1990

דורות, ראָמאַן, „ישׂראל־בוך", תּל־אביב 1992

אַ גט, נאָוועלע, ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, תּל־אביב 1993

ליבשאַפֿט, ראָמאַן, ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, תּל־אביב 1996

בעברית:

9 סיפורים, פון יידיש מ. יונגמאַן, הוצאת ספרים מ. ניומן, תל־אביב תשל"ט, 1979

הלינה, רומן, ספרית פועלים, תל־אביב 1996

גרייט צום דרוק:

אַזוי צו זאָגן, עסייען, באַנד 2

זי וויל אַ קינד, ראָמאַן